STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00561

BIREBIDZSHANER

David Bergelson

Permanent preservation of this book was made possible
by Mona Rymberg
in memory of
husband Morris

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ד. בערגעלסאָן

בירעבידזשאנער

דערציילונג

פארלאג „עמעס", מאָסקווע
1934

קאפּיטל איינס

1

זומער נײַנצן הונדערט אכט און צוואנציק איז קיין בירע-בידזשאן אָפּגעפאָרן איינע פון די ערשטע גרופּעס ייִדישע אי-בערוואנדערער. זי האָט זיך אָנגעקליבן ערגעץ ארום מינסק, פרילוקע און קאָנאָטאָפּ — מענטשן האַרעווענדיקע און פּאָשעטע מיט אלע מײַלעס און אלע כעסרוינעס, וואָס אזוינע פאר-שלעפּן מיט זיך פון קליינשטעטלדיקער היים: מע איז א ביסל טעמפּ, א ביסל צו קלוג, מע איז ניט געבילדעט, דעריבער — שטענדיק אפּ דער וואך, טאָמער וועט עמעצער אָפּנארן. דער רעוואָליוציע און דער אַרבעטער־מאכט גלייבט מען, דאכט זיך, ווי אן אייגענער. מע האָט ניט איין מאָל געזען: זי נעמט זיך אָן דעם אָרעמאנס קריוודע. דאָך — דאָס פּריערדיקע לעבן האָט אויסגעלערנט ניט אויסצוזאָגן גלײַך וואָס מע וויל, „פארדרייען יענעם א קאָפּ, אניט וועט יענער דיר פארדרייען", „פארבאָט א מעקעך", „גיי ארום און ארום", „האנדל" יערושע פון טא-טעס און מאמעס — „פארן עמעס שלאָגט מען".

און די רעוואָליוציע — דער קאָפּ איז צו קליין אפּ צו בא-נעמען אירע גענג, אפּ צו כאפּן גלײַך:

— וואָס מיינט זי?..

אין דעם זינען זײַנען ניט אלע אין דער גרופּע איבער-וואנדערער גאָר אינגאנצן פון איין טייג געקנאָטן: איבער רע-וואָליוציע־זאכן קאָן נאָך אויסקומען זיך א קריג טאָן צווישן זיך — מער אָרעמע מיט ווייניקער אָרעמע, ייִנגערע מיט עלטע-

רע — נאָר אַלץ מישפּאָכעדיק, אין פּלוג איבער גאָר, גאָר קליי־ניקייטן, א זייטיקער וואָלט ניט באַלד פאַרשטאַנען:

— איבער וואָס, אייגנטלעך, קריגט מען זיך?

אייניקע אין גרופּע ווייסן גאַנץ קלאָר, אז דער צאַק פּססר האָט באַשטימט אויסטיילן בירעבידזשאַן פאַר די נויטן פון ארבעטנדיקע ייִדן. אַנדערע אין גרופּע האָבן זייער א שוואַכע פאָרשטעלונג אפילו וועגן די ווערטער „באַשטימונג", „אויס־טיילן", פּלאָנטערן זיך אין דער פאָרשטעלונג, ווו דאָס לאַנד ליגט. אז עס קומט צו רייד וועגן דער באַשטימונג פון צאַק, קאָן איינער אַרײַנשטעלן:

— יאָ, גוט. נאָר וואָס-זשע? — האָסט דען אַליין גערעדט מיטן צאַק?

מע זוכט דעריבער א שטיקל „בעטועכ", כאָטש צווישן זיך אַזוינעם, וואָס בא יעדן שווערן ניט געלונגענעם טריט זאָל מען זיך קאָנען אָפּ אים אַרופּוואַרפן: אָט ער האָט עס גע־הייסן, ער האָט דאָס געזאָגט מיטן פולן מויל — „פּאָרט"! מע האָט שוין אַזא איינעם אין אויג בא זיך אין דער גרופּע — דאָס איז דער געדיכט־האָריקער שימקע, אַן אַכט־און־דרײַסי־קער, א נישקאָשעדיק־געזונטער; זײַן פאַמיליע „שנייוּר" דער־מאָנט אָן שווארצע האָר, וואָס וואַקסן אים העכער די וואָנצעס, אין דער פאַראַקשנט־געפּלעטשטער נאָז, אפילו אין די אוי־ערן — הארטע האָר, ווי שטעכיקע כאָדיקעס. בא אַלע קליינ־קייטן, וואָס מע דאַרף אין וועג אָפּטאָן — אפילו טיי אַרײַנ־ברענגען אין וואַגאָן, א פּאָר עמער וואַסער — זאָגט מען או־מיסטן אין דער הייך:

— מעט ניט טאָן? — זאָל נאָר שימקע הייסן.

שימקע פילט, אז מע וויל אים דאָ „אַרײַנפּאַקן", ווערט ער אומצופרידן, ענטפערט קימאַט מיט א געשריי:

— וואָס דאַרף איך דיר הייסן? האָסט אַליין קיין קאָפּ ניט?

אַזא איז ער. באַקומט ער צו א מענטשן אומגלויבן, קוקט

ער אים מיט שטעכיקע הזָר אין די וויִעס און אין די ברע־מען, ווערט בארויגעז, דרייט זיך אוועק אָן לאָשן אָן א זייַט. פון שימקען קאָן מען זיך דערוויסן, וויאזוי די געשיכטע מיט דער גרופּעס פּאָרן האָט זיך אָנגעהויבן:

— געווען א פארזאמלונג אין מינסק. מינסק איז עס ניט זשעדנע, נאָר אף יענער פארזאמלונג — ערד־טרעטעניש: מאָסק־ווער יידטוער, א פּאָר אגראָנאָמען — א פּראָפעסער, דאכט זיך, אויך — האָבן דערציילט וועגן א ניַי געפונען שטיק לאנד... ניט צו פארגעסן.

— איז אף יענער פארזאמלונג אן אוילעם — א פּאכעד!

שימקע איז דאָרט די גאנצע צייַט געשטאנען אף די פיס — אין אָפּגעריבענעם פּעלצל, אין הארטלעכע שטיוול, — געקומען פון א נאָענטן בייַשטעטלדיקן קאָלעקטיוו, וואָס לייַדט פון וויי־ניק ערד, געזוכט ארום זיך מיט די אויגן — טאקע דאָרט אף דער פארזאמלונג, ראק אזוינע, ווי ער, אזעלכע, וואָס זייַנען אויסגעוואָקסן באַ ערד, אליין געארבעט, „וויסן וואָס ערד הייסט". אין דער האפּסאָקע האָט ער צוגעקוקט, ווי אין איינעם א ווינקל אָמפּערט מען זיך צווישן זיך — אזוינע, וואָס זאָגן: „אהא! גוט", מיט אזוינע, וואָס זאָגן: „טאקע גוט, נאָר..." ער האָט געקוקט אף זיי מיט צוזאמענגעצויגענע אויגן, מיט שטע־כיקע האָר אין די וויִעס און אין ברעמען, געוווּסט שוין פריִ־ער: זיי וועלן אוועקגיין אהיים און זיך לייגן שלאָפן אונטער דער איבערבעט. אויסגעלאָזט האָט זיך, אז ער, שימקע, — א געבוירענער לעבן קאָנאָטאָפּ — איז אוועקגעפאָרן אהיים און האָט דאָרט אָנגעקליבן די גרופּע — עטלעכע און דרייַסיק פאמיליעס, וואָס ער אליין קען, וואָס האָבן אליין אלע יאָרן גוט געהאָ־רעוועט. איצט פּאָרט מען, און פון יענע, וואָס האָבן געזאָגט: „אהא גוט" און „טאקע גוט, נאָר...." איז קיין איינער אין דער גרופּע ניטאָ — אופגעהויבן פון דער היים דורך זידעוודיקע פּראָ־צעסן וואָס אין און ארום דער רעוואָליוציע, איז מען געפאָרן

פּאָשעט, אָן שום טראכטעניש וועגן נײַע עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע און וועגן איר „אלוועלטלעכקייט". געצויגן אפּ מיזרעכ מיט גרויס גלוסטעניש צו זעטיקייט און אָן שום „יעיצערהאָרע" יידישלעכ אידעאליזירט צו ווערן, ניט ווייסנדיק אפילע, וואָס איז עס אזוינס, פול מיט פּאָרזיכטיקן אומגלויבן צו יענע, וואָס דארפן עס.

ס'איז געווען אין סאָפּ זומער, ווען קיין בירעבידזשאַן זיינען געפּאָרן די ערשטע גרופּעס יידישע איבערוואנדרער. טעג האָבן אויסגעגעבן זייערע לעצטע העלע שײַנען, אלע ווארעם-אָנגעהיצטע עקסטראקט־רייכעס: פּריש-זוניקע פּרימאָרגנס, היציקע גאָלדענע באטאָגן, קילע צעצויגענע פּארנאכטן, ברענענדיקע קאָלירן אונטער אלע ווײַטע הימלען.

2

דער צוג — אזא, וואָס האָט צײַט — איז געגאנגען פון די מאָסקווער פּײַכטע פלאכן צו פּערמער וועלדער, צו די אורא-לער הויכקייטן, צו פריש־אופגעוועקטע נאטור-רײַכקייטן, וואָס האָבן נאָכ אין צוועלפטן יאָרהונדערט צוגעצויגן צו זיכ נאָוו-גאָראָדער רוסישע סאָכרים „אושקויניקעס" און איניינעם מיט פּערם, מיט פּעטשאָרע, מיט סיבירער לאנד „יורגא" פּארוואנדלט געוואָרן אין א קאָלאָניע בא נאָווגאָראָדער האנדל-קאפּיטאל. דער צוג איז געגאנגען צו די סיבירער הימל־בלויקייטן, אהין, ווו בא הײַנטיקן טאָג באווײַזן זיכ נאָכ אלץ נײַע שיכטן גאָלד, פּלאטינע, זילבער, קופּער, אײַזן, קוילן, אהין, ווו באם ערשטן קראַצ אין דער ערד הייבן אָן שפּריצן אלץ נײַע און נײַע פאָנטאנען נאפט, אהין, ווו יעדער שטיין איז א דענקמאָל פאר פּארטריבענער העלדישקײַט, פאר „באזיגטע" מארטירער, וואָס... האָבן געזיגט. דער צוג איז אָט געשטאנען, אָט ווידער גע-גאנגען.

אין צוג האָבן וואָכנוויַיז זיך געדרוקט אַף מיזרעכ די איבער־וואנדערער, געפאָרן לאנג און נודנע מיט אייגענע וויַיב־און־קינדער, מיט א סאך אַלטע קישנס, וואָס שמעקן מיט ניט־געוואשענע קינדערשע ווינדלעך, געפאָרן מיט עפּעס א סאך אומבאגריַיפלעכע האָפענונגען אין הארצן און מיט עפּעס זייער א קנאפער פאָרשטעלונג וועגן אָרט, וווהין מע פאָרט, און וועגן דעם, צי איז פאָרן אהין בעצעמעס קעדייַ. ווארעם דער איינציקער, וואָס האָט אלעמענ צונויפגענומען, איז שימקע. אים קען מען, כאָטש פון „צוריידן יענעם" האָט ער זיך גענוג גע־היט. טאָמער געענטפערט: „וואָס פרעגט איר בא מיר? — איך פאָר אויך שוין". און איצט, אין וואגאָן, שלאָפט ער גאָר, אָט דער שימקע — שנאָרכעט אַף זיַין „נארע" גאנצע פרימאָרגנס, גאנצע באטאָגן, ווי איינער, וואָס האָט שוין זיַינס אָפּגעטאָן. מע וויל אים דאָ מאכן פאר א גאנצן „קנאקער", און ער טראכט וועגן זיך: „ניט קיין נאר, כ'וועל ניט לאָזן" — ער שלאָפט.

פון פּאָשעט איַינגעריכטעטע וואגאָנעס, דורך ברייט אופגע־רוקטע טירן זעט מען פרעמדע געגנטן, פרעמדע טיַיכן און פרעמדע שטעט. וויַיבער, אז זיי האָבן ניט וואָס צו טאָן, לא־טען זיי אין וואגאָנען שמאטעס סײַ ווען דער צוג גייט סײַ דער צוג שטייט. יונגווארג, ליגנדיק, האלב־ליגנדיק בא זיך אינעם באזונדערן וואגאָן, עס דערעסט זיי ניט צו גיין צוגאסט פון איין וואגאָן אין צווייטן, עס דערעסט זיי ניט אלע־מאָל באניַיס אויסצוזינגען אלץ, וואָס מע קען: יידיש, אוקראי־ניש, קאָמיוגיסטיש. וויַיבער לויזן הארציק די קינדער־קעפּלעך, וואָס שפּארן זיך צו זייער שויס. מאנצבלען האָבן עפּעס, אפּאָ־נעם, אייגענע מינים געדאנקען אין קאָפּ בייס זיי קראצן די בערד. בא קאָפּל גריַיעווער — א געקייפּלט גרויסער, מיט וויי־ניק רויטלעכע האָר אַף גרויסן קאָפּ און פּאָנעם — גלאנצן די אויגן, פלאמען ארויס פון צווישן די זעק אין טונקעלן

וואגאָנ־ווינקל, וווהינ ער האָט זיכ פאַרוקט. ער איז שוינ אמאָל געווענ „ארופגעשווומענ“ — א שטיקל פערד־ליפעראַנט, כאָטש די לעצטע יאָרנ איז ער צוריק געוואָרנ פּאָשעט א באַלעגאָלע. באַגעגנסט זיכ מיט זײַנע אויגנ, טוט ער מיט זיי עטלעכע מאָל א פינטל, פאַרגלאָצט זיי צו די ברעמענ צו אונ קוקט דיכ אָנ מיט כשאַד, ווי ער וואָלט זאָגנ: „שטויסט זיכ אָנ, ווענג וואָס איכ האָב געטראַכט?.. ניינ, ווי קומסטו זיכ אָנצושטויסנ“? א ביסל צוגעגעסנ האָט זיכ אַלע איבערוואַנדערער סימכע קאָראָ־ליוווקער, כאָטש ער לייגט אויס אַלצ צו גוטנ אונ מאָלט גאָל־דענע בערג. ער איז א לענגלעכ-דאַרער מיט גרויסע גרוי-שלעפעריקע אויגנ, מיט א גלאַט ציגנ־קאָל, מיט מאָדנע גלאַט־סאַמעטענע רייד, מיט א מויל, וואָס אז עס הייבט אָנ שטיל צו מאָלנ, וועט עס קיינער ניט אָפּשטעלנ, ער אליינ — אוואַדע ניט. ער האָט פונ יינגלווײַז אָנ געדינט לעבנ ערד בא א רײַכנ פּאָרעצ אונ האָט ליב צו זאָגנ די ווערטער „ווענ מע גיט מיר“. מיט זיי הייבט ער אָנ, אייגנטלעכ, צו ריידנ:

— ווענ מע גיט מיר...

— ווענ מע גיט מיר אזוי א פּאָר טויזנט דיעסיאַטינ אַקער-ערד, גוטע, שווארצע, פעטע...

— ווענ מע גיט מיר אקעגנ א... זיבעציק פּאָר אָקסנ...

— ווענ מע גיט מיר ניט קיינ סאַכ, א... פינפ אונ פער־ציק־פופציק פּאָר אויסגעפּאשעטע פערד...

— ווענ מע גיט מיר נאָכ כוצ דעמ...

ריידנ קאָנ ער אזוי לאַנג, אָנ אופהער, אָבער — נאָר קאָל־זמאַנ עימקע שלאָפט. שימקענ — אויב ער שלאָפט ניט — פאַר־דריסט עס ביז גאָר. ער שרײַט אָנ:

— „ווענ מע גיט מיר“!

— „ווענ מע גיט מיר“!

— אָט לויפט מענ — אָ!

— ווערסט ניט אופהערנ?

— ס'ווערט ניט גוט אפּ צו ברעכן. לאָמיר אזוי געזונט זײַן.

עמעצער אין א זײַט כאַפּט אונטער:

— סע קערט זיך איבער די גרינע גאל...

פארוואונדערט ציט סימכע דעם קאָפּ אין די אקסלען:

— וואָס איז?

גרויסע גרויע אויגן קוקן ביז גאָר שלעפעריק. אין די אויגן ווינט סימכע — א קינד מיט גראָ־ווערנדיקע האָר אפן קאָפּ און מיט א בלאָנד־הארט געשוירן בערדל.

ער הייבט ניט אָן צו פארשטיין:

— כ'מיין עס דען פונמײַנטוועגן?

— מיט וואָס האָב איך דאָ כויטעבייגל געוועז?

צו זײַן באוואונדערן: אלע ארום אים, זעט ער, שווײַגן צו, זייערע פּענעמער — ווי שימקע וואָלט שוין פאר זיי האָבן אלץ אָפּגעזאָגט. אפילע די ווײַבער אין וואגאָן — יענע, וואָס לאטען שמאטעס — זײַנען אויך קאָנטעט. בלויז איינער אין וואגאָן האָט נאָך, אפּאָנעם, עפּעס צוצוגעבן: דאָס איז בעני פּרינצ — א גע־וועזענער בעדער אין יאראָשעווע. א מענטש, וואָס ווען ניט די עטלעכע האָר בא די זוימען פון זײַנע לענגלעכע שווארצ־קאָרענע באקן, וואָלט ער איצט, א פּערציקיאָריקער, גע־בליבן אינגאנצן אָן א באָרד. מיט איין אויג קוקט ער אפּ סימכען שטאר, ווי מיט א בלינדס, מיטן צווייטן אויג שמייכלט ער ארײַן אין דער אייגענער זשמעניע, פונוואנען ער לייגט זייער און זייער פּאמעלעך קערלעך צו זיך אין מויל. אזא איז ער: א פײַנט פון כאפּעניש — קיין איינאָרע, נישקאָשעדיק הויך, נישקאָשעדיק געזונט און דאָך טאָמעד אין באָד אָן ברען גע־האקט האָלצ און געפּאָמפּעט וואסער, אָן אײַלעניש, ווי איינער, וואָס פארהיט זיך פון ווערן געברעכט. פון גיין אין באָד ארום שטאָטלײַט, פון צוקוקן זיך צו זייערע פּאָסטעמקעס, בייס זיי טוען זיך אויס נאקעט, פון געדענקען, ווער וואָס האָט האָלט, —

איינער האָט ליב א הארט בעזעמל, איינער א ווייכס, איינער וויל, מע זאָל אים רײַבן שטארק, אנ אנדערער — מע זאָל זיך צו אים קוים צורירן, — פונ דעם אלעם, מיינט ער, איז ער געוואָרן א שטיקל מייווינ אפ מענטשנ אונ אפ זייערע „סטראנאָסטנ". ער זעצט זיך צו נעענטער צו סימכען, רירט אים אָנ מיטן עלנבויגנ ערגעץ גאנצ הינטנ, באַם זאָדעק.

— דו ראזדראזשאיעסט — זאָגט ער צו סימכען מיט אזא מינע, ווי ער וואָלט אים הייסנ פארשפּײַען א קנעפּל אפ א געווויסנ אָרט.

יאָ, סימכע אליינ זעט עס שוינ אויך. ער האָט נאָר מוי־רע, טאָמער וועט מענ מיינענ, אז דאָרט „אפנ אָרט" קלערט ער פּראוועג מיט יענעמ:

— וואָס־זשע? — איך ווייס שוינ ניט, וואָס איך רייד?

— אָבער בא ערד ווייס איך וואָס מע האָט צו טאָנ?

— כ'האָב נאָר געמיינט: ווענ מע גיט מיר אלצ, וואָס איך רעכנ אויס, וואָלט איך געמאכט פאר אלעמענ, וואָלט איך...

— נו, גענוג, גענוג — ווינקט צו אים בעני, — ווער וועט געבנ? — עסט האָרעווען, עסטו האָבנ. טשעפּע בעסער ניט... ס'האָט דערעסנ, זעסט ניט?..

טאקע אזוי.

סע האָט דערעסנ.

דעריקער, אפּאָנעמ, האָט דערעסנ דאָס פאָרנ, דאָס לאנגע שטיינ אפ פארשיידענע וואָקזאלנ, דאָס ניט-קלאָרע וויסנ, ווענ וועט מענ „אהינ" קומענ אינ וויאזוי זעט עס „דאָרט" אויס. דאָס ניט־האָבנ אינ וועג קיינעמ, צו וועמענ מע קאָנ האָבנ טײַנעס — שוינ דערפאר אליינ פילט מענ, ווי אָפּגעפריצע־וועט...

אינ מאָסקווע האָט „נעזערד" געהאט צוגעשטעלט א מענטשנ — א ראשיקנ יאט מיטנ נאָמענ יאָסל פריסקער, א בוי־ארבעטער פונ אָדעס — אימ ווי אויסגעזאָגט דעמ סאָד, וויאזוי צו ווערנ

אין איינ שטיי-דריי א גוטער ברודער מיט אלערליי וואָקזאל-גאטשאלניקעס, אלעמענ קלאָר:

— אים געגעבנ אלע „פּאָלנאָמאָטשיעס".

איז ער אינ וואגאָנ, וואָס יונגווארג האָט פאר זיך אָפּגעגומענ, אָפּגעפּאָרנ ביז טיומענ, אויסגעזונגענ מיט זיי אלע לידלעך און איז פונ דאָרט אוועק מיט א צוג פריִער, געזאָגט: ער האָט אומעטום אפנ וועג גרופּעס איבערוואנדערער, מע וועט אים אָניאָגנ. מע קומט אפ א גרעסערנ וואָקזאל, טרעפט מענ שוינ דאָרט בלויז זיינע שפּורנ — ער האָט באוואָרנט, דער אָרטיקער איבערוואנדערער-פּונקט זאָל באגעגענענ מיט ווארעמ עסנ, און איז אוועק ווייטער. קאָפּל גרייעווער זאָגט וועגנ אים:

— שיט אים זאלצ...

אָדער נאָך קירצער:

— א ספּריטנער!.. א?

אונטער קאָפּלס שווערנ קערפּער — בלויז פונ איינעמ אנ אומצופרידענעמ ריר זיינעמ טוענ דאנ א סקריפּע די ברעטער ארומ די זעק, ווו ער זיצט. נאָך טיפער פונ קאָפּלענ, אינ סאמע וואגאָנ-ווינקל, זיצט די גאנצע צייט אפ זיינ האלבנ זאק סוכארעס דער שווארצער בייז-האָריקער איבערוואנדערער פּרויעמ טשערנאָבילער — א שטארקער קאָרינצעס-רייכערער. זיינ באוואָקסנ פּאָנעמ מיט די באוואָקסענע פינגער — ווי אָפּגעשמירט מיט דזעגעכצ פונ טרייבנ גאנצע זומערס פליטנ אפנ דניעפּער. אז ער איז א בייזער מענטש, ווייסט ער אליינ — ער האָט זיך אומיסטנ פארקליבנ אזוי טיפ אינ וואגאָנ-ווינקל, אזש אונטער דער „נארע", געגעבנ מיט זיך צו ווויסנ:

— מיך טשעפּעט בעסער ניט...

פונ אונטער דער „פּאלאטע" זעצט ארויס זיינ מאכאָרקעגערוך. עס לייכט פונ דאָרט ארויס זיינ שטענדיק דויכערדיקע קויל. ווי נאָר מע הייבט דאָ אָנ צו ריידנ וועגנ דער מייסע מיט

פּריסקערן, פאַרדרייט ער גלײַך זײַן פּנעם צום לינקן אַקסל און בלײַבט אַזוי לענגער זיצן, ווי איינער זאָגט:

— איך שווײַג...

— איך, אַז איך וועל אָנהייבן ריידן, וועט שוין זײַן גאָר מיִעס...

מיט דער צײַט, ווען דער צוג שטייט, באַנוצט זיך אָפּט זײַוול בראָדסקי — אַן איבערוואַנדערער פֿונעם דריטן וואַגאָן, — קומט אַהער מיט הענט, וואָס זײַנען פֿרום פּאַרוקט איינע אין אַרבל פֿון דער אַנדערער, קומט אומיסטן, קעדיי צו זאָגן:

— ווען איך פּאַק אים, אָ־דעם פּריסקערן...

— כ'וואָלט אים צעריסן אויף שטיקלעך.

דאָ, אין וואַגאָן, ווו שימקע פּאָרט, וויל מען ניט הערן, וואָס זײַוול זאָגט: מע קען אים פֿון קאָנאָטאָפּ — אַ געוועזענער קוס־טאַר, וואָס האָט געמאַכט מאָנפּאַסיע. אַליין האָט ער גאָר אַ גאָרגלדיקן האַלדז, פּלעגט אַרײַנכאַפּן אַ פֿינף־און־צוואַנציקער פֿאַר אָפּראַווען אַ „יאָמים־נוראָים". אין סמאָלענסק איז ער צו־געקומען צו דער גרופּע איבערוואַנדערער, געהאַט אַן אָרדער פֿון ערגעץ אַ „געזײַרד", געהאַט מיט זיך דורכויס פֿײַן־אײַנ־געפּאַקעוועטע פּעק, אויסגעזען לעבעדיק, ווי ער וואָלט פֿאָרן אויף אַ כאַסענע — עפּעס צו גרינג.

אַ פּאָר סטאַנציעס פֿאַר נאָוואָסיבירסק האָט מען בײַ זײַוולען אין וואַגאָן געדאַוונט אין טאַלייסים, געפּראַוועט עפּעס אַ ראָש־כוידעש. יונגוואַרג אין שכיינעסדיקן וואַגאָן האָט גענומען זינגען העכער די קאָמיוגישע לידלעך, געלאַכט, געלאַכט און ווידער געזונגען. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. זײַוול האָט זיך גע־גאָרגלט.

זײַוול פֿירט מיט זיך אין וואַגאָן — כוצן צווייטן יונגן ווײַב מיטן עלטערן מיידל — אַן עטלעכע־און־צוואַנציקיאָריקן באָכער מיטן נאָמען „זוזיא", אַזוינעם, וואָס האָט קינדווײַז גערעדט העברייִש, נאָכדעם זיך אויסגעלערנט בוכהאַלטעריע, אַזוינעם, וואָס זײַוול אַליין זאָגט אויף אים:

— ער ?..

— ער ווייסט שוין דאפקע יאָ, ווּהין מע פּאָרט, ווען מע וועט „אהין" קומען און וויאַזוי עס זעט „דאָרט" אויס.

זוזיא איז איינמאָל געקומען אהער אין וואגאָן, געשטאנען דאָ מיט א פּאָנעם, וואָס וויפל מע זאָל אים ניט האָבן געוואשן, דארף מען עס אָקאָרשט נאָכאמאָל רעכט אָפּשווענקען, קעדיי מע זאָל קאָנען דערזען, וואָס טוט זיך אין אים. ער האָט דער־ציילט וועגן אָרט, ווּהין מע פּאָרט, געוווּסט געניי אלצדינג — יעדער פּיצעלע. אין וואגאָן האָט מען מער געקוקט אף אים, איידער געהערט, וואָס ער זאָגט. ער האָט דערציילט וויאַזוי יידן וועלן ווינען „בא זיך אליין":

— „אלץ אייגנס".

— „אף אייגענער שפּראך".

— „אף יידיש, הייסט עס"...

אין וואגאָן האָט קיינער ניט פארשטאנען די פּסורע, וואָס ער זאָגט דאָ אָן — מע וועט שוין קוים אמאָל מיט מאזל ריידן יידיש... א געדולע אף דער באָבען אף זיינער! — ווי גלייך ביז אהער האָט מען גערעדט טערקיש. מע האָט געקוקט אף אים און געשוויגן. בלויז קאָפּל גריַעווער — צווישן די זעק וואָס אין טונקעלן ווינקל — האָט בעריש אָפּגעווישט די טרוקענע הענט אָן אייגענעם אונטערביילעך און שטיל א בורטשע געטאָן:

— זאָל ער גיין, דער אדוואָקאט, מע דארף ניט קיין באל־דארשן...

אונטער אים האָט פּרוּעם טשערנאָביל'ער פּארדרייט דעם קאָפּ צום אייגענעם לינקן אקסל און אזש געטאָן א קרעכץ. אונטער דער „פּאלאטע" האָט זיך שטארקער אָנגעצונדן זיין מאכאָרקע־קויל. סימכע קאָראָליוקער האָט מיד געדרעמלט. איינע פון די ווייבער האָט געוואשן אין א מולטער, אנדערע האָבן געקאָכט באם אייזערנעם אויוועלע. מיט א שטאר אויג האָט בעני פּרינץ געקוקט, ווי פויל ער פּארלאָזט דעם וואגאָן, אָט

דער „זוויא" — אזוי זיך... ווי איינער, נאָך ווענען מע האָט דעם שאלאָטן־שאמעס ניט געשיקט. בא בעניק אינ מויף האָט זיך אפ א רעגע פארטראכט איינס פונ די קערלעך, וואָס ער האָט אהינ פאמעלעך ארייַנגעלייגט, — לעבנ יענע, צו ווענען מע קאָנ האָבנ טייַנעס, איז ער אפילע קיינמאָל ניט געשטאנענ, אָט דער „זוויא". דער איינציקער אינ דעם זינענ איז דאָ אינ צוג נאָך אלצ געוועזנ שימקע. פונ אימ וואָלט מענ שוינ דאפקע יאָ געוואָלט הערנ, ער זאָל עפּעס ריידנ אונ עפּעס זאָגנ. איז ער אָבער אזא, וואָס שווייַגט אונטער אונ היט זיך — אך, ווי ער היט זיך!

3

אָט שטייט מענ שוינ ווידער אפ עפּעס גאָר א קלייִנער סטאנציע.

מע שטייט שוינ אזוי א האלבנ טאָג אונ מער. דער טאָג איז דאָ דאפקע זייער זוניק, ביז גאָר ווארעמ אונ שטיל. נאָר ס'האָט דערעסנ, קיינער הייבט נאָך אלצ ניט אָנ צו וויסנ:

— ווי לאנג וועט מענ נאָך שטיינ?

ניטאָ אפילע בא ווענען צו פרעגנ:

— פארוואָס שטייט מענ?

אזא זאך, פארשטייט מענ, קאָנ פארדריסנ. מע הערט שוינ הייַנט צומ ווילפלטנ מאָל, ווי הענער קרייענ אפ יענער זייַט רעלסנ לעבנ א ווייַט אונ פרעמד פויערש שטיבל — די איי־גענע הענער האָט מענ הייַנט געהערט קרייענ, ווענ ס'איז נאָר טאָג געוואָרנ. קאָפּל גרייַעוועוער רוקט זיך ארויס פונ צווישנ די זעק וואָס אינ טונקעלנ וואגאָנ־ווינקל, באוויַיזט אלעמענ זייַנ געקייפלטע גרייס, פארקוקט זיך אפ די אייגענע פיס אונ שטיוול. בלויז צוליב דעמ, דאכט זיך, איז ער פונ זייַנ ווינקל ארויס־געקראָכנ — צוליב א קוק טאָנ אפ די אייגענע שטיוול. מער, קאָנ מענ זייַנ זיכער, וועט ער גאָרנישט ניט טאָנ. דאָך — ער

בעט ארופ א שווערע האנט אפן אייגענעם געזונטן קארק און טוט א פּאָנפּע:

— דער דאָזיקער...

— פּריסקער...

— ער האָט געזאָגט: „אפ מײַן אָרט בלײַבט שימקע".

— שימקע, האָט ער דאָך געזאָגט, וועט טאָן אַלץ, וואָס מע דארפ.

אַליין האָט ער דערבײַ א קאפּל א קרום מויל, שמייכלט צו, ווי איינער, וואָס זאָגט א כאָכמע. נאָר קלאָר וויסן קאָן מען ניט — עפּשער האָט ער א טעווע צוצושמייכלען מיט א קרומלעכ מויל בייס ער האלט באם געבן עמעצן פּעטש? דאָ האָט זיך אָנגעהויבן א גערייזדערײַ — אזא, וואָס ווערט פון מאָל צו מאָל בייזער:

— מע שטייט און מע שטייט.

— סע האָט דען א שיר?

— קיינעם ארט עס ניט.

— מע קען דאָך אזוי אייביק.

פון זײַוולס וואגאָן איז מען אהער געקומען צו לויפן — מאנצבלען, דעריקער ווײַבער — אַלע מיט טײַנעס צו שימקען:

— ניט געדארפט אפ זיך נעמען!

— ניט געזאָלט פּריסקערן אָפּלאָזן.

שימקע האָט דערופּ גענטפּערט — צוערשט מיט זייער א קאַלטן און זייער א קלאָרן כיטעכאדיבער:

— ערשטנס, האָב איך קיינעם ניט אָפּגעלאָזט, קיינעם און גאָרנישט אפ זיך קיינמאָל ניט גענומען.

דערנאָך — מער ווארעם, אײַנבייגנדיק אַן עלנבויגן און פּאר־קוועטשנדיק א פויסט:

— צווייטנס, באם נאטשאַלניק בין איך שוין געווען איין מאָל, צוויי מאָל און דרײַ מאָל, זיך שוין מיט אים קימאט געשלאָגן.

דערנאָך — פאָכענדיק מיטן פויסט אין דער לופט:

— דריטנס, כ'האָב געזאָגט: „מאכט מיך ניט פאר קיין קנאקער".

דאָ האָט ער זיך אָנגעהויבן גרייטן אפ צו-לייגן זיך צו-ריק שלאָפן, געהאט דערביי נישקאָשע פון א קעמפערישן אויס-זען — אן אקשן, וואָס וועט זיינס דערוויזן און וועט זיך ניט לאָזן „ארייַנפּאקן" — געוואָרן ביז גאָר רויט, אויסגעשפּיגן:

— מע פוילט זיך ניט און מע טוט אליין.

— יאָ!

— סאמאָסטאָיאטעלנע מענטשן!..

ס'האָט געזאָלט דאָ אפן אָרט דערוויזן ווערן: דאָס, וואָס ש'מקע שרייט, איז א קלייניקייט — מע קאָן איבערשרייען. ס'האָט אָנ-געהויבן ווערן ווארעם. גראָד דענסטמאָל האָט דער וואגאָן, ווי פון זיך, געגעבן א שפּרונג אונטער — אין דרויסן האָט מען צוגעשטעלט א לאָקאָמאָטיוו. דער צוג האָט פויף גענומען רירן, האָט מען זיך צעשאָטן, ווער — אין זיין וואגאָן, ווער — אין זיין ווינקל, אלע אופגערודערטע—הייסע אויגן, וואָס געבן צו וויסן:

— סעט זיך נאָך טאָן!

— קיין דייגע ניט.

— ס'האָט זיך ערשט אָנגעהויבן.

— מעט לעבן, ועט מען זען...

דער „מעט לעבן, וועט מען זען" האָט געזאָלט פאָרקומען שוין אפ מאָרגן, ווען דער צוג האָט זיך באנייס אָפּגעשטעלט, נאָר יונגווארג פון א יאָר אכצן און עלטער—יענע, וואָס פאָרן באזונדער אין וואגאָן, זינגען יידיש, אוקראיניש, קאָמיוגיסטיש, לאכן, ראנגלען זיך צווישן זיך — זייַנען אהער געקומען, גע-נומען איינטיינען, אז סע ניט מעסוקן, אויב מע פאָרט א ביסל לענגער, מע דארף זיך עס ניט נעמען צום הארצן. יונגע יאטן האָט זיך דאָס מאָל איינגעגעבן אייַנצושטילן דעם אוילעם. דער-נאָך — דער צוג איז נאָך אלץ געשטאנען — האָבן זיי געפּרוווט

זייערע קויכעס באַם אופהייבן די שווערע קלעצער, וואָס ליגן בא די רעלסן. ארקע באַסקער האָט עס געמאַכט מיט קאָפּ, ווי א פיזקולטורניק־קאַמיוגיסט, געלערנט דערביַי אַלעמען, וויאַזוי צו פארהיטן די מוסקולן ארום די לענדן:

— נאָר מיט די הענט — אָ!

ווערווּל — קאָפּף גריַיעוועס דריַי־און־צוואַנציק־אָריקער יאַט — האָט אָנגעשפּיגן אין די פויסטן, ווי א שטיק פריילעך כאַפּעניש אָפּגעשטויסן ארקען:

— לאָז, וואָס טויג מיר כאָכמעס?

זיַין פּעכ|זע קיַילעכיק פּאָנעם מיט די קליינע קווערלנדיקע אויגן — ווי די גאַנצע ציַיט וואָלט זיך עס פרייען אפילע אין שלאָף:

— „איך ארבעט שוין מער ניט בא איצי דעם סטאָליער".

ער האָט ליב, מע זאָל אים פּלוצעם־דערינען א פרעג טאָן:

— בא וועלכן איצי דעם סטאָליער?

ער וועט דאַן פריילעך אויסשריַיען:

— בא איצי מיט די סאַך מוידן!

א ביסל מאָדנע איז צוגעטראָטן אופצוהייבן דעם שווערן קלאָץ ליפּע סימכע קאָראָליוואָקערס — א לענגלעכער, א דארער מיט א דינ גרוזינער פּאַסיקל אפן שווארצן העמדל. אפ זיַינע שווארצע איַינגעשלאָפּענע באַקן ארום די ארויסגערוקטע פּולע ליפּן האָבן א שוים געגעבן גרינע וואָלקנס, ווי בא איינעם, וואָס זאָגט:

— ווארט, דאָ דארף מען א טראַכט טאָן.

דאַגעגן איז דאָרט זיך גאָר אנדערש באַגאַנגען דער קליינ־וואוקסיקער פרי־באַוואָקסענער מאָטל שקלאָווער — ווען אלע האָבן זיך שוין געהאַט אומגעקערט צוריק צום וואַגאָן, האָט ער זיך ארומגעקוקט, צי קיינער איז נישטאָ, געגעבן אפּגיך א הייב דעם קלאָץ, געזען, אז ער קאָן, און זיך באַרויִקט.

וואָס איז שיַיעך צו זוזיא בראָדסקי, איז ער דאַן — ווי

איינער, וואָס פּאָרט גאָרניט מיט יונגווארג אין איין וואגאָן — געשטאַנען מיט עטלעכע קלאפּטער ווײַטער, געהאלטן די הענט אין די טאשן פון די צוגעטראָגענע הויזן און צוגעקוקט. נאָך איידער ער האָט באוויזן די הענט פון די טאשן ארויסצונעמען, האָט אים זײַן עלטערע שוועסטער פון וואגאָן א געשריי געטאָן:

— זוזיא, ניטע, וועסט זיך עפּעס אָנארבעטן.

ווען דער צוג האָט שוין געזאָלט רירן, האָט דער מיידל־שער צאַד צווישן יונגווארג נאָך אַלץ געהאט ארבעט — געריסן צוריק אין וואגאָן אַרײַן יעדן יאָט, וואָס רוקט ארויס פון דאָרט דעם קאָפּ און שרײַט אויס סטאם אזוי זיך:

— זוזיא, ניטע, וועסט זיך עפּעס אָנארבעטן!

4

בא יונגווארג אין וואגאָן, אז מע קוקט אהין אַרײַן — דער־זעט מען צוערשט: א פּאָר פארביקע פּלאקאטן אף די ווענט — רופן צו קאָמונע־לעבן. העכער די פּלאקאטן — לאָזונגען פון לע־נינס און סטאַלינס רעדעס, אויפגעשריבן מיט יידישע און רו־סישע אויסיעס אף רויט פּאפּיראָס־פּאפּיר, באפּוצט מיט צוגע־טריקנטע בעריאָזע־צווײַגלעך, וואָס מע האָט אָנגעבראָכן אין וועג. די געלעגערס וואָס איןביידע זײַטן אף די צווייגאָרנדי־קע „נארעס" — צוגעגלעט־פּארדעקט, די פּאָדלאָגע־ברעטער — אויסגעקערט, באגאָסן פון א טשײַניק, קעדיי אין וועג זאָל דער אָנגעפּלויגענער שטויב זיך גלײַך אָפּזעצן. בעני פרינצ, פרויעם טשערנאָבילער, אנדערע פאמיליעס פונעם וואגאָן, ווי עס פּאָרט זײַוול בראָדסקי, האָבן ווי פארגעסן, אז זיי האָבן דאָ אין וואַ־גאָן זייערע מיידלעך — ניט זיי אליין, ניט זייערע ווײַבער קו־מען אהער ווען־ניט־איז א קוק טאָן. בעני פרינצ, ווען דער צוג איז איינמאָל געשטאַנען דאָ, איז יאָ צוגעקומען אהער, נאָר

אזוי זיך — ניט ווי א טאטע, — געשטאנען דאָ א ווײַלע, גע-וואָרפן פאמעלעך קערלעך פון דער זשמעניע אין פארטראכטן מויל אריַין, אריַינגעקוקט מיט א שטאר אויג אין וואגאָן אריַין. ער האָט דערזען א הענגענדיקע ביקס אף דער וואנט, זיך מע־יאשעוו געווען מיט א ניט צעקנאקט קערל אין מויל, א פרעג געגעבן:

— וועמעס ביקס?

א מיידל האָט אָנגעוויזן אף ארקע באסקערן:

— זײַנע.

בעני האָט אויסגעדרייט זײַן קאָפּ צום מיידל, זי א ווײַלע באטראכט מיטן שטארן אויג, — דאכט זיך פרויעם טשערנאָבי-לער, געראָטן אין פאָטער: א שווארץ־געקרײַזלטע, נידעריק־פעסטע, שטארק אין די אקסלען, די באקן רויטלען זיך נאָך, ווי בא א פלאָמפלעצל, און די שווארצע אויגן שמייכלען שוין אוש אונטער פון ווארעמען ברען, שארף ארויסשטעקנדיק נעזל — נישקאָשע פון א פּאָרציע „שייגעצ”.

בעני — קאלט צום מיידל:

— ווי רופט מען דיך?

דאָס מיידל — ווארעם, ערעוו־לאכנדיק צו בעניען:

— פעסל — זיך לעבעדיק א וויג געטאָן, — וואָס אי-דען?

מיטן זעלבן אויג האָט בעני שטאר א קוק געטאָן אף ארקע באסקערן, געוואָלט וויסן, צי ער שטויסט זיך ריכ-טיק אָן:

— קאָמסאָמאָליעץ?

פון דער זײַט האָט ארויסגעקנאקט וועלוול:

— אָ — אָ! — שוין געווען אין קראסנע ארמיע...

נאָר בעני האָט זיך צו אים ניט אומגעקוקט, אלץ בא-טראכט דעם שלאנק-אויסגעפראוועטן ארקען:

— וועמען וועסטו דאָרט שיסן — א טערק?

וועלוול פון דער זײַט:

— ער וועט שיסן בערן.

נאָר ארקעס בליק האָט געהייסן וועלוולען שווײַגן:

— „לאָז אויסריידן א וואָרט“.

ער האָט געהאט איינגאנצן אן ערנסט פּאָנעם, געזאָגט בעניָן, אז דאָרט אין בירעבידזשאנער איז פאראן וואָס צו שיסן, אויסגערעכנט א ביסל סאָרטן:

— ווילדע קאטשקעס, ווילדע גענדז, קוליקעס, ווילדע ציגן, ווילדע כאזיירים, אזעלכע גרויסע, קימאט קי, וואָס מע רופט זיי „סוכאָטא“...

פאר בעניָן, איז עס, אפּאָנעם, געווען גענוג, ווײַל ער האָט איבערגעשלאָגן:

— פונוואנען ווייסטו? ביסט דען דאָרט געווען?

ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן: ארקע האָט א כאווער, אן אינזשעניער אין יענע מעקוימעס — אין כאבאראָווסק — האָט אים יענער געשריבן: „אין א רו־טאָג, אז סע גלוסט זיך אונדז, נעמען מיר די ביקסן — איך און נאָך א פּאָר כאווירים — מע לאָזט זיך ארויס צו דער טײַגע, האָט מען נאָכדעם פליישׁ אף צוויי־דרײַ וואָכן“...

בעני האָט געפרעגט:

— וואָס נאָך שרײַבט ער פון דאָרטן?

ארקע:

— גאָרנישט, אזוי... א לאנד, ווי אלע לענדער... וועלדער, טאָלן און בערג...

— בערג?

בעניס שטאר אויג האָט מער צו קיינעם ניט געקוקט; ער האָט, אפּאָנעם, א טראכט געטאָן, צו וואָס קאָנען אים, דעם געוועזענעם בעדער, טויגן בערג.

ער האָט קאלטלעך געזאָגט:

— אז איר ווייסט יאָ עפּעס, וואָס דאָרט טוט זיך, איז וואָס־זשע שווײַגט איר?

און ער איז אוועק גאנץ פאמעלעך צוריק צו זײַן וואגאָן, אהין, ווו נאָך אנדערע האלטן פונקט ווי ער:

— אויב די אייגענע מוטשענינע וואָס אין דער היים, דארף מען עס אפ קאפּאָרעס.

יונגווארג האָט אים אָנגעקוקט און גערעדט מיקויעך דעם, וואָס פאר דער גאנצער צײַט, זינט מע פאָרט, האָט מען גע־מאכט סאכאקל עפּעס איינע אָדער צוויי פארזאמלונגען.

מע האָט באשלאָסן:

— א נײַע אלגעמיינע פארזאמלונג.

— וואָס גיכער.

— פון זײַוולס וואגאָן וועט מען ווידעראמאָל ניט וועלן הערן?

— מע וועט הערן, מע וועט הערן.

5

יונגווארג ווייסט דאָך מער, ווי די עלטערע, וואָס ארום און ארום אין וועג טוט זיך. מע האָט מיט זיך עטלעכע אויס־געלייענטע צײַטונגען, ווו עס רעדט זיך וועגן דעם אָרט, וווהין מע פאָרט, וועגן די דאָרטיקע פּערספּעקטיוון פאר ייִדישע דע־קלאסירטע און אלערליי ארבעטנדיקע. מע האָט מיט זיך א גע־אָגראפישע קארטע, אין וועלכער מע קאָן זען, וויאזוי מע פאָרט און דורכוואנען מע פאָרט. אפ צו ווייסן עפּעס אין דער קאר־טע איז ארקע באסקער דער גרעסטער בעריע. ווי נאָר מע פאָרט אָפּ פון א סטאנציע, לייגט ער זיך אוועק מיט דער פאנאנדערגענומענער קארטע אפ דער „נארע“ און זוכט אין איר אויס די פײַנע ערטער, ווו מע וועט דורכפאָרן. אזוי איז געוועזן צוריק מיט א טאָג צוויי, ווען מע איז פארבײַגע־פאָרן נאָוואָסיבירסק. די שטאָט האָט ארקע געפונען אין זײַן געאָגראפישער קארטע:

— אָ! הארט באם טײַך אָב.

ס'איז געווען װײניק — אַפּ אַזױפֿיל, אַז די קאַרטע האָט שיר ניט געװוּמען פאַרלירן איר כײן, װאָרעם ס'איז דאָך עפּעס נאָװאָסיבירסק... װאָס איז עס? — מע זאָל האָבן אַ טאָעס?..

דער איבערװאַנדערער-צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט װײַטלעך פֿון װאָקזאַל אַפּ רעזערװע רעלסן. אַרקע איז אַראָפּגעשפּרונגען, זיך אַ שאַר געטאָן צװישן די פֿיל צוגן אַפּ רעכטס און אַפּ לינקס — אַלץ רעזערװ-שװערע צוגן, שטומע און בלינדע. ס'איז שטיל. בלויז אײן לעבעדיקער מענטש שאָקלט זיך לעבן אַ צוג, האַלט אַ האַמער מיט זײער אַ לאַנג הילצערן הענטל, קלאַפּט אָן אין יעדער ראָד — נישקאָשעדיק אױסגעשמירט, קימאַט אַ קוימענקערער. אַרקע האָט זיך מיט אים צערעדט, געקוקט די גאַנצע צײַט ניט אַזױ אַפּ יענעמס שװאַרץ-געשמירט פּאָ־נעם, װי אַפּ זײַנע װײַסע געזונטע צײן, זיך גלײַך דער-װוּסט:

— שױן דװוּקע ניט קײן טאָעס.

די װײַסע שטאַרקע צײן — אַפּאָנעם סיבירער, אָרטי-קע, — האָבן פּאַמעלעכקע אַ לױכט געטאָן די שטאָט אין טאָג אַרײַן:

— שױן אײנמאָל אַ שטאָט!

— ערשט־אָ, נאָך דעם בירגערקריג, געהאַט זעכציק זיבן טױזנט אײַנװױנער, איצט — שױן אַריבער צװײ מאָל אַזױפֿיל.

— נאָך מיט אַ סמיטשיק.

— בױט זיך און בױט זיך.

— פֿאַבריקן דורכױס אַרום.

— שפּאַן צום װאָקזאַל.

— פֿון דאָרט זעט מען.

אַרקע האָט זיך באַלד אומגעקערט, אַזױ פֿײַן אָנגע־

דרודלט ארום זיך די יונגע כעוורע אין וואגאָן, אז אלע האָבן זיך דערפילט „פּערווע מעכוטאָנים" אין דעם, וואָס די ראטנ־מאכט טוט דאָ אוף, זיך ארומגעבערשט, ארומגעוואשן, איניי־נעם מיט ארקענ אוועק צום וואָקזאל קוקנ פונ איבער דעם שטיינערנעם פּארקן, וואָס טיילט אָפּ דעם הויכנ וואָקזאל. פאר־נעם נאָענטנ, נידעריקנ טאָל האָט מענ געזענ:

— סע בויט זיך אונ בויט זיך.

— אומעטום... זע...

— אינביירע זייטנ באנ.

— בארג־ארופ אונ בארג־אראָפּ...

— אָנ דאָרט. גאנצ ווייט — אויך: ס'ארא הויכע רישטע־וואניעס!

— וואָס איז דאָס? — פּאבריקנ?

אפּ דער וואָקזאל־פּלאטפּאָרמע, ווי מע האָט זיך ארומגע־דרייט, האָט מענ נאָכאמאָל באגעגנט „דעם אויסגעשמירטנ מיט די ווייסע שטארקע סיבירער ציינ". איצט האָבנ די ציינ גע־לאכט, געפרעגט:

— נו?

ווי איינער רעדט:

— „עפּשער געזאָגט א ליגנ?"

דערציילט, אז דאָס אלצ, וואָס מע זעט פונדאנענ, איז נאָך א קליי‌ניקייט — מע וואָלט געמעגט א קוק טאָנ וואָס אהינ, ווייט אינ געגנט טוט זיך.

אז מע האָט זיך אומגעקערט צוריק אינ וואגאָנ, האָט מענ באנייס גענומענ אינ דער ארבעט די געאָגראפישע קארטע, מיט ברייט-צענומענע אויגנ נאָכגעקוקט ארקעס פינגער, וואָס טייטלט אפּ איר. איינעם מיט ארקענ אָפּגעגאנגענ א ביסל אָנ א זייט פונ צוג, געשטאנענ, זיך איינגעקוקט אינ דער ווייטער ווייט. פונ די וואגאָנעס האָבנ עס באמערקט על־טערע. זייוול בראָדסקי איז אהער צוגעגאנגענ. ער האָט געזאָגט:

— מעשוגאָים!
ער האָט צוגעגעבן:
— כ'האָב געמיינט, מע זעט דאָרט א פּאָזשאר.

6

אומעטום שטעקט ער אריין זיין נאָז — זייוול בראָדסקי. אזא איז ער געווען בא זיך אין דער היים, אזא איז ער אויך איצט אין וועג.

ער האָט זיך שוין דערוווּסט, אז וואָס ס'איז שייעך צו איבערפאָרן פון איין אָרט אפן אנדערן, זיינען יירן איצטער-אָ ניט די איינציקע — אפ גרעסערע וואָקזאלן טרעפט מען דאָ צוגנ נאָך מיט אנדערע, ניט-יידישע איבערוואנדערער. ער האָט עס דערציילט, ווען דער צוג אפ איינער א סטאנציע האָט זיך פארהאלטן אפ אן איבעריקער האלבער שאָ, און אלע פון זיין וואגאָן זיינען געשטאנען אין דרויסן. ארקע באסקער איז דאָרט אויך געשטאנען, געהערט, ווי זייוול זאָגט צום אוי־לעם:

— מע לויפט...

ארקע האָט בלוילעך-גרויע בוילעטע אויגן. אז ער ווערט אופגעבראכט, ווערן אים די אויגן נאָך בוילעטער, דערמאָנענ אָן די אויגן פון א שטרויס. אזוינע זיינען זיי בא אים געווען, ווען ער האָט בא זייוולען געפרעגט:

— „מע לויפט”? פונוואנען?

זייוול האָט דערויף געענטפערט:

— וואָס פרעגסטו מיך? — זעסט דאָך גלייך מיט מיר.

ארקעס אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן, געוואָרן רויט.

— עפשער איז עס דערפאר, וואָס די ראטנמאכט לאָזט אויסקלייבן ווינען ווו מע וויל, עפשער נאָר דעריבער פאָרט מען?

זײַוול האָט דערופֿ א מאַך געטאָן:

— ווער עס דאַרף, יענער פֿאָרט.

אַרקע:

— און וואָס פֿאָרט איר?

זײַוול:

— וואָס־זשע? איך דאַרף זיך פֿאַר דיר מיסוואַדע זײַן? ביסט אַ גאַלעך?

ווײַגן זײַוולען האָט אַרקע נאָכדעם געזאָגט צווישן יונג־וואַרג:

— וואָס דאַרף מען „אַהין" דעם זײַדענעם ייִדן? וואָס וועט ער דאָרט טאָן?

ווײַגן אַרקען האָט זײַוול נאָכדעם געזאָגט צו יענע, וואָס פֿאָרן מיט אים אין איין וואַגאָן:

— ער מיינט: אַ „ראַבאָטשי", ער קאָן פֿאָרן אָפּ אַ טראַק־טער, האָב איך זיך פֿאַר אים דערשראָקן.

ער האָט אָפּילע ניט געטראַכט אויפֿהערן צו שטופּן אומע־טום זײַן נאָז — טאַקע זײַוול. אין אַנינסק — אַ גרעסערע סטאַנ־ציע — האָט ער דער ערשטער זיך דערוווּסט:

צום צוג האָט מען צוגעטשעפּעט אַ צוג מיט ניט־ייִדישע איבערוואַנדערער.

ער איז אַוועק צו יענעם וואַגאָן, זיך דאָרט היפּש גע־זאַמט און זיך אומגעקערט גאַנץ קאָנטעט — גרייט צו ענטפֿערן אויף אַלץ, וואָס מע וועט אים פֿרעגן.

— מע פֿאָרט ערגעץ־וווּהין, נאָך ווײַטער פֿון בירעבידזשאַן.

— מע איז געפֿאָרן ביז יורגאַ מיטן וואַסער — סיבּיריאַקעס.

— מע ענטפֿערט פֿויל — אַ וואָרט איבער צען.

דערהערט פֿון יענעם וואַגאָן עפּעס העכערע קוילעס, ווידער אַהין אַוועקגעשפּאַנט און זיך אומגעקערט מיט נײַעס:

— ס׳איז אַ פֿישער־פֿאַמיליע טאַקע דאָרט אין וואַגאָן. מע פֿירט מיט זיך אַ סאַך פֿישער־געצײַג, אַלערליי נעצן. סאַכאַקל

דרײַ אירע — א מאַן, א ווײַב און א יונג מיידל — עפּעס יאָ א טאָכטער, ניט קיין טאָכטער — דאָס האָט מען זי געשלאָגן. איר האָט ניט געהערט, ווי דאָס מיידל האָט געוויינט?

נאָר אויב א מיידל, וואָס מע שלאָגט עס און עס וויינט, האָט עס מער א שײַכעס צום וואַגאָן, ווו עס פאָרט יונגווארג. יאטן האָבן שוין באוויזן היפּש אָפּצושמײַן לעבן דעם נײַ־צו־געטשעפּעטן וואַגאָן און באטראַכטן די פישער-פאַמיליע: דער פאָטער — אַן עטלעכע־און־פערציקיאָריקער מיט א פײַערדיק־רויטער קליינער באָרד, מיט קליינע ווילדע אויגן אין ביידע זײַטן פון דער שאַרפער קרום־צעבראָכענער נאָז, די שוואַרץ־צעקנייטשטע מוטער — זייער אַן אָפּגעפּאָרענע, א דרעמלדיק־מידע — זעט אויס עלטער פונעם מאַן אַפּ א יאָר צוועלף־פופצן. דאָס יונגע מיידל — א טונקל־בלאָנדע מיט פּײַכטלעכע גלאַט ארונטערגעקעמטע האָר, מיט א לענגלעכ זוניק־אָפּגעברענט פּאָ־נעם, ניט געראָטן ניט אין פאָטער, ניט אין דער מוטער. דעם מיידלס פארוויינטע אויגן — בלוילעכ, שמאָל־פארזאָרגט, ווי בא א גרויסן אקשן, וואָס וויפל מע זאָל אים ניט טרייסטן, האלט ער אין איין טראַכטן: „וואָס איז מיר די וועלט? וואָס האָב איכ פון איר?" אָנגעטאָן איז זי אויכ ניט וואָזשנע: א שמאָל־געוואָרן ראָז־ציצן קאָפּטל, וואָס פארדעקט קוים אירע יונגע בריסטלעכ, א קורץ־אָפּגעבליאַקעוועט געל קליידל — זייער א דינס, מיט א גרויסן פארצערעוועטן ריס, די פיס — באָרוועס. און אליין דאַפקע א שלאַנקלעכע — אַפּ אירע פיס וואָלטן גע־פּאַסט די בעסטע, דינסטע זאָקן. פאמעלעכקע טאַקע בא יענע, וואָס פאָרן אין נײַ־צוגעטשעפּעטן וואַגאָן — האָט יונגווארג אויס־געשעפּט די גאַנצע געשיכטע, פארוואָס די פישער-פאַמיליע לעבט ניט בעשאָלעם צווישן זיכ: דאָס מיידל, ווײַזט זיכ ארויס, איז גאָר דער שוואַרץ־צעקנייטשטערס א פּלימעניצע. דער רוי־טער וויל מיט איר לעבן, זײַן „אַלטע" איז אויכ דערפאַר, ווײַל זי איז כאָטש אירע א פּלימעניצע און אויב דער רויטער

וועט זיך צווכן א פרעמדע, וועט ער זי, די „אַלטע", אינגאנצן ארויסוואַרפן. דאָס מיידל האָבן זיי געשלאָגן דעם גאַנצן וועג — איצט טרײַבט מען זי פון וואַגאָן. יונגווארג האָט אפילע ניט באוויזן זיך צונויפריידן צווישן זיך, געבראכט פונעם וואָקזאַל איינעם, איינעם מיט אים געטשאַטעוועט, מע זאָל דאָס מיידל ניט לאָזן איינע אַליין דאָ, אפּן פרעמדן וואָקזאַל, מע זאָל זי מער ניט ארויסוואַרפן פון וואַגאָן. באַנאַכט, ווען דער צוג איז אוועקגעגאַנגען, האָט יונגווארג אויסגעטיילט בא זיך אין וואַגאָן א וואַך, קעדיי צו זען, וואָס וועט זיך טאָן אפּ די ראַזיעזדן. פּאַרטאָג, אפּ איינעם א ראַזיעזד, האָט מען דאָס מיידל פונעם צוגעטשעפּעטן וואַגאָן ארויסגעוואָרפן און צוריק צוגערוקט די וואַגאָן־טיר. די וואַך האָט געפירט דאָס מיידל צו יונגווארג אין וואַגאָן — אַזוי איז געווען אָפּגערעדט:

אויב אַזאַ פאַל וועט זײַן, זאָל מען זי נעמען צו זיך שטיל אָן יעדן מינדסטן ראַש.

יונגווארג איז מער ניט געשלאָפן — אַלעמאָל, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דאָס מיידל געוואָלט אַנטלויפן, מוירע געהאַט: דער רויטער וועט זיך דערוויסן — מע וועט זי הארגענען. פּעסל — פּרויעם טשערנאָבילערס — האָט דערוויזן, אַז אויב „מע דאַרף עמעצן צוריידן טאַקע אפּ אַן עמעס, מיט הארץ, איז לאָזט מיך".

זי איז געוויר געוואָרן באַם מיידל ווי מע רופט זי:

— פּאַלאַשקע אָדער פּאַלאַשע.

זי האָט די גאַנצע צײַט געהאַלטן איר האַנט אפּ פּאַלאַשעס אַקסל, זי באַגלייט און געהיט אין יענע פאַלן, ווען פונעם שטיין-געבליבענעם וואַגאָן האָט מען געמוזט אפּ א רעגע ארויסגיין. דער רויטער אין צוגעטשעפּעטן וואַגאָן האָט דאָך עפּעס דערזען, דערשמעקט. באַטאָג, אפּ א קליינער סטאַנציע, איז ער אַהער געקומען, געפּאָדערט, מע זאָל אים פּאַלאַשען אָפּגעבן, זיך געוואָלט שלאָגן. יונגווארג האָט אים אין וואַגאָן

ניט ארײַנגעלאָזט. אזוי איז געווען א גאנצן טאָג איטלעכס מאָל, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. ׳דער רעכטער אָנ-הייב האָט זיך אָנגעהויבן ערשט ־שפּעט אינאָוונט, ווען מע איז געקומען קיין קראסנאָיארסק. דאָרט איז יונגווארג באנײַס אוועק אפּן וואָקזאַל. דעם רויטן מיט זײַן שווארץ־צעקנייטשטער אל־טער האָט מען ארויסגעזעצט פונעם צוגעטשעפּעטן וואגאָן, געלאָזט אין קראסנאָיארסק. אלע איבערוואנדערער אין זייערע וואגאָנעס זײַנען שוין געשלאָפן. גאנץ פרי, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אפּ א נײַער סטאנציע, האָט מען זיך אופגע־כאפּט און זיך דערוווסט:

— פאַלאשע פּאָרט מיט יונגווארג אין וואגאָן.

בא זײַוולען אין וואגאָן האָט מען געזאָגט:

— בעקיצער — א ראָמאן.

מיט זײַוולען אין וואגאָן זײַנען מיט זייערע ווײַבער און קליינע קינדער געפאָרן הירשקע און יאָסל פּעקער — צוויי ברי־דער מוליארעס. הירשקעס עלטער מיידל — ביילע — א לאנגע, מיט שווארצע גלאנציק־פײַכטע אויגן, מיט דינ־געשלאָסענע ליפּן — איז אהער געקומען פון יונגווארג־וואגאָן, געזוכט בא די עלטערן אין די פּעק אירע א פּאָר זאָקן, ניט אויסגערעדט קיין וואָרט, בלויז געאָטעמט דורך דער שמאָלער נאָז אזוי הויך, אז אלע אין וואגאָן זײַנען געבליבן שטיל און זיך אײַנגעהערט. ביילעס מוטער האָט ניט געפילט, ווי איר לענגלעכע ברוסט גליטשט זיך ארויס פון מויל באם זויגנדיקן קינד, וואָס זי האלט אין שויס. זי האָט געפרעגט:

— וואָס איז? פונירטוועגן?

ביילע האָט שוין איין זאָק געהאט געפונען. זי האָט גע־ענטפערט:

— און אז יאָ, איז וואָס?

זײַוול האָט אופגעהויבן די הענט צו דער ברוסט און זיי פרום פארוקט איינע אינעם ארבל פון דער אנדערער:

— קעדיי צו וויסן: איר וועט זי מיטנעמען מיט זיך קיין בירעבידזשאן?

ביילע האָט געפונען דעם אנדערן זאָק און איז אוועק אָן אַן ענטפער.

זייוול האָט געזאָגט:

— א קאָמעדיע, אַף מיין וואָרט... ניטאָ ווער זאָל לאכן.

און ער האָט גענומען קוקן ארום זיך בייז, אַלעמיי קיינעם ארט עס ניט. א גאנצן טאָג, איטלעכס מאָל, וואָס מע האָט זיך אָפּ א סטאנציע אָפּגעשטעלט, איז ער מיט פארלייגטע הענט אין די ארבל געגאנגען שפּאצירן לענגויס דעם צוג — אומיסטן, קעדיי צו כאפּן א קוק, וואָס בא יונגווארג אין וואַגאָן טוט זיך — זיך אַלעמאָל אומגעקערט מיט א נייס:

— יאָ... מע פירט זי קיין בירעבידזשאן.

— זי וועט שוין זיין עמעצנס א קאַלע.

— וואָס מיינט איר? א קליינקייט? — אינטערנאציאָנאל...

ער האָט גערופן צו זיך זיין זוזיען און זיין עלטער מיידל, ארומגעשפּאצירט מיט זיי לעבן צוג, ווי אַף צו דערוויזן, אַז מיט דעם, וואָס בא יונגווארג אין וואַגאָן קומט פאָר, קערן זיי זיך ניט אָן.

ס'איז געווען פארנאכט, נאָענט צו זון זעצן זיך. זייוול האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'איז פריייטיק, אָט־אָט ווערט שאבעס, איז פארוואָס זאָל מען בא אים אין וואַגאָן ניט דאווענען, ווי פאראכטאָגן? וויבאלד א מיניען איז פאראן א גרייטער. ער מיינט עס ניט אזוי צוליב פרומקייט, נאָר פּאָשעט — מע פארקירצט א ביסל דעם וועג. צו די איבערוואנדערער אין די וואַגאָנעס האָט ארייַנגעקוקט פּעסל פרויעם טשערנאָבילערס, אָנגעזאָגט וועגן דער פארזאמלונג, וואָס וועט זיך באלד אָנהייבן בא יונגווארג אין וואַגאָן. פון שימקעס וואַגאָן, ווו קיין קליינע קינדער זיינען ניט געווען, זיינען אַלע אהין אוועק. די וואַגאָן־רעדער האָבן זיך גערירט.

אינ זײַוולס וואגאָנ האָט מענ געדאווונט. בא יונגווארג אינ וואגאָנ, ווו די פארזאמלונג האָט זיכ אָנגעהויבנ, האָט ארקע באסקער גערעדט אפ ייִדיש, דערנאָכ גלײַכ אפ רוסיש, קעדיי דאָס פרעמדע מיידל זאָל וויסנ, ווהינ נעמט מענ זי מיט, פאר־וואָס פאָרט מענ אהינ אונ וואָס וועט מענ דאָרט טאָנ. דער צוג איז לײַכט געלאָפנ צו זעלטענע בארגיקע לאנדשאפטנ וואָס ארום ניזשנעודינסק, צו די ניט־באהערשטע, אומגעהייער גרויסע שטרעקעס וואָס ארום דער בוריאט־מאָנגאָלישער רעפובליק, צו די קאָלאָסאלע קוילנ־רעזערוונ. וואָס אינ די טשערעמכאָווער אונ טונגוסער בעקנס, צום קופער וואָס ארום די אויבערשטע קוועלנ פונעם טײַכ ליענא אונ ארום רוקנ פונעם בארג סאיאנ, צו די אונטערבײַקאלישע צינק־רײַכקײַטנ וואָס אינ נערטשינ־סקער ראיאָנ, צום ניט־אויסשעפּלעכנ גאָלד, אליומיני, בלײַ, וואָלפראמ, מאָליבדענ וואָס באם בײַקאל, — דער צוג איז גע־לאָפנ צום ניט־ווייניקער רײַכנ לאנד, וואָס הייסט בירעביד־זשאנ.

7

די איבערוואנדערער מיט זייערע ווײַבער אינ די וואגאָ־נעס — מערסטנס האָרעוואניע־מענטשנ, אָנ פאנטאזיעס — ניט גלאט אפ ריפּענ זיכ פאָרט מענ דעמ לאנגנ וועג. אינ פלוג: וועמענ קריכט אינ קאָפּ פאלאשע — דאָס ניט־ייִדישע פארעלנטע מיידל, וואָס יונגווארג האָט ארײַנגענומענ צו זיכ אינ וואגאָנ? דאָכ, עס קומט אויס: א טייל איבערוואנדערער אינ צוג הייבט אָנ זיכ אָנקערנ מיטנ ניט־ייִדישנ מיידל שטיקלעכ קרויווימ, כאָטש מע רעדט דערפונ ניט — צו פּראָסטע מענטשנ קומענ געפילנ פאמעלעכ, אָנ א גלאָק באמ דישל, שטיל, נאָר ערגעצ אינ דער אונטער־טיר.

שוינ באלד נאָכ קראסנאָיארסק, אפנ אנדערנ טאָג פאָרנ, האָט זײַוול בראָדסקי געקרוינט פאלאשענ מיטנ נאָמענ:

— „די שנור“.

אליין האָט ער עס גאָרניט געמיינט אזוי צו גוטן, פונ־דעסטוועגן האָט דער נייַער נאָמען צום מיידל זיך גאנץ פֿײַן צוגעקלעפּט. זיַוול האָט געפּרוּווט צוגעבן פונ כויזעק ווענן:

— „אונדזער שנור“.

שפּעטער האָט ער עס געמאכט נאָך א ביסל שטאַרקער:

— אונדזער שנור איז א צנוע...

— איר האָט ניט געזען, ווי פרום זי גייט דורכ?

— זי קוקט ניט אפ קיינ מאנצבלען... זי לאָזט אראָפּ די אויגנ...

נאָר געהאָלפן האָט עס ווייניק — ערגעץ ארום הארצנ פונעם איבערוואנדערער־צוג, בא טאטעס און בא מאמעס, האָט זיך שוינ געהאט באזעצט עפּעס ווארעמס; וואָס וואָלט געווען, אשטייגער, ווענ א פויגל אינמיטנ וועג מאכט זיך א נעסט אינ עק איבערוואנדערער-צוג אפ איינעמ פונ די וואגאָנעס און פאָרט אויכ מיט אהינ, אינ נייַעם ווייַטנ „אָרט“? — עלטערע אינ צוג וואָלטנ היימלעכ צוגעקוקט, ווי קינדער שיטנ עסנ אפנ וואגאָנ־דאכ און מאכנ עס זייער פּאַרזיכטיק, קעדיי דער פויגל זאָל זיך ניט דערשרעקנ און פונ דאָרט ניט אנטלויפנ. אָנגעשריִענ אפ די קינדער וואָלטנ דענסטמאָל סייַדנ זיַוול בראָדסקי, זייַנ באַאָרט מיידל כיניע, וואָס פארנ גיינ שלאָפנ האָט זי א פולנ קאָפּ מיט קוטשער־פּאפּירלעכ, אפילע דאָ אינ פּאָשעט איַינגע־אָרדנטנ וואגאָנ. אָנגעשריִענ וואָלט עפשער אויכ דער קוים־קוים הינקענדיקער איבערוואנדערער יודל ליפשיצ, מיט ועמענ זיַוול האָט בא זיך אינ וואגאָנ די לעצטע טעג פארפירט א כאווער־שאפט. ביידע, זיַוול און יודל, רופנ דאָ איינער דעמ אנדערנ ניט פּאָשעט בא די נעמענ, נאָר בא די פאמיליעס — ניט ווי אלע ארומיקע אינ וואגאָנ. ביידע, אז זיי שארנ זיך דורכ פאר־ביַי דעמ שטיינ־געבליבענעמ צוג, איז עס אומיסטנ, קעדיי צו זענ, וואָס טוט זיך בא יונגווארג מיט פאלאשענ. ביידע שטעלנ זיך נאָכדעמ אָפּ און טוענ א קוק איינער אָפנ אנדערנ.

זיַוול זאָגט צו יודלען:

— נו, ליפשיץ, וואָס וועט איר דערויף זאָגן?

יודל זאָגט צו זיַוולען:

— וואָס זאָל איך דערויף זאָגן, בראָדסקי? — מע זעט דאָך, אז ס'איז פון גאָט.

זיַוול באקומט אזא אויסזען, ווי ער און יודל וואָלטן ווירקלעך נאָרוואָס האָבן אָפּגעזאָגט א שלאל מיט קלוגע זאכן — ער רופט צו זיַין מיידל און ווינקט צו איר אף יודלען:

— כיניע, קום נאָר אהער... הערסט, וואָס ער זאָגט?

8

דער איבערוואנדערער יודל איז א קליינוווקסיק-ברייטלעכער מיט א פעסטער טאָמעד רויטלעכער נאָז, מיט א סאך פיצעלעך לעכלעך אינמיטן די באקן, מיט זייער א געדיכטער נידעריק-געציפּטער באָרד, וואָס איז פאסנוויַיז שווארץ, פאסנוויַיז גראָ, קיַילעכט זיך צום האלדז-צו און סטיַיעט דאָרט ניט. פאר דער רעוואָליוציע איז ער געווען א וויַין-שענקער מיט א פאטענט. זיַין פארמעגן האָט ער פארלאָרן נאָך מילכאָמע-ציַיט, נאָר אליין איז ער זיכער, אז שולדיק אין דעם זיַינען די באָלשעוויקעס מיט דער רעוואָליוציע. אָן דער מילכאָמע האָט ער שוין פארגעסן. אין דער פאנטאזיע וואקסט בא אים פון יאָר צו יאָר זיַין אמאָליקער קליינער פארמעגן — אייניקע דערציילט ער שטילערהייט, אז ער איז געווען גאָר-גאָר א גרויסער גוויר. אלע אנדערע זאָגט ער אף זיך:

— כ'בין געווען א סלוזשאשטשע.

דאָס, וואָס ער הינקט אונטער א קאפּעלע, איז אים געקומען דערפון, וואָס אין איינעם א פּאָגראָם האָט מען אים אויסגעלונקען א פוס. דער פוס איז שוין לאנג פארהיילט געוואָרן. הינקען אָבער הערט ליפשיץ ניט אוף, וויַיל עפשער וועט

עס אים צוניץ קומען — עפשער וועט עמעצער דערפאר האָבן אפ אים ראכמאָנעס. די לעצטע צײַט איז ער געווען אין אן ארטעל, וואָס ציט אוף קראָליקעס. ווען אים זײַנען עס געגאנגען די רייד בא יונגווארג אין וואגאָן, ווען מע האָט דאָרט איבער־געקליבן די ביינדעלעך בא אלע יענע איבערוואנדערער, וואָס זײַוול ענטפערט פאר זיי גאנץ ברייטלעך: „נא טשאָרטע דארף מען די פארזאמלונג".

ארקע האָט ניט פארשטאנען:

— נא טשאָרטע דארף מען דאָ אווינע ליפשיצעס?

דער קליינוואָקסיקער פרי־און בלאָנד־באוואָקסענער מאָטל שקלאָווער — דאכט זיך שוין גאָר־גאָר א שטילער — האָט אין יונגווארג־וואגאָן, גאנץ באליידיקט, א זאָג געטאָן צו שימקען:

— אבי מיר האָבן גערעכנט: איר שטייט צו אונדז נע־ענטער — אפ אײַך קאָן מען זיך מער פארלאָזן.

מיט „מיר" און „צו אונדז" האָט ער געמיינט: קאָמיוגיסטן, כאָטש אפילע דאָ, אין יונגווארג-וואגאָן, זײַנען זיי אויך ניט גע־ווען ווער-ווייס וויפל. שימקע איז אזש אופגעשפרונגען, זיך רויט-אָנגעגאָסן, שיר ניט געוואָרן גאָר שטארק אין קאס, אזש אויסגעשריען:

— ווער?!.. איך בין געווען דערפאר, מע זאָל ארײַנעמען יודל ליפשיץ אין דער גרופע? — איך קאָן אים? יודל איז גע־קומען מיט אן אָרדער איינער אליין.

ארקע באסקער האָט נאָכדעם געזאָגט בא זײַוולען אין וואגאָן:

— אין דער גרופע פאָרן פארשיידענע. יעדערער האָט זיך זײַן באזונדער „דומקע", און פארזאמלונגען גלײַכן אלע אויס — דערצו דארף מען זיי.

יודל ליפשיץ האָט דערופ א מאך געטאָן:

— שא-נאָר, דו ביסט א הויכער און איך — א קליינער, וויאזוי וועלן מיר זיך אויסגלײַכן?

ער האָט זיך דערבײַ ארומגעקוקט, צי אַלע אין וואגאָן לאַכן. ארקע האָט אים דערוף געענטפערט:

— איר מיינט, איר זײַט א קלוגער — איר זײַט א בעהיימע. דערוף איז עס געבליבן.

יודל האָט א טעווע: ער פארטראַכט זיך אָפּט, האַלט ווי זײַוול די הענט פארוקט אין די ארבל, שטייט אף איין אָרט, שווײַגט און שווײַגט. פּלוצלינג פארגלאָצט ער די אויגן צו די געדיכטע ברעמען, טוט א קוק אף דיר מיט עפּעס זייער א ווײַטן פארטשאדעטן בליק, שאַרט ארײַן מיט דער אונטערשטער ליפּ א וואָנצ אין מויל ארײַן און לאָזט ארויס א שטיל, גע־ציקלט זיפצעלע, זייער א לאַנגס, וואָס הייבט זיך אָן מיט א קוויטשיקל אזש אפן בײַקאָל און לאָזט זיך אויס מיט טיפ־כאָרכלענדיקע נידעריקע טענער. צוגעווינט צו דעם האָט ער זיך נאָך אמאָל, אין דער מילכאָמע, ווען מע האָט אים פאר־מאַכט דעם ווײַן־שענק. נאָר פארבליבן איז אים דאָס „זיפצעלע", מאַשמאָעס, אף אײַביק. איצט ווערט ער דאָס „זיפצעלע" ברענ־גען אהין — א מאָטאָנע בירעבידזשאַן... יונגע יאַטן אין באַזונ־דערן וואגאָן האָבן עס שוין אונטערגעכאפּט. דער פלאפלענדיק־פריילעכער וועלוול — קאָפּל גרײַעווערס — לערנט זיך דאָרט דאָס „זיפצעלע" נאָכמאַכן, לערנט זיך אזוי לאַנג, ביז ארקע באַס־קער בייזערט זיך אף אים אָן:

— לערן זיך אין דרויסן, גיי ארויס פון וואגאָן.

9

פאַלאַשע — ווען דער צוג איז איינמאָל באַטאָג געשטאַנען, איז זי אײַנײַנעם מיט יונגווארג געווען אין דרויסן. ווײַבער פון די איבערוואנדערער אין די וואגאָנעס האָבן געקוקט, גערעדט צווישן זיך:

— גאָרניט קיין מיִעס שיקסל.

— נו, וואָס־זשע איז? זי פּילט זיך שוין אַ ביסל היימי־שער.

— זע נאָר... אַ קיינעוודיקס.

פּאַלאַשע האָט זיך געלערנט גיין אָן אָנהאַלטן אַף איינ־רעלס, אין אירע ביידע זייטן זיינען געגאַנגען מאָטל שקלאָ־ווער און ליפּע סימכע קאָראָליוועקערס, — זיי האָבן זי געהיט פון אומפאַלן. לעבן שימקעס וואַגאָן איז געשטאַנען זיווול בראָד־סקי, גערעדט מיט סימכע קאָראָליוועקערס לאַנגער און דאַרער ווייב, וואָס זיצט אַף עפּעס אַ קעסטל נאָענט בא דער ברייט אופגערוקטער וואַגאָן־טיר, קעדיי די זון זאָל זי וואַרעמען — זי ניצעוועט איבער פאַר איר דרייַיאָריק מיידעלע אַ וואַטאָווע קאָפּטעלע. זיווול האָט אַ מאַך געטאָן מיט אַ ווונק צו פּאַלאַ־שען צו:

— ווי וועט מען זיך מיט איר אייַנטיילן?

געמיינט די יאַטן וואָס אַרום פּאַלאַשען. ער האָט אויס־געלאָזט:

— נו גוט... מיר איז גלאַט ניט קלאָר: ווער וועלכן קיי־לעך וועט נעמען.

פון שימקעס וואַגאָן האָט מען אים דערויף ניט אַזוי גיך געענטפערט. מאַנצבילקע האָבן האַלב געדרעמלט. פון די ווייבער האָט איינע מיט אַ מעסער געשניטן פון זייער אַ טרוקן שטיקל האַלץ לאַנגע, דינע שפּענדלעך צום אייַזערנעם אויוועלע. בא פרויעם טשערנאָבילער האָט זיין ווייב אַלעמאָל געפרעגט קי־מאַט מיט אַ וויינענדיקן קאָל:

— פרויעם, וועסט עפּעס עסן?

פרויעם האָט ניט געענטפערט. סימכע קאָראָליוועקערס ווייב האָט מיט לאַנגע, שאַרפע ציין איבערגעריסן דאָס אויסגעייענדיקע באַוול בא איר נאָדל, פאַרגלאָצט אירע גרויסע געלבלעך־שוואַרצע אויגן צו דער צעשיילטער הויט אַף איר קורצן שטערן און פאַרגלאָצטערהייט מיט זיי אַ קוק געטאָן אַף זיווולען. אירע

ליבּן — אַרויסשטעקנדיק פולע, ווי בא איר ליפּען, און אַליין — א ווײַס־בלאַסע, זייער א בלוטאָרעמע, ווי פון האָבן אָנ א שיר קינדער, כאָטש געהאַט האָט זי זיי אַפּ איר לעבן סאַכאַקל צוויי: ליפּען און דאָס דרײַיאָריקע מיידעלע. זי האָט געזאָגט:

— זײַוול, ווי שעמסט איר זיך ניט?.. אַנ אַלטער ייִד...

זײַוול:

— וואָס האָב איך דען אַזוינס געזאָגט?

ער האָט א ווונק געטאָנ אַפּ דעם, וואָס אַרום פּאַלאַשען טוט זיך:

— ט'האָט איר: שוינ אײַער ליפּע — אויך.. ער שטייט ניט אָפּ... איר זעט?

סימכע קאָראָליוועקערס ווײַב האָט א קוק געגעבן, מאַמעש ווי דערזען: יונגער געלעכטער איז באַגאָסן מיט זונ — מעגלעך, איר ליפּע איז איר נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געפעלן, ווי איצט, צווישן די יאַטן און פּאַלאַשען. זי האָט געזאָגט:

— גייט שוינ, גייט — אַנ עלנטע... די קינדער האָבן אַפּ איר ראַכמאָנעס.

זײַוול:

— שוינ ניט געפונען אַפּ וועמען ראַכמאָנעס האָבן? נאָר אַפּ א שיקסע?

דאָ האָט פונעם וואַגאָן זיך דערהערט א מאַנצבלש קאָל:

— וואָס־זשע, סע קאָסט אײַך אַנ אייגנס?

ס'איז געווען דעם שלאָפנדיקנס שימקעס קאָל. גאָרניט ווי קיינ שלאָפנדיקער האָט ער זיך געגעבן א זעצ־אויפּ אַפּ דער הויכער „נאַרע", אַראָפּגעשפּרונגען, אַרויס פונ וואַגאָן, ווי אַפּ פּאַרבײַצוגיין, נאָר דאָך שטיינ געבליבן, א ־ קוק געטאָן אַפּ זײַוולען מיט שטעכיקע האָר אינ די וויִעס און אינ די ברעמען:

— ס'איז אַפּ אײַערע הויצאָעס?

זײַוול איז שטאַרק רויט געוואָרן:

— אַפּ מײַנע פּונקט ווי אַפּ דײַנע.

און אין א רעגע ארום — שוין אינגאנצן א בלאסער:

— שא... וואָס האָסטו זיך אזוי אָנגעצונדן?

פון די שכיינעסדיקע וואגאָנעס האָט מען א יאָג געטאָן הערן, וועגן וואָס רעדט מען. זייוול האָט גלייך אויסגערונען. ארקע באסקער האָט געפרעגט בא שימקען:

— וואָס איז?

שימקע האָט צו ארקען ניט געקוקט, בייזערהייט וועגן זייוולען א בורטשע געטאָן:

— גייט ארום פון וואגאָן צו וואגאָן און ברייעט...

קיינעם איז ניט געווען אינגאנצן קלאָר, פארוואָס האָט זיך שימקע אזוי אָנגעצונדן. יונגווארג האָט דערפילט אין שימקען עפּעס אייגנס — שוין דערפאר אליין, וואָס ער קאָן מיט אלע טיילן פון זיין קערפּער אזוי פיין ווערן אין קאס, און נאָך אפ זייוולען דערצו. אלע האָבן געשוויגן. בעני פּרינצ האָט פאַ־מעלעך געעפנט זיין מויל — בלויז דערפאר, וואָס ער האלט זיך פאר א שטיקל מייוון אפ מענטשן און אפ זייערע פּאָסטעמקעס:

— ער בילט — האָט ער וועגן זייוולען א בורטשע געטאָן, — ער וויל אָנדרייען א קאטערינקע און ווייס ניט פון וואָסער זייט.

10

זייוול וועט, אפּאָנעם, מער צו שימקעס וואגאָן ניט צוגיין. ער האָט איינמאָל — ווען דער צוג איז געשטאַנען — אָפּגעשטעלט לעבן זיך קאָפּל יאראָשעווער:

— נו? קאָפּל... ווען וועלן מיר שוין אמאָל אָנקומען?

קאָפּל האָט אראָפּגעקוקט צו זיינע שטיוול, א וואָרפ געטאָן מיט אן אקסל:

— פונוואנען זאָל איך וויסן?

זייוול האָט געזאָגט:

— הערסט א מייסע! דו ווייסט ניט און איך ווייס ניט. וואָס־זשע, ס'איז א סאָד־זאך?

דאָס אייגענע האָט ער געזאָגט צו אַנדערע איבערוואַנדע־רער. דאָס אייגענע האָט ער בא זיך אין וואַגאָן אײַנגעטײַנעט מיט די צוויי ברידער מאָליאַרעס, הירשל און יאָסל פּעקער און מיט זייערע ווײַבער. ער האָט ווי־ניט־איז אָנגעזאַמלט אַרום זיך א ביסל מענטשן און גערדונגען, אַז מע איז בעהיימעס — וואָס איז עס פאַר א מײַסע, וואָס ?.. סע גלאַט, וואָס ער, זײַוול, האָט זיך אָפּגעזעצט אינמיטן וועג, אין סמאָלענסק. וואָ־רעם ער זאָל געווען זײַן בעשאַס די גרופּע האָט זיך צונויפ־גענומען, וואָלט ער געווען גערעדט דאָרט גאָר אַנדערע ווער־טער — טאַקע מיט „אָזעס"... איצט האָט דאַפקע זײַוולס וואַגאָן געפּאָדערט, מע זאָל מאַכן א פאַרזאַמלונג און — טאַקע באַלד. פאַרוואָס ניט ? — דער צוג קאָן דאָ שטיין נאָך א גוטע פּאָר שאָ, אַלע וועלן גיין. די ברידער מאָליאַרעס האָבן ניט גאָר קלאָר געוווּסט, אין וואָס גייט עס. נאָר פון דער אַנדערער זײַט — שוין קנאַפּע צוויי וואָכן, אַז מע איז אין וועג. פון דער היים איז מען שוין נישקאָשע ווײַט אָפּגעפאָרן. די לעצטע פּאָר טעג זעט מען אַרום זיך ראַק די ברייטע פעלדער, בערג, ווײַ־טע טײַגע, ווייניק מענטשן. וואָס טוט זיך דאָ ?.. בא די ברי־דער מאָליאַרעס וואָלט מען געפּויעלט, אַז טאַקע דאָ זאָל זיך געפינען דאָס „אָרט", וווהין מע פאָרט — זיי וואָלטן ניט געאַרט, מע זאָל שוין זײַן געקומען...

זײַוול האָט לעבן יונגוואַרג־וואַגאָן געפרעגט באַם אוילעם, וואָס הייסט זיך דאָרט פאַרזאַמלען:

— מע איז שוין, דאַכט זיך, באַיאָרטע מענטשן, צי נײַן?

— מיט וועמעס סייכל לעבט מען?

— מיטן סייכל פון א פּאָר ייִנגלעך?

— מיט אַרקעס קאָפּ?

בעני פרינץ האָט דערויף געענטפערט:

— איך קאָן שימקען.

זײַוול — צו בענין:

— ביסט א שוויטע... שימקע קאָנסטו?
ביטער-שמייכלענדיק א קוק געגעבן צו יודל ליפשיצן:
— נו, ליפשיץ... דערצייל אים שוין... זאָג אים אויס, וועגן וואָס ריידן מיר צווישן זיך...
יודל האָט א קוק געטאָן אף בענין מיט א ווײַטן פאַר־טשאדעטן בליק, מיט דער אונטערשטער ליפּ אריינגעשארט די וואָנצע אין מויל אריין און ארויסגעלאָזט פון דאָרט זײַן באַ־קאנט קונציק זיפּצעדלע:
— שימקע, — האָט ער געזאָגט, — זיצט אף א גרינגער פור, א רײַע: זײַן ווײַב האָט ער געלאָזט אין דער היים...
זײַוול — צו בענין:
— איז דיר שוין גוט?
יודל — צו אַלע ארומיקע:
— איך פרעג גאָר עפּעס אנדערש: מע פאָרט און מע פאָרט... פונוואנען ווייסט מען, עפּשער איז מען שוין גאָר ארי־בערגעפאָרן? עפּשער איז מען שוין גאָר געקומען?..
דאָס איז געווען אין דרויסן, פאר דער פארזאמלונג. אין וואגאָן אף דער פארזאמלונג האָט מען אופגעמישט אלץ, וועגן וואָס מע האָט שוין ניט איין מאָל גערעדט אף די פריערדיקע פארזאמלונגען, — ארקע האָט אָנגעהויבן, גערעדט וועגן די פּראַ־געס: צו וואָס פאָרט מען „אהין", וויאזוי וועט מען דאָרט לעבן — באזונדער, אָדער קאָלעקטיוו. יודל האָט א גוואלדעווע געטאָן פון מיטן אוילעם:
— וואָס דערציילט ער מיר, ווי פונעם בלאט!
— דעם בלאט קאָן איך לייענען אָן אים.
דער קליין־פעסטער מאָטל שקלאָווער האָט געקוקט צום אוילעם מיט יונגע סאמעט-גרויע אויגן, דערציילט, וויאזוי פלאַ־נעווען „אָזעט". זײַוול האָט אים איבערגעשלאָגן:
— וואָס פאר א מאָשל „אָזעט"?
— „אָזעט" וויל, וואָס וולאסט וויל.

— „אָזעט“ האָט אירע כעזשבוינעס, מיר האָבן אונדזער כעזשבנ.

שימקע האָט זיך דויט-אָנגעגאָסן א טיפ-באַליידיקטער, אקו־ראט ווי מע וואָלט אים אויסוואָרפן, אז ער איז אַן אונטער־געקויפטער. ער איז אזש אונטערגעשפּרונגען, ביז ער האָט א געשריי געטאָן:

— סא ליגנ! איינ כעזשבנ!

דערנאָך איז בא אים געבליבן א געפיל, ווי נאָך אָט דעם געשריי וועט ער זײַנ שטארק הייזעריק — ער וועט ניט ריידנ עטלעכע מעסלעס נאָכאַנאַנד.

11

איצט פאָרט מענ גראָד שוינ דעם צווייטנ טאָג מיט די שײַנקײַטנ וואָס צווישנ באַוואָקסענע וואלד־בערג, לענגויס דעם לינקנ ברעג פונ טײַך אנגארא. דער צוג אײַלט אונטער.

הײַנט קלאַפּנ די רעדער פרײלעכער, ווי טאָמעד.

די טירנ אינ אלע וואַגאָנעס — ברייט אופגערוקט. סימכע קאָראָליוווקערס ווײַב זיצט די גאַנצע צײַט אפ איר קעסטל לעבנ דער אָפענער טיר, זעט אויס, ווי א טראַגעדיקע, כאָטש זי טראָגט ניט. אפ אירע קניִענ ליגנ צוגעסטריגעוועטע טײלנ פונ איר קינדס לײַבעלע, נאָר זי פארגעסט אָנ זיי, קאָנ זיך ניט אײַנהאלטנ פונ באַנײַס ארויסצוזאָגנ אלעמאָל אירע מעווינעס:

— זייער זשיוואָפּיסנע...

אפילע דער פליטנ-טרײַבער פרויעמ טשערנאָבילער זיצט הײַנט אויך מער, ווי טאָמעד, ארויסגערוקט פונ אונטער דער „נארע“, טאפּט אַלעמאָל בא זיך אינ בוזעם דאָס טאָרבעלע מאַ־כאָרקע, נאָר פארגעסט עס ארויסצונעמענ, קוקט אונ קוקט צו די געשלענגלטקײַטנ אונטער נײַ-בלויע הימלענ — קרישטאָל אונ פליסיק־לויפנדיקנ טײַך, געשלענגלט אינ טיפ־אויסגעבעטע טאָלנ

צווישן בערג, וואָס זײַנען אָט גרין-באוואָקסן, אָט אָפּגעטײלט אײנער פון אַנדערן, ווי גלײַכע שטײנערנע ווענט. פּרויעמס שאַרפע אויגן — פאַרוואָקסן מיט לאַנגהאָריקע וויִעס און ברע-מען, ווי מיט ווילדן מאָך — פאַרגעסן הײַנט צו געדענקען, אַז זײ זײַנען בייז.

נעענטער צו דער ברײט־אופגערוקטער טיר האָבן אַפּ א לאַנגער ברעט זיך אײַנגעמאָסטעט שימקע, קאָפּל יאַראָשעווער, סימכע קאָראָליוקער — מע האָט ניט קײן אײנציק וואָרט, וואָס זאָל ווערט זײַן די פאַרבײַיאָגנדיקע שײנקײַטן, מע האָט נאָך קײנמאָל אַזוינס ניט געזען — מע שווײַגט און מע קוקט.

הוילע געדולע. גליקלעך, וואָס דאָס אַלץ קער צום ראַטנפאַר-באַנד — צו זײ, הײסט עס — יאָגן אַרום די יאַטן פון יונגוואַרג־וואַגאָנען אַפּ אַלע קלײנע ראַזיעזדן — שטראַלנדיקע אויגן, פרײלעך־קלאַפּנדיקע הערצער, זוכן גליקלעכן מיטגעפיל בא עלטערן אין די פענע-מער, האָבן קוים צײַט שאַרלאַטאַניש־קלוג א ווינק צו טאָן:

— געזען?..

בײזער ווי אַלע זעט הײַנט אויס דאַפּקע שימקע, פילט זיך דעם גאַנצן טאָג, ווי אײנער, וואָס האָט א פלעק אַפּ זיך — קימאַט אַלע איבערוואַנדערער מורמלען אַפּ אים אונטער ווי אַפּ א גרינגן פאַרשוין, א רײַע: ער האָט אַלײן זײַן ווײַב ניט מיטגענומען, זי געלאָזט אין קאָלעקטיוו אונטער מינסק, וווּ ער און סימכע קאָראָליוקער האָבן געאַרבעט. סימכע מיט זײַן ווײַב קאָנען זײַן אײדעס: געלאָזט האָט ער זי נאָך דערפאַר, וואָס דער קאָלעקטיוו האָט באַשלאָסן זי דערווײַל ניט אָפּצולאָזן.

דאַפּקע ווײַל זײַן ווײַבל איז איצט בא אַלע אין מויל, פילט איצט שימקע מיט אַלע טײלן אין זײַן האָריקן קערפּער, אַז ער איז בא איר א „שטיקל מעיוכעס", געדענקט, אַז זי איז יינגער פון אים, העכער אין וווקס, שטאַלטנער, לײענט ביכ-לעך, באַווײַזט אי ציכטיק-רײן אָפּצוטאָן אַלץ אין דער הײם און ניט אָפּצושטײן פון אַלע אַרבעטן אין קאָלעקטיוו און נאָך

דערצו זײַנען די ערשטע „אינ דער פרויען־גרופּע“ — שימקע בענקט. אימ מאָלט זיכ אויס: ווענ ער האָט זי דאָ ל̄עבנ זיכ, וואָל̄ט ער זיכ געפילט שטאַרקער. דערהויפּט איצט, ווענ מע פּאָרט פאַרבײַ אָט די שיינקײַטנ. סע וואָלט געווענ בעסער... וואָס וואָל̄ט מענ שוינ דענסטמאָל̄ געקאָנט אפ אימ מורמל̄ענ?.. ער האָט עמעצנ אָפּגענאַרט?..

נאָר אָט פּאָרט מענ באַנײַס פאַרבײַ זייער א שיינ אָרט. דער צוג גליטשט זיכ באַרג־אַראָפּ פּאַמעלעכ, פונ מאָל צו מאָל שטיל̄ער — אפ אָט־אָט אָפּצושטעלנ זיכ. סימכע קאָראָל̄יוווקערס ווײַב טוט אָנקוועל̄נדיק א טרוקענעמ שנײַץ:

— כ'בעט אײַכ, וואָס דאַרפ מענ נאָכ פּאָרנ ווײַטער?

— מיכ אַרט ניט, „סע“ זאָל̄ זײַנ דאָ...

— „סע“ געפעל̄ט מיר...

„סע“ מיינט מענ דאָס „אָרט“, וווהינ מע הערט נאָכ אל̄צ ניט אופ צו פּאָרנ אונ צו פּאָרנ. קאָפּל̄ גרײַעווער הייבט אויכ אָנ עפּעס אונטערצובורטשענ. באַלד וועט מענ אָנהייבנ באַנײַס זוכנ, אפ ווענ אַרופצולײַגנ א קלאָצ. שימקע דערפיל̄ט, אז „סע הייבט זיכ אָנ“ אונ קריכט אפ זײַנ „נאַרע“ — בעסער וועט ער של̄אָפנ אָדער זיכ מאַכנ, אז ער של̄אָפט.

שימקע איז פונ דער „נאַרע“ ניט אַראָפּגעקראָכנ דעמ גאַנצנ אָוונט, די גאַנצע נאַכט. מיטנ טאָג־ל̄יכט האָבנ פונ נאָענטע וואַ־גאָנעס זיכ דערהערט אופגעדרודל̄טע שטימענ, פריי̄ל̄עכע אויס־געשרייענ, געל̄ויפערײַענ אהינ־אונ־אהער, ווי בא אויסלאָדנ זיכ, האָבנ אופגעוועקט שימקענ.

דער צוג איז געשטאַנענ צווישנ ב'ינ־גאָר הויכע, פרעמד־וועל̄טיקע שיינקײַטנ. דורכ דער אופגערוקטער טיר האָט מענ דערזענ די פל̄יעסקענדיק־שטיל̄ע, בל̄וי̄ל̄עכ־פאַרטראַכטע בײַקאַל־וואַסערנ. אונטער דער אופגייענדיקער זונ האָבנ זיי אפגיכ גע־נומענ שײַנענ, שטראַל̄נ, זיכ מינענ, געוואָרנ אַליינ א זונ, צו־פוסנס — שײַנענדיקע שטראַלונג אינ טיפנ קײַלעכיקנ שיינ פונ

הויכע בערג. פאַרטשאַדעט איז מען געלאָפן פון די וואַגאָנעס און צוריק, געטרונקען מיט די אויגן דעם אַרומיקן שטאַרקן געטראַנק. דער צוג איז, ווײַזט אויס, געשטאַנען היפּש לאַנג, נאָך פון באַנאַכט אָן. מע איז קימאַט געווען זיכער: שוין געקומען... וואָרעם אָט... וואָדען איז מען אַזוי לאַנג געפאָרן?.. נאָר ניין, דער צוג האָט גענומען רירן, גיין ווײַטער זײַן וועג. קיינער האָט אין „ווײַטער-פאָרן" ווי ניט געגלייבט. אין די וואַגאָנעס איז מען געזעסן יעדערער אויף זײַן פּלאַץ, קיינער האָט ניט געפעלט, דאָך... פאַרוואָס האָט זיך געדאַכט, אַז פונעם איבערוואַנדערער-צוג איז בײַ יענע שיינקײַטן עמעצער אָדער עפּעס פאַרבליבן?

12

פון נאָכן בײַקאַל אָן איז בײַ די איבערוואַנדערער אין צוג פאַרבליבן אַזאַ געפיל, ווי גלײַך דאָס ווײַטערדיקע פאָרן איז שוין גלאַט אַזוי — אַרויסגעוואָרפן... יערצו האָט נאָך דער סטאַנציע טשיטאַ טונקל אָנגעכמאַרעט זיך, אָנגעהויבן גיין אַ רעגן. וואָס ווײַטער מע איז געפאָרן, אַלץ שטאַרקער האָט געגאָסן. די וואַגאָן־טירן — קעסיידער צוגערוקט. קיינעם גייט מער ניט אָן אַ קוק צו טאָן, אויף וועלכע סטאַנציעס שטייט מען. אַ טאָג אַזוי, צוויי טעג אַזוי. אָפּגעלאָזענע מענטשן האָבן פיל געגעסן, פיל געגענעצט, ניט געהאַט מער קיין כיישעק צו דערפרעגן זיך, צו קריגן זיך. מע האָט שוין בײַ זיך געפּוילט: סע וועט קיין עק ניט האָבן. טאַקע דעמלט, ווען מע האָט עס בײַ זיך געפּויעלט, איז דער צוג איינמאָל באַנאַכט שטיין געבליבן — אַזוי זיך, ווי אָפּט — אָדער אינמיטן וועג אין דער פינצטער, ווען עס גיסט רעגן, — אָט-אָט וועט זיך דערהערן אַ פײַף פון אַ לאָקאָמאָטיוו, מע וועט פאָרן ווײַטער. דאָך, דער פײַף זאַמט זיך. אין די וואַגאָנעס, וואָס זײַנען פול

מיט איבערוואנדערער, איז אינ ווארטעניש זעלטנ ווער געשלאָפּנ.. דער צוג האָט ווירקלעכ זיכ אָנגעהויבנ רירנ. אינ דרעמל האָט שימקע פארהערט, אז דאָס רוקט זיכ דער צוג גאָר אפּ צוריק, אז עפּעס א פּאָר פּיַפּלעכ מיט א צעשאָקלטנ האנט־לאמטערנ אינ דרויסנ טיַטלענ אפּ וואגאָנעס, פירנ זיי איבער אפּ זיַטיקע רעזערוו־רעלסנ. שימקע האָט דערפילט ארום זיכ א פרישע, באַ־נאכטיקע קילקיַט, זיכ אופגעכאפּט, באָרוועסערהייט אראָפּ פונ דער „נארע". אינ טונקל־באלויכטענעם וואגאָנ — א געריידעריַ פונ אלע מיַלער, געראָטנ אינ א קריג. אינ דרויסנ גיסט אלצ שטארקער אונ שטארקער דער רעגנ, קלאפּט אָנ וואגאָנ־דאכ, פארטומלט אונ פארפויקט אלצ, וואָס ארומיקע מיַלער גראגערנ — זאָל מענ עס פארשטייַנ אפילע א וואָרט. די וואגאָנ-טיר — ברייט אופגערוקט, פריַ, קיינער גייט צו איר ניט צו. שימקע איז צוגעלאָפנ צו דער טיר, זיכ אָנגענומענ פארנ בייַשטידל, ארויס־גערוקט דעמ קאָפּ מיט דעמ אויבערשטנ טייל קערפּער אינ דער פינצטער ארויס. דער גוסרעגנ האָט אימ גלייַכ געגעבנ א שווענק־אָפּ, אויסגעצוואָגנ די געדיכטע האָר אפנ קאָפּ, די וואָנ-צעס, אראָפּגערונענ פונ דאָרט מיט שמאָלע שטראָמעלעכ אימ אינ ברייט־צעכראסטעטנ העמד אריַנ, נאס געמאכט זיַנ האָריקע ברוסט, זיכ צערונענ פונ דאָרט צו די לענדנ צו. שימקע האָט עס ניט געפילט. זיכ נאָכ מער ארויסגעבויגנ, געקוקט אנטקעגנ — פינצטער, געקוקט לינקס — טונקעלע שיַנ פונ ברייט־צעעפנטע וואגאָנעס, צעשניטנ מיט אָנ א שיר געדיכטע אונ שווערע רעגנ־פעדעמער, א קוק געטאָנ רעכטס — פונ זיַוולס אָפענעמ וואגאָנ דערהערט זיכ א קאָל:

— ס'א מאָשל!..

— דאָ־אָ?.. סע דענ א סטאנציע?..

עמעצער פרווט פונ דאָרט אראָפּשטעלנ א פוס אינ א ווארעמער וויַבערשער גאטקע אונ כאפּט אימ באלד צוריק מיט א געשריי:

— אוי!..

— סאַ בלאָטע!..

פון ווײַטן עק צוג דערנעענטערט מען זיך אַהין מיט אַ לאַמטערן — אַ מענטשן דרײַ ווערן דאָרט געשוואָלן אָנגעגעצט אונטערן רעגן. בײַ דער שײַן פון לאַמטערן שטשירעט דאָרט איינער פרײַלעך־ווײַסע ציין, שיקט זיי דורך אָפּ און ענטפער אין זײַוולס וואַגאָן אַרײַן:

— נו יאָ — אַ בלאָטע...

— ווער האָט דען געקאָנט אײַך צוגרייטן דאָ טראָטואַרן?

אַ באַקאַנט קאָל — ניט פּריסקער?.. שימקע איז אַראָפּגע־שפּרונגען אין רעגן אַרײַן, ווי ער איז געשטאַנען — באָרוועס, אין איין צעכראַסטעטע העמד מיט הויזן אָן אַ גאַרטל, דערזען באַם לאַמטערן פּריסקערן, אַרקען, נאָך איינעם און אומבאַקאַנטן — אַפּאָנעם, פון אָרטיקן איבערוואַנדערער־פונקט, צוגעיאָגט צו זיי אַ נאַס־אָפּגעטויוולטער, אַ פרעג געגעבן וועגן דעם, וואָס אָט — מע איז שוין געקומען. אַ־אַ?

פונקט אַזאַ „אַ־אַ“ וואָלט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן, ווען ער זאָל זיך דערפרעגן, צי זײַן ווײַב האָט געבוירן. ער איז אַוועק מיט די דרײַ אין יונגוואַרג־וואַגאָן. דאָרט האָט ער אַ הער געגעבן, אַ רייד געטאָן, זיך אומגעקערט צוריק צו זיך אין וואַגאָן, אַפילו קיין קוק ניט געגעבן צו די גראַגערנדיקע אַרו־מיקע, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פּיטש־נאַסע העמד, זיך אײַנ־געמאָסטעט אויף דער נאַרע מיטן צודעק איבערן קאָפּ, אַפּסנײַ, ווי אַ פריש־אָפּגעבאָדענער, גיך און פעסט אַנשלאָפן געוואָרן. דערנאָך — גאַנצפרי — באַלד נאָכן אופכאַפּן זיך, איז ער אַרויס־געשפּרונגען פונעם וואַגאָן, ווילד און צעכראַסטעט אָפּגעלאָפן עטלעכע קלאַפּטער. דער רעגן האָט מער ניט געגאָסן. שימקע איז שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטער, זײַן מויל — אָפן, זײַנע צעעפנטע אויגן — אַזוינע, וואָס באַשטייען דורכויס פון שוואַר־צאַפּל — זיי אַליין פרעגן, זיי אַליין ענטפערן:

— דאָס איז עס?!..

— בירעבידזשאנ!..

פאמעלעכ-פאמעלעכ, ווי אפ קיינ איינאָרע ניט צו געבנ, האָבנ זיינע שלונגעונדיקע אויגנ זיכ געדרייט איניינעם מיטנ קאָפּ, געזוכנ:

ארומ ציִענ זיכ קייטנ הויכע, געקרייזלט-קײלעכיקע בערג, הילנ זייערע שפּיצנ אינ רויִקע בלויע וואָלקנדלעכ — אפּאָנעמ, טאָג-אונ־טאָג אזוי, שוינ טויזנטער יאָרנ אזוי. אלע דריי וויטע האָריזאָנטנ — פול מיט אָט די בערג. דער פרימאָרגנ זייערער — לויטער־לייכטנדיקער קרישטאָל, פילבארער ביז גאָר. זונ פונ הויכער ווארעמ, פונ גרויסער שיינ. אומגעהייער הויכער בלויער הימל אָנ שומ וואָלקנ־שפּורנ. יאמענ ליכט דערגרייכנ צו די בלויע רויכעלעכ אינ וויטנ האָריזאָנט, מאכנ זיי שיטער. פונ צווישנ בלוי־צעגאנגענע רויכלעכ בליקנ ארויס בלויע קרייזלענ פונ די בערג, קוקנ אויס די פיל וויטע אונ נאָענטע זוניק-שטראלנדיקע טייכנ, שמאָלע אונ ברייטע טאָלנ, טייגישע אונ האלב־טייגישע געגנטנ אונ אלצ איניינעמ איז עס דאָס לאנד, וואָס ראטנמאכט האָט אויסגעטיילט פאר ארבעטנדיקע יידנ, אלצ אי־ניינעמ איז עס מיטנ נאָמענ:

— בירעבידזשאנ...

פאמעלעכ־פאמעלעכ האָט שימקע פונ דעמ אלצ איבערגע-פירט זיינ בליק אפ זיכ אליינ, דערזענ, אז ער איז נאקעט, אָנ א העמד, בלויז אינ די הויזנ. ער האָט זיכ אומגעקערט אינ וואגאָנ, זיכ אָנגעטאָנ, זיכ א קער געגעבנ צו די ארומיקע:

— נו? — האָט ער ניט פארשטאנענ, — איז וואָס פאר א שטייעניש? אָנגעטאָנ? איז קומט!

איצט האָט אימ מער ניט געארט, טאָמער וועט עמעצער זאָגנ: „שימקע האָט געהייסנ טאָנ“, „שימקע האָט געהייסנ גיינ“. אינ דרויסנ, אפנ וועג צומ איבערוואנדערער־פּונקט, באמ ארי-בערשפּאנענ איבער די רעלסנ, האָט ער דערזענ דעמ יונגנ מאָטל שקלאָווער, ווי ער שטייט איינער אליינ א פארטיפטער אינ

עפּעס א פּאפּיר — אפּאָנעם, אז ער קוקט אין דער רעשימע פון די איבערוואנדערער. שימקע איז צו אים צוגעגאנגען, פאר א נאָ-ווענע — צום ערשטן מאָל זינט מע קען זיך — אים פריילעך אויס-געשטרעקט די האנט:

— נו, כאווער מאָטל שקלאָווער... ווי, האָט איר געזאָגט, וועט עס הייסן?.. וואָס מירן דאָ בויען?..

מאָטל האָט קימאט באקומען א שפּילעוודיק גוידערל באם פארבייגן זיין קאָפּ צום אקסל:

— פּאָשעט, — האָט ער פריילעך א מאך געטאָן, — ס'איז דען שווער צו געדענקען? — בויען סאָציאַליזם.

— אָט-אָט-אָט — האָט אים גלייך אין די אויגן געקוקט שים-קע, — איך האָב געוואָלט, איר זאָלט עס זאָגן נאָכאמאָל...

זיינע אויגן האָבן עטלעכע מאָל א פינטל געטאָן, איידער ער האָט באוויזן זיי צו פארשטעלן מיט א טייל האנט וואָס העכער דעם עלנבויגן. פון דער זייט האָט זיך דערהערט דאָס שטיפע ריש-פריילעכע קאָל פונעם צוקומענדיקן אָדעסער בוי-ארבעטער פריסקערן:

— צעקושט זיך, צעקושט זיך!..

ס'איז געווען זומער ניינצן הונדערט אכט און צוואנציק, ווען קיין בירעבידזשאן זיינען געפאָרן די ערשטע פּיאָנער-אי-בערוואנדערער.

קאַפּיטל צווײ

1

די נידעריק־פּעסטע שוואַרץ-געקרײַזלטע פּעסל — אַ קאָמיר־גיסטן נאָך פון דער היים — ווי נאָר זי איז מיט אירע און מיט אי־רע עלטערנס פּעקלעך אַרײַנגעקומען אינעם „איבערוואַנדערער־פּונקט“ — אַ גרויסער הילצערנער באַראַק — איז זי דאָרט אין ענג־שאַפּט און אין טומל שטיין געבליבן, ווי פֿאַרסמירעט, מיטאַמאָל פֿאַרלאָרן סײַ דעם זיקאָרן סײַ דעם סייכל — פֿרעגט זי באַכיירעם:

— וואָס האָסטו נאָרוואָס געוואָלט טאָן?

— וואָס האָסטו געוואָלט זאָגן?

אין באַראַק — קימאַט אַזש טונקל. די עטלעכע צענדליק איבערוואַנדערער — טומלדיק צעוואָרפן, ווי אַף אַ וואָקזאַל, ווו־הין קיינער קאָן שוין מער ניט אַרײַן. אין באַרײדעוודיקן מיש־מאַש וויל יעדערער, מע זאָל הערן און וויסן, אַז דאַפּקע ער איז דער סאַמע באַליידיקטער. פון אײנעם אַ ווינקל ציט ווי מיט אומהיימלעכע־צוגווינטן — איבערוואַנדערער, ערשט־געקומענע, פֿריִער-געקומענע, פֿאַרשטייען דאָרט אײנער דעם אַנדערן אַזוי פֿײַערדיק־הייס, ווי זיי וואָלטן זיך קענען שוין צענדליקער יאָרן. זײַוול בראָדסקין ציט אַהין, ווי מיט מאַגניט, פּאָשעט ווײַל אין ווינקל, אינמיטן ליאַרעמדיקן צוגווינט, הערט עמעצער ניט אויף גוואַלדעווען און פֿינען:

— נעמען באַ זיי די קישקעס!

— מעט „אָזעט“... אַ רועך אין טאַטן!

און ערגער פון אלץ — דאָס ניט שטיל־ווערנדיקע רײַסן זיך פון וויינענדיקע קינדער אינמיטן באַראַק. בייז-צערייצט פונעם לאַנגן וועג אין וואַגאָן, וווּ זיי זײַנען ניט געשלאָפן ווי געהעריק, ניט געהאַט די נייטיקע באַדערפענישן, גיבן זיי איצט אויס די מי־זינקע, ווערן שיר ניט צעריסן און צעגאַנגען. בייז־צערייצטע מאַמעס קנײַפּן זיי און שלאָגן, ווי אומיסטן, קעדיי דער געוויין מיט דער קוויטשערײַ זאָל ווערן נאָך העכער. נידעריק, קימאַט אַפן הוילן דיל, זיצט הירשקע פּעקערס ווײַב גאָלדע. מיט דער לינ־קער האַנט גיט זי אין שויס די ברוסט איר זויגקינד און מיט דער רעכטער האַנט האַרגעט זי און רײַסט צו זיך איר דרײַ־יאָריק ייִנגעלע הילקען, קריצט אַזש מיט די ציין:

— אָט-דאָ וועסטו צעמעקט ווערן!

— דאָ וועסטו באַליאַטשען!

נאָר הילקע וויל דאַפקע וויינען בעפּייִרעש אינמיטן באַראַק און נאָר מיט אַלע אַנדערע קוויטשענדיקע קינדער. די קניפּ מיט די קלעפּ, וואָס ער כאַפּט איצט אויס, זײַנען בא אים גאָרנישט ניט ווערט און קאָנען נאָר פאַרגרעסערן זײַן אַקשאָנעס. זײַן קײַלעכיקע שוואַרצע צורקע איז ביז גאָר פאַרקרימט און ביז גאָר נאַס. עס רינט אים פון יעדן לעכעלע, וואָס זײַן קליינער קערפּער פאַרמאָגט. זײַן גרעסטער סוינע אין דער וועלט איז איצט זײַן אייגענע מאַמע. שוין געזען, אַ מאַמע זאָל זײַן אַזאַ גאַזלען? טאַקע דערפאַר רײַסט ער זיך אַזוי שטאַרק פון אירע הענט, זוכט מיט די וויינענדיקע אויגן הילף בא די אַרומיקע און לאָזט אַרויס פון זיך קוילעס, ווי אַ האַלב־געקוילעטע כאַ־זערל — אַדעראַבע, זאָל די וועלט הערן. פון זײַנע און אַנדערע גרילצנדיקע געשרייען האָט פּעסל, צוועצנדיק זיך לעבן אירע עלטערן אַפּ אַ פּעקל, אַזש פאַרמאַכט די אויגן, צוגעלייגט איר קאָפּ צו אַן אייגענעם אַקסל און געבליבן פאַרגליווערט. איר האָט זיך געדאַכט: אָפּגעזעסן איז זי אַזוי גאַנצע שאָען — זי האָט געדרעמלט. נאָר אינדערעמעסן איז זי אַזוי געזעסן ניט מער

ווי צוויי־דריי מינוט, דערהערט לעבן זיך א ווייבעריש קאָל:

— די לופט!

— ווי איז מיר...

— ווי מיט מעסערס צו שניידן.

פעסל האָט געעפנט די אויגן; דערזען, אז דאָס רעדט צו איר סימכע קאָראָליוקערס דערביי־זיצנדיק ווייב, נאָר גאָרנישט ניט געענטפערט. ניט זי, נאָר איר קערפער האָט זיך גלייך גע־געבן א הייב־אוף, זיך געטאָן א טראָג צו די קוויטשענדיקע און וויינענדיקע קינדער אינמיטן באראק, דאָרט האָט זי זיך גלייך אראָפגעזעצט, געוואָרג אליין א קינד, באקומען דעם סייכל פון א קינד. ניין, ניט דעם סייכל פון איין קינד האָט זי בא־קומען, נאָר דעם סייכל פון אלע וויינענדיקע קינדער מיטאמאָל, דערפילט איטלעכנס נויט און געקריוודעטקייט, ווי מע דערפילט די נויט און די געקריוודעטקייט פון אייגענע הענט און פיס, פון אייגענע בלוטיק-ווייטעקלעכע פינגער. איר הארץ איז פול מיט אלערליי סאָרטן פארביטערטקייט, וואָס פילן אָן בא ארו־מיקע וויינענדיקע די הערצלעך. זי האָט זיך אליין שיר ניט צעוויינט. גענומען איטלעכס קינד גלעטן, ארומווישן נאסע איי־געלעך, נאסע נעזעלעך, סלינענדיקע מיילכלעך, געדריקט פאר־שוויצטע קעפּלעך צו אירע יונגע, שטייפע ברוסטן, זיך געוויגט מיט זיי אין ביידע זייטן, זיך אָנגעבויגן איבער זיי, זיי פאר־שטעלט מיט איר לייב, ווי א קוואָטשקע אירע הינדלעך, גע־לאָזט היימיש ווערן מיטן געמיטלעכן רייעך פון איר געפּאקט־פּעסטן צוואנציקיאָריקן קערפער. ס'האָט געדויערט אנטקעגן א דריי פערטל שאָ און מער. ס'האָט ניט אזוי גיך געהאָלפן. דאָך, די קינדער האָבן אין זייער גרעסטן טייל, ווער פריער, ווער שפּעטער, אָנגעהויבן צוגעווינט ווערן צו איר קאָל, צו איר רייעך, צום בליק פון אירע אויגן, דערפילט אין איר עפּעס א נייעם, נאָך קיינמאָל ניט געזעענעם פריינט. צום אלעם ערשטן

האָט דאָס דערפֿילט ליפּשע — א טונקל־בלאָנד מיידעלע פֿון א יאָר פֿינף, א קיינעוודיק-שטאַלטנע אפֿילע אינעם צעפֿליקטן, מאַנצבלש גראַמענע סוויטערל. פּעסל האָט בא ליפּשען געפֿרעגט, צי זי קאָן טאַנצן. ליפּשע האָט מיט צוגעטריקנט־פּאַרוויינטע אויגן דאָ אפֿן אָרט קײַלעכיק זיך אויסגעדרייט, ניט גאָר גע־כאַפּט, דאָך, ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּונקט דאָס מיינט פּעסל. פֿילנדיק, אַז הילקע איז צווישן דער כעוורע דער פֿײַ־נער אָנהייבער פֿון אַלע געוויינען, האָט זי אים אַלץ געהאַלטן צוגעדריקט צו איר ברוסט און אים אָנגעוויזן:

— נאַ זע, ווי ליפּשע טאַנצט שיין.

ליפּשע האָט א טראַכט געטאָן, אוועקגעלאָפֿן דערציילן עפּעס אירע עלטערן. נאָר יענע אין באַראַק ניט אַזוי גיך געפֿונען און זיך אומגעקערט צו פּעסלען מיט אַזאַ אויסזען, ווי גלײַך דאָס האָט זי געפֿאָלגט פּעסלען א גאַנג און איצט וואַרט זי, פּעסל זאָל זי ווידעראַמאָל ערגעץ שיקן. פּעסל האָט שוין דער־ווײַל געהאַט צונויפֿגעקליבן אַלע קינדער און זיך דאָך ווי־ניט־ווי גענומען אַרויסשאַרן מיט זיי פֿון באַראַק אין דרויסן צו דער קופּע זאַמד, וואָס ליגט א וואַרעמע אף דער זון. דאָרט האָט זי פֿונדערווײַטנס דערזען, ווי פּריסקער שטייט נאָך מיט עטלעכע לעבן דער טיר פֿון דער איבערוואַנדערער־קיך. אַראָפּ־געזעצט צו דער וואַרעמער זאַמד וואָס אף דער זון, האַלטנדיק אונטער איין פּאַכווע הילקעס קעפּל און אונטער דער צווייטער — דאָס קעפּל פֿון א באַנײַס־וויינענדיק מיידעלע, האָט זי אָנגעוויזן ליפּשען אפֿן צעטראָגענעם פּריסקערן:

— טו א שפּרונג — האָט זי צו ליפּשען געזאָגט, — רופֿ מיר אהער צו יענעם כאַווער — אָן זעסט? — וואָס האָט אופֿגעהויבןביידע הענט אין דער הייך און טרייסלט מיט זיי. זעסט ניט? — איצט בינדט ער איבער אף זיך דאָס פּאַסיקל.

ליפּשע איז אַהין אוועק, זיך א דריי געטאָן אַרום פּריס־קערן, גוט באַקוקט ניט אַזוי אים אַליין, ווי זײַנע הויזן און

שטיוול, זיך אומגעקוקט צו פעסלען, וואָס שאָקלט צו איר מיטן קאָפּ, נאָר גאָרנישט ניט געקאָנט מאכן, ווײַל פּריסקער האָט ניט אופגעהערט צו שרײַען און זיך בייזערן אף די אנדערע צוויי, וואָס שטייען לעבן אים.

— צוויי און זעכציק מיטיקן!

— יאָ!

— אזוי האָט מען אײַך געזאָגט.

— ווו איז דער אָרדער?

— איר האָט אן אָרדער, צי ניין?

ליפשע האָט זיך פון דאָרט אומגעקערט א מאָל דרײַ אָן גאָרנישט. דאָך, פּריסקער האָט זיך נאָכדעם אליין געלאָזט גיין פארבײַ דעם הויפן זאמד, וואָס איז באגאָסן מיט ווארעמער זון. פעסל האָט אים דאָרט אָפּגעשטעלט.

— הער, — האָט זי געזאָגט צו אים, — טאָמער וואָלסטו גע־זען, מע זאָל די קינדער געבן עסן... אין באראק איז צו א גרויסער יאריד.

פּריסקער האָט קוים געהאט צײַט צו ענטפערן — אים האָט באשעפטיקט א רוף געטאָן יענער, וואָס האָט פארטאָג ארײַנ־געקוקט אין די וואגאָנעס, געענטפערט איבערוואנדערער אף פארשיידענע פראגעס און געהייסן זיך אויסלאָדן.

פּריסקער איז אוועק אין באראק. דענסטמאָל האָבן זיך דאָ נאָענט באוויזן ארקע באסקער, וועלוול יאראָשעווער און מאָטל שקלאָווער. זיי האָבן א גאנצן פרימאָרגן זיך געהאלטן פריילעך אײנײנעם, געפונען אלעמאָל א נײַ צוטשעפּעניש אף צו לאכן פון אײנער פונעם אנדערן סײַ פון דעם אָדער יענעם פאר־זאָרגטן איבערוואנדערער, מיט ווועמען זיי זײַנען באנאכט אהער אײנײנעם געקומען. פארבײַגייענדיק האָבן זיי גטכאפּט יודל ליפּ־שיצעס א בורטשע און אים פריילעך באטראכט. יודל האָט זיך א קרים געגעבן:

— עס פעלט זיי קאדאָכעס!

ארקע באסקער האָט אים געענטפערט פאַר אַלע דרײַ:
— אויב קאַראַכעס, זײַט איר בילכער.
ווי דרײַ פריילעכע שיקורים האָבן זיי זיך אוועקגעשאָקלט אָנקוקן דאָס דאָרף טיכאָנקאַיאַ, געקופּט פעסלען — זי זאָל אויך גיין. פעסל האָט ניט געקאָנט אָפּטרעטן פון די קינדער, געענטפערט בייז:
— איך וועל נאָך דאָ האָבן צײַט אָנקוקן די סטאָליצע.
ארקע האָט זי א צי געגעבן בא דער האַנט. פעסל האָט אים געגעבן א פּײַנעם שטויס אָפּ:
— גיי! — מיטן רעכטן פוס אין דער לינקער בלאָטע.
וועלוול איז פריילעך צוגעשטאַנען:
— פעסל, איך וועל אוועקגיין, וועסטו דאָך בענקען.
פעסל האָט זיך צו אים מער ניט אומגעקוקט:
— די ערשטע צען יאָר וועל איך זיך קאָנען באַגיין אָן דײַנע זיס פּאָנעם.
ביילע — הירשקע פּעקערס — האָט צוקומענדיק געפרעגט:
— וואָס איז?
פעסל האָט בייז אָנגעשטעלט די אויגן אַף אַלע דרײַ לאַכנדיקע יאַטן.
— גאָרנישט, — האָט זי געזאָגט. — אַף דער „טראַיקע” איז אָנגעפאַלן געגנדז.
יענע זײַנען אוועק.

2

ס'איז געווען אַרום 11 אַזייגער אינדערפרי.
ארקע, וועלוול און מאָטל האָבן געזוכט טרוקענע ערטער לעבן די פּלויטן, געגאַנגען פּאַמעלעך, געוואָרפן פריילעכע בליקן אין אַלע זײַטן.
ניט די בלאָטע נאָך א רעגנדיקער נאַכט אין דאָרף טיכאָנקאַיאַ, ניט דער נעבעכדיקער אויסזען פון די צעוואָרפענע

שטיבלעך און געסלעך האָבן הײַנטיקן פרימאָרגן אַף א האָר ניט געקאָנט קאַליע מאכן די געהויבענע צופרידנקײַט, וואָס אַט:
— מע איז געקומענ...
גרינגער אײַנצורײדן דער דאָזיקער קאָמיוגישער „טראַיקע" א קינד אין בויך, אײדער צו פועלן בא איר, אז מ'טן פאָרן אהער האָבן זיי געמאכט ניט אזוי „איַי־איַי־איַי". אינמיטן שפּאַצירן האָבן אַלע דרײַ אָנגעשטעלט די אויגן אפן ערשטן אַרטיקן ניט־ייִדישן אײַנוווינער, וואָס לאָזט זיך ארויס פון זײַן כאטע. זיי זײַנען געבליבן שטיין ווי לויט א קאָמאנדע:
— שא!..
זיי קוקן, ווי דער אָרטיקער אײַנוווינער דערנעענטערט זיך — א מענטש א באַיאָרטער און באָרדיקער. אָט איז ער שוין לעבן זיי. זיי האָבן בעפּיירעש זיך געמוזט אײַנהאלטן פון ניט א זאָג צו טאָן אים מיטאמאָל: — „וואָס מאכסטו גוטס"?
דאָ האָט מאָטל שקלאָווער — ווײַל ער איז קינדווײַז געוואָקסן אין א ווײַסרוסישן דאָרף — אָן לאָשן געהייסן אלעמען שווײַגן און איינער אליין אָפּגעגעבן דעם אָרטיקן אײַנוווינער דעם פּײַנעם און שיינעם גוט־מאָרגן, אים אָפּגעשטעלט. דערבײַ האָט ער נאָך באוויזן צו כאפּן א קורצן קוק אף ארקען און וועלוולען, ווי איינער זאָגט:
— לערנט זיך: אזוי ווערט מען היימיש מ'ט א שאָכן.
ער טוט מיטן אָרטיקן אײַנוווינער א שמועס — צוערשט ווי מיט איינעם, וואָס לייענט ניט קיין בלעטער און ווייסט מיסטאמע גאָרנישט, וואָס מיט בירעבידזשאן טוט זיך. באלד אָבער ווײַזט זיך ארויס: א טאָעס די מײַסע. דער אָרטיקער אײַנוווינער — פיאָטער אקסענטיעוויטש — ארבעט ווי א בויער באַם נײַעם איבערוואנדערער־הויז און ווייסט וואָס ארום טוט זיך — פארוואָס זאָל ער ניט וויסן?
הײַנטיקן זומער — ווייסט ער, — האָבן אהער אָנגעהויבן קומען „יאוורעי", ס'הייסט אַפ צו באזעצן זיך.

פון ליַיטישקיַיט וועגן באַקומט ווערוואָל אַזאַ פּאָנעם, אַקו־ראַט ווי ער וואָלט הערן אַ נײַס:

— אַזוי, „יאַווערעי״.

פּיאָטער אַקסענטיעוויטש טוט קאַלטלעך אַ מאַך:

— יאָ, דערוויַיל זײַנען נאָך ניט קיין סאַך געקומען.

ער האָט קאַלטלעכע אַש־קאָלירענע אויגן — פּיאָטער אַקסענ־טיעוויטש. ער טוט זיי אַ זײַטל צום הויכן בלויען הימל, ווי ער וואָלט דאָרטן האָבן עפּעס פאַרשריבן, און לאָזט אויס:

— אַזוי אַ מענטשן דרײַ־פיר הונדערט און שוין. אייניקע געפינען זיך אויפן איבערוואַנדערער־פּונקט, אייניקע ווינען דאָ בא אונדזעריקע אין די הײַזער, אַנדערע האָט מען אָפּגעשיקט צו „בירסקי אָפּיטנע פּאָליע״ — אָט־אַהין אָ... אַ וויאָרסט זעכציק פונדאַנען. מע זאָגט: מע וועט אַלע אַהין אָפּשיקן...

אַרקע טוט פריילעך מאָטלען אַ טאָרקע:

— הערסט שוין? טוט זיך יאָ עפּעס... וואָס־זשע האָבן הײַנט אויפן איבערוואַנדערער־פּונקט יענע אַזוי געגוואַלדעוועט?

פּאַמעלעכקע פּרווּט ער אַ טאַפּ טאָן:

— און וואָס זאָגן דערויף עפּעס איר, אָרטיקע?

פּיאָטער אַקסענטיעוויטש טראַכט, טראַכט און צעשמייכלט זיך שיר:

— וואָס זאָל מען דערויף זאָגן?

מיטן בליק הייסט ער זיך אַרומקוקן אויפן באַרגיקן אַרום — זאָל מען זען:

— דאָרט איז פאַראַן געוונג — סע וועט סטײַען פאַר אַלע.

באַלעבאַטיש שפּײַט ער אויס אין אַ זײַט, נאָכן שפּײַ ווישט ער גוט־גוט אָפּ די וואָנצעס:

— סע ווערט, — זאָגט ער, — אַ ביסל פריילעכער און שוין. מ׳האָט באַם איבערוואַנדערער־פּונקט געעפנט אַ „קאָאָפּעראַ־טיוול״. מע קאָן דאָרט אָפּט עפּעס קריגן. ביז אַהער איז אַזוינס ניט געווען. סײַדן בא די „זשעליעזנאָדאָראָזשניקעס״. וואָרעם

אין טיכאָנקאיא איז ביז אהער געווען אָט־דאָס, וואָס מע זעט, און שוין — א מינע זיבן־אכט הונדערט מענטשן און שוין. נו יאָ, מע האָט געלעבט — פון וואָס זאָל מען לעבן? א טייל האָט געארבעט בא דער באן, א טייל איז געגאנגען אין וואלד אפ האָלץ־פארגרייטונגען און שוין — ווינטער, לעמאָשל, האָבן אנ־דערע געלעבט פון יאגד, טאקע דאָ, אין דער ארומיקער טײַגע. וואָס האָט מען געשאָסן? — וואָס ס'האָט זיך געמאכט און שוין: א קאזוליע, א ווילדן כאזער, א סוכאָטע. אויב ניט, איז גוט א ווילדע קאטשקע, א ווילדע גאנדז, צי א פאזאן, אשטייגער, און שוין. אָדער גאָר א פוקס, צי א יאנאָט, צי מע גייט עט־לעכע אינײַנעם אפ א בער — אי מע פארקויפט די פעל. אי מע עסט דאָס פלייש — ס'איז גוט, ס'איז זיסלעך. אנדערע ארבעטן זייער שטיקל פעלד, אָדער כאפן פיש, טאקע דאָ אין טײַך בי־רע, — אָט איז זי, די בירע, רעכטס, אהינ־אָ...

— אהינ־אָ?

— יאָ, נאָענט.

3

הער א געשיכטע! דאָס מיינען טאקע אלע דרײַ — פריִער פאר אלץ מוז מען אָנקוקן דעם טײַך. ווער האָט עס ניט גע־הערט? בירעבידזשאן איז א לאנד פון טײַכן. דארף מען צום אלעם ערשטן זען, וויאזוי „טײַכלט“ זיך עפעס א טײַך אין בי־רעבידזשאן. וועלוועלען האָט שוין סײַוויסײַ דערעסן צו שטיין אפ איין אָרט, קוקן, שווײַגן און הערן, וואָס אנדערע ריידן. באם צעשיידן זיך טוט יעדערער א נעם פיאָטער אקסענטיע־וויטשעס האנט, ווי זי אפ א וועג צו טאָן, און בלײַבט צופרידן — די האנט וועגט נישקאָשע. וועלוול זאָגט לויט פיאָטער אקסענ־טיעוויטשעס נוסעך:

— קומט און שוין.

אפן הארצן ווערט נאָך פרייִלעכער, ווי בייס מע איז ארויס

פונעם איבערוואנדערער-פונקט. ארקע איילט אויך אונטער. מיט דער פולער זיכערקייט, אז מע וועט אים נאָכגיין, לאָזט ער זיך שפאנען אהין, וווּ עס דארף זיך געפינען דער טייך בירע, קוקט זיך ניט אום אפ צוריק און נעמט א קורצן וועג, וואָס האָט אין סאמע מיטן נישקאָשע פון טיפ-בלאָטיקע ערטער.

— נו? — רופט ער די איבעריקע.

— געגאנגען איז געגאנגען.

— גיכער.

אים איז גרינג צו זאָגן — ער איז אי א לאנגפיסיקער אי א גוטער פיזקולטורניק. באם אריבערפעקלען זיך איבער א טיפ-בלאָטיקן טינטער איז פאר אים גענוג, אויב אינמיטן געדיכטער אָדער שיטערער בלאָטע ליגט א שטיין אָדער אפילע א שטיקל ציגל — א שפרונג אהין מיט אן אויסגעצויגענעם לאנגן פוס, און ער איז אפ יענער זייט בלאָטע. ערגער איז דעם קורצן מאָטלען. ער איז מיט איין שטיוול פארסטראָגעט געוואָרן, טרעט ביז דער קני, דעם צווייטן פוס האלט ער, ווי א בושל, אין דער הייך און האָט, אפּאָנעם, א שטיקל „יישעוו-האדאס“, וואָס זאָל ער מיט אים טאָן. ארקע און וועלוול זיינען שוין אפ יענער זייט בלאָטע, שטייען און קוקן אפ אים. ארקע הייבט אים ניט אָן צו פארשטיין:

— נו?.. ביזוואנען איז דער שיר צו טראכטן?.. אזוי, אזוי... קריך מיטן צווייטן שטיוול אויך. וואָס וועסטו דאָ מאכן קונצן?

אפ אזא פּאָשעטן סייכל איז מאָטל, זעט אויס, ניט געפאלן. ער זעט שוין: ער האָט גאנץ פיין דורכגעקנאָטן די בלאָטע און איז פונדעסטוועגן ניט אומגעקומען. מער ניט: ער סאָפּעט א ביסל אָפּ, ווי נאָכן גיין אין אקער. נעמט א שפּענדל אפ ארומצורייניקן די שטיוול און באטראכט שוין אין איין וועג די טעווע פון בירעבידזשאנער בלאָטע — זי איז שווארץ, ווי סאזשע, אי פעט, ווי סמאָלע, אי קלעפּיק, ווי ליים — ס'איז א בלאָטע שעבעבלאָטע, און ס'איז קעדײַ זיך אײַנצוקוקן אין איר —

מיט איר וועט דאָ אויסקומען האָבן א ביסל צו טאָן. טאקע דענסטמאָל, בײַס ער איז אזוי געשטאנענע אָנגעבויגן, האָבן אר־קע און וועלוול לאכלוטן אים פארגעסן. — זיי האָבן דערזען עפּעס מער משיקאווערדיקס: אפן ראָג פון א נייַ דאָרף־געסל איז לעבן פּלויט געשטאנען אן אלטע ייִדענע, זיך אָנגע־האלטן מיט ביידע הענט אָן פּלויט, קעדיי ניט אראָפּצוגליטשן זיך פונעם טרוקענעם אָרט אין דער נאָענטער בלאָטע אריַין, און גערופן נאָך. זיך איר נאָך מער אלטיטשקן מאן:

— שאָלעם-מייער, גיי שוין גיכער א ביסל.

— שאָלעם־מייער... וואָס קרעכצסטו?

— האָסט מיך שוין פארקרעכצט, שאָלעם־מייער.

— טו, ווי איך, זאָג איך.

— האלט זיך אָן באַם פּלויט...

אפ שאָלעם-מייערן — א קורצוווקסיקער מיט א געדיכטער גריַיז-גראָער פּאטלע און אויך אזא געדיכטער גריַיז־גראָער באָרד — איז פּאנאנדערגעשפּיליעט דאָס לאנגע ליוסטרינענע רעקל. די קנעפּלעך פון זיַין וויַיס־פּארוסינענער זשיליעט זיַינען טיילוויַיז נאָך פּערלמוטערנע, טיילוויַיז שוין שווארצע — א געמיש פון אלטע און נייַע צייַטן. ער ענטפערט זיַין ייִדענע ניט געכאפּט, מיט א געמעסיקטן בארויגעז פון א זעכציקיאָריקן:

— דיר איז גרינג צו זאָגן „האַלט זיך אָן באַם פּלויט".

— איך בין שווערער פון דיר...

— כ'וועל זיך אראָפּגליטשן...

אין דער ייִדענעס קאָל הערט זיך א וויינענדיקע הייזע־ריקייַט:

— וואָס־זשע וועט זיַין?

— וועלן מיר הייַנט ניט עסן?..

ארקע האָט א קוק געגעבן אפ וועלוולען, אפן צוקומענ־דיקן מאָטלען, געפרעגט בא דער ייִדענע:

— וווּהין דארפט איר דען גיין?

די ייִדענע — איַינקוקנדיק זיך אין ארקען, צי איז ער ניט א באקאנטער:

— ס'הייסט „וווהין״? — אפן איבערוואנדערער־פונקט.

ארקע:

— אפן איבערוואנדערער-פונקט?

ווידער א קוק געגעבן אפ וועלוולען און מאַטלען, ווידער בא דער ייִדענע געפרעגט:

— וואָס דארפט איר דאָרט?

די ייִדענע:

— וואָס מיר דארפן דאָרט? — דאָס אייגענע וואָס איר: מיר זיַינען איבערוואנדערער.

אויב אזוי, איז פארשטענדלעך. איבערוואנדערער דארפן גיין אפן איבערוואנדערער־פונקט עסן. ארקע פאלט פונדעסט־וועגן אפ אן אייצע:

— הייסט עמעצן פון איַיערע קינדער, וועט ער איַיך ברענ־גען אהיים עסן.

די ייִדענע:

— וועלכע קינדער?

דער אלטער מיט א זיפץ:

— בבבא!.. ווען איך זאָל האָבן קינדער!..

דאָ ווערט די זאך פאר אלע דריַי כעוורעליַיט באניַיס אומפארשטענדלעך. זיי קוקן זיך דורך. ארקע פרעגט באם ייִדן:

— אָן קינדער?.. וואָס־זשע זיַיט איר אהער געקומען?.. וואָס וועט איר דאָ טאָן?

דער אלטער:

— און וואָס האָב איך דען געטאָן אין דער היים?

וויַיזט זיך ארויס: אין דער היים איז די ייִדענע נאָך גע־ווען א פארקויפערן אין א קאָאָפעראטיוו, און דער ייִד — א קא־סיר אין א קינאָ. ער זאָגט וועגן זיך אליינ:

— איר ווייסט ניט? — אן אלט שטיקל מעבל, קאָלזומאנ

עס שטייט אינ א ווינקל, שטייט עס. רירט מענ עס פונעמ אָרט, ווערט עס צעשאָטנ. איז וואָס איז אונדז אָנגעקומענ מיר זאָלנ פאָרנ אהער? — איז טאקע א קאשע, נאָר איך וועל אייך זאָגנ דעמ עמעס: מיר זעענ דאָך, אז עס פאָרנ אהער ייִדנ — אונ איך אונ מיינ אלטע, ווי איר קוקט אונדז אָנ — מיר זײַנענ געקומענ אהער שטארבנ צווישנ ייִדנ.

ניינ, ווארט. ארקע וויל וויסנ:

— עמעצער האָט אייך אהער געשיקט, צי ניינ?

דער אלטער:

— נו יאָ, אווּדע געשיקט.

ארקע:

— ווער?

דער אלטער:

— ס'הייסט ווער? — בא אונדז אינ שטאָט, דער „געזערד".

מאָטל האָט דערופ שטיל א זאָג געטאָנ:

— ס'איז א ליגנ... א?

ארקע האָט זיך צו אימ ניט אומגעקוקט. אפנ אָרט פונ ענטפער האָט ער בא זיך פארשריבנ די „געזערד"־אָפטיילונג, וואָס האָט דעמ ייִדנ אהער געשיקט, אונ דעמ ייִדנס נאָמענ:

— מייער טעלענגאטער.

וועלוול האָט פריילעך א פלוידער געטאָנ:

— אוי, געווענ בא אונדז אינ דער היימ א ייִד מיט אזא פאמיליע... מע האָט געזאָגט: ער איז אמאָל געווענ א סטאראָסטע...

ערשט ווענ מע איז אלע דרײַ אוועקגעגאנגענ, האָט ארקע א פרעג געגעבנ בא מאָטלענ בייזלעך, ווי אפ אויסצוזידלענ:

— פונוואנענ ווייסטו, אז ס'איז א ליגנ? ער איז דאָך געקומענ מיט אנ אָרדער!

דאָס האָט געבראכט דערצו, אז אפנ ווײַטערדיקנ וועג, וואָס דארפ ברענגענ צומ טײַך בירע, זאָלנ אלע דרײַ

שוויַיגנדיקערהייט זיך פאַרטראַכטן: וואָס איז עס פּאַר אַ מײַסע? ווער שיקט עס אַהער אַזוינע איבערוואַנדערער, ווי אָט דעם מייער טעלעגראַפיסט, ווי זײַוול בראָדסקי און יודל ליפשיץ? סע קומט אויס: עמעצער טוט עס, ווי אומיסטן, אויף צולאָכעס. יעדערער פון די דריַי האָט וועגן דעם געטראַכט און געהאַט פון דעם יסורים, יעדערער אויף זײַן שטייגער. וועלוול, צום בײַשפּיל, איז ביכלאַל אַ מענטש, וואָס לאַנג יסורים האָבן קאָן ער ניט — איין מינוט, און שוין. ער וועט בעדײַ, ווי אַ פרייַלעכער סטאָליער־יאַט אָפּהובליעווען אַ פּאָר איבעריקע דעמבענע טרוקענע ברעטער, איידער זיך „וואָזען" מיט וועלכע־ניט־איז צאָרעס בײַ זיך אין קאָפּ, צי אין האַרצן. מאָטל האָט פּלוצלינג צו אַרקען אַ זאָג געטאָן:

— וואָלסט באַדאַרפט אויפהייבן די פראַגע נאָך הײַנט... אויף דער איבערוואַנדערער־פאַרזאַמלונג.

אַרקע האָט גראָד געטראַכט וועגן די סאַמע פעסטע צווישן די איבערוואַנדערער: „שימקע, לעמאַשל... דאָס איז אַן איבערוואַנדערער". און ווײַל ער האָט גראָד אין זינען געהאַט שימקען, האָט ער שוין געענטפערט בייזלעך, קימאַט מיט שימקעס קאָל:

— וואָס עפּעס נאָר איך? פאַרוואָס ניט דו אויך? פאַר־וואָס ניט וועלוול אויך?

— נו, גוט, אַלע — מאָטל אויך, איך אויך... קאָנטשענאָ...

וועלוול קאָן ניט לײַדן, ווי מענטשן האָבן דיר אַ טעווע צו צעקײַען יסורים — עפּעס ווי זיי וואָלטן זיך קוויקן מיט זיי. זיי פאַרגעסן גאָר צו פרייען זיך און צו געדענקען, אַז זיי זײַנען אָקאָרשט הײַנט באַנאַכט אַהער געקומען. זיי זעען גאָרניט, וואָס אַנטקעגן טוט זיך — אַנטקעגן זײַנען בערג אײַנגעהילט אין בלויע רויכלעך און זעען אויס פונוויַיטן, ווי ליגנדיקע גוואַלדיק־גרויסע כײַעס. די זון וואַרעמט זיי דאָרט די פּלייצע — אַך, ווי זי וואַרעמט! עס קריכט אַזש אויף די פעל.

ווען מע טוט זיך, אשטייגער, אויס נאַקעט און מע טוט זיך א קוליע אפּ יענע בערג. עס וואָלט זיך וועלן אהינ ארופּקלע־טערן און א קוק געבן פון דאָרט אינ אלע זייטן, זען וואָס עס טוט זיך ארום און ארום. נאָר צו די בערג איז גאָר ניט אזוי נאָענט, ווי עס דאַכט זיך. וואָס מער מע קוקט זיך איינ זיי איינ, אלץ ווייטער רוקן זיי זיך אָפּ. פיל נעענטער אהער שטעקט צום הימל־צו עפּעס זייער אנ אנטיטשנער ריזיק־קייַלעכיקער גרינער בארג — אָפּגעזונדערט פונ יענע אלע ווייטע בערג, איינער אליינ פאַר זיך. פונ זיינ סאַמע העכסטער הייך, ווי פונ א שפּיציקן קאָפּ, צעשיט זיך אינ אלע זייטן א גרינעביימער־געדיכטעניש, און אָט האָסטו — א געקרייַזלט גרינער, קייַלעכיק, ווי אונטער א צירקל, שטייט זיך פּוסטעפּאַס גאָר נאָענט לעבן טיכאָנקע, שטייט שוינ אזוי עפּשער פונ זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן און איז נאָך אלץ, זאָל ער מוחל זיינ, א לעקיש; אזוי זעט ער יעדנפאַלס אויס בא וועל־וולען אינ די אויגן — וואָרעם אָט: אזא מאָכינע־בארג, שוינ ווייט ניט קיינ „יונגערמאַנ”, און ביז היינט האָט אים נאָך קיינער אפילע קיינ נאָמען ניט געגעבן. וועלוול קוקט זיך אום צו די שטיינ־געבליבענע ארקע און מאָטלען — אהא! זיי קוקן שוינ אויך אפן בארג, זיי זיינען אינ פאַרגלייך מיטן בארג אזעלכע פּיצעלעך — זיי זיינען אזש פאַרגליווערט געוואָרן.

— אנו — זאָגט ער צו זיי — כאַכאָמים! ווי הייסט דער בארג?

יענע ענטפערן אים ניט אזוי גיך — זיי גאַפן און קוקן. ארקע הייבט אָנ צו דרינגען, אז דער בארג הייסט די „סאָפּקע”, וואָרעם אזוי האָט געזאָגט פּיאָטער אקסענטיעוויטש:

— „איר וועט זיך נעמען רעכטס, וועט איר דערזען די סאָפּקע”.

בא וועלוולען אָבער קומט אויס, אז אָט דער קורץ־פאַר־צויגענער נאָמען איז פּאָשעט א באַליידיקונג פאַרן בארג:

— אוי ווי! — קוועלט ער אָן, — ניט קיין „סאָפּקע", ’נאָר טאַקע מאַמעש א „סאָפּעניש".

ער לייגט פּאָר צוגיין נעענטער צום „סאָפּעניש". דער ביישעק אַרופּצודראַפּען זיך אפן באַרג ברענט אין אים ניט ווייניקער, ווי דער ביישעק בא א רײַטער זיך אופּצוזעצן אפ א שיינע ניט-אויסגעפּאָרן רײַטפּערד. ער ווײַזט אָן:

— אָט פירט אַהין א סטעזשקע, קומט.

ווײַזט זיך אָקאָרשט אַרויס: צווישן אָרט, פונוואַנען מע נעמט זיך גיין, און צווישן באַרג איז נאָך פאַראַן א שטיקל מעכיצע — דער גאַנג אַהין ווערט וואָס אַמאָל מער שטיינדלדיק, ווי דער געשוועקנטער ברעג בא א יאַם. די שטיינדלעך, ווי גרעסערע און קלענערע קײַלעכיקע אייער, געשוועקנט פון געוויסערן, בערגלען זיך, גריבלען זיך, שטערן דעם גאַנג, און דאָ דערזעט מען פּלוצלינג, ווי דער טײַך בירע שלענגט זיך אַרויס פון צווישן די ווײַט-ווײַטע בערג און צעטײַלט אַפּ צווייען דעם גלײַכן פלאַך. טיפ פליסנדיק, טיפ אײַנגעגראָבן אין דער ערד, קוליעט ער געשווינד זײַנע שטאַרק טונקעלע וואַסערן, צעשפּרייט זיי ברייט און שטום, פליסט מעכטיק און גיך, ווי א באַרויגעזער באַלעבאָס אין לאַנד — א גיבער טוער, וואָס האָט קיין צײַט ניט זיך אומקוקן אין די זײַטן, עפּעס ווי פול מיט פאַריבל: — אַלץ אַרום אים שווײַגט און רירט זיך ניט, און ער... אָט זאָל מען זען, ווי אײנעם א טײַך קומט דאָ אויס צו האָרעווען פאַר אַלעמען. ער טראָגט געשווינד איינציקע קלעצער אפ זײַנע פליסיקע רוקן. פון גאַנץ ווײַט, פון צווישן די בלוילעכע בערג טראָגט ער זיי אַהער, ער איז ניט שולדיק, וואָס די קלעצער זײַנען נאָך דערווײַל איינציקע, ווייניק — זאָל מען אים געבן נאָך, א סאַך, אָן א צאָל, גאַנצע פליטן. זאָל מען אפ זײַנע שטאַרק-פליסנדיקע רוקן לאָזן שווימען גיכע דאַמפער מיט פּאַסאַזשירן און מיט בוי-מאַטעריאַלן און מיט זעטיקנדיקע סכוירעס — ער איז דער ערשטער דאָ אין

לאַנד גרייט צו בויען סאָציאַליזם. נו גוט, ער וועט דערויף געבן צושטייער — זאָל מען פאַרוואַרפן אין אים נעצן און זיך שפּייזן מיט זיינע אָנצאָפּיקע באַטאַמטע פישן.

דריי זיינען זיי אין יענעם פרימאָרגן געווען באַם ברעג פון אָט דעם טייך — וועלוול, אַרקע און מאָטל — יונגע יאַטן. זיי שטייען באַם זוים, קוקן פאַרגאַפט אויף דער בירעס שטאַרקע, שווימענדיקע וואַסערן און זיינען דערביי פול מיט געפילן, וואָס לאָזן זיך ניט באַשיידן.

אינדרייען זיינען זיי אין יענעם פרימאָרגן געשטאַנען באַם ברעג פון בירע. מאָטל האָט זיך פאַמעלעכקע צוגעזעצט, גענומען אַראָפּשלעפּן פון זיך פריִער די שטיוול, נאָכדעם די הויזן. אַרקע האָט געפרעגט:

— וואָסי, וואָס וועסטו טאָן?

מאָטל האָט שוין געהאַט פאַרקאַטשעט טיף-טיף די אויבערשטע הויזן.

— גאָרנישט, — האָט ער געענטפערט, — אָט דאָרט, אין ווינקל, האָבן זיך פאַרהאַלטן באַם ברעג קלעצער — כ'וועל אַריין אויף אַ רעגע, איך וועל זיי אָפּשטופּן.

טאַקע מיט דעם — מיט אָפּשטופּן פון ברעג די פאַרהאַלטענע קלעצער, האָט זיך אויף מאָרגן אָנגעהויבן מאָטלס, וועלוולס און אַרקעס אַרבעט אין בירעבידזשאַן.

4

דער איבערוואַנדערער שימקע שנייור, כאָטש ערשט צוריק מיט עטלעכע טעג באַם אַרויסשפּרינגען פון וואַגאָן האָט ער זייער באַגאַפט און באַוווּנדערט דאָס שיינע לאַנד, פונדעסטוועגן הייבט אים ניט אָן צו באַוווּנדערן און באַגאַפן ניט דער איבערוואַנדערער־באַראַק, וווהין ער האָט געבראַכט פון צוג זיינע פּעקלעך, ניט דער הויף, דער פּלאַץ אָדער די מענטשן וואָס

אין און אַרום דעם באַראַק. פֿאַרקערט, אים קומט פֿאָר, ווי ער וואָלט דאָ ניט איין מאָל שוין האָבן געהאַלטן סטאַנציע. אים דאַכט זיך: אין באַראַק, צווישן די־אָ מענטשן, איז ער שוין גענוג אויסגעקאָכט, זיך גענוג „אָנגעגעסן“ מיט די טײַנעס, וואָס מע הערט דאָ, זיך גענוג אָנגעזען מיט די אַרומיקע פֿאַראָנדקעס — היימישע מײַסעס. לעבן זײַן פֿאַרנומענעם פּלאַץ קלאָגט זיך אַ פֿרעמדער איבערוואַנדערער:

— „כאַסענע געמאַכט“ אין אַ ביסל וועש און אין אַ פּאָר הויזן — נאָך גוטע הויזן...

באַם איבערוואַנדערער פֿרעגט מען:

— ווען?

— אָט־אָקאָרשט — וויינט ער שיר ניט, — איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט... אַוועקגעלאָקעכט מאַמעש פֿון אונטער די הענט, טאַקע דאָ אין באַראַק... כ'האָב זיך ניט באַוויזן אַ קער צו טאָן. ווער? — אַדעראַבע... נו, ווער? אַז אין באַראַק איז קיינער ניטאָ כוץ איבערוואַנדערער.

— און אַז איבערוואַנדערער, איז וואָס? — מישט זיך אַרײַן שימקע, — זאַכן דאַרף מען היטן. מע גייט אַוועק, בעט מען אַ באַקאַנטן שאָכן, ער זאָל אַכטונג געבן...

וואָס שײַעך צו זײַנע, שימקעס, זאַכן, זײַנען זיי באַוואָרנט ווי אין אַ „גאָסודאַרסטווענעם באַנק“ — זיי ליגן דאָ אין באַ־ראַק אונטער בעני פֿרינצן. שימקע ווערט נאָך דערבײַ אַ ביסל אויפֿגעבראַכט, קוקט מיט שטעכיקע ברעמען אָף יענע, וואָס זאָגן אים אַנטקעגן, הייבט אָן אַזש בייז צו ווערן:

— האָסט באַ יעדן איבערוואַנדערער אַרויסגענומען אַ מע־טריקע, צי איז ער באַ זיך אין דער היים, כאָלילע, ניט גע־ווען אַמאָל אַ גאַנעוו?

— איבערוואַנדערער זײַנען דאַזנע.

— סע דאָ רעכטס, סע דאָ דער רועכ ווייסט וואָס.

צי אָט, לעמאָשל, גייט צו שימקען צו אַן איבערוואַנדע־

דער — שוין אַן עלטערער מענטש, רופֿט אים אָפּ אָן אַ זײַט, ווי אַף אַ סאָד:

— יונגערמאַן — פֿאַרקרימט ער זיך, ווי אַף אַ נעדאָוועצו בעטן, — עפּשער ווייסט איר, וווּהין קאָן מען דאָ אַרויסגיין, צוליב אַ... געוויסער זאַך... כ׳וועל אײַך זאָגן דעם עמעס: שוין עפּשער מער ווי אַ שאָ, אַז איך האַלט זיך אײַן... איך כאַלעש, שיר ניט...

שימקע קוקט יענעם אָן, ווי אַ גרויסן „האָצמאַך“, ווייסט אויסגעבונדן איטלעכע קלייניקייט, אַקוראַט, ווי ער וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן.

— מענטש איינער! — גיט ער יענעם אַן אײַצע, — גייט, זײַט מויכל, אַרויס אין דרויסן, קוקט זיך אַרום, צי עס איז קיינער נישטאָ און שוין... ווו איר וועט זיך אַנידערזעצן, דאָרט וועט אײַך ווויל באַקומען. עמעצער וועט בא אײַך פֿרעגן אַ פּאַס-פּאָרט? קיין וואַטער-קלאָזעטן האָט מען נאָך דערווײַל ניט צו-געגרייט.

שימקען איז אויך אַף אַ האָר קיין כידעש ניט אַף יענעם, וואָס פֿרעגט זיך נאָך אַף אַזאַ קלייניקייט — ער זעט: אַ „פֿײַ-נער“, אַ ביסל געצערטלט פּאָנעם, מיסטאָמע פֿון יענע, וואָס מע נעמט זיי קיין בירעבידזשאַן, ווײַל זיי האָבן אַ ביסל געלט אַף אײַנצופֿירן דאָ באַלעבאַטישקייט. כאָטש פֿונעם שמועס, וואָס אָט דער „פֿײַנער“ האָט דאָ פֿריִער אַ ביסל געפֿירט, איז שימקען קלאָר געוואָרן, אַז געלט האָט יענער געהאַט פֿריִער, איידער ער איז קיין בירעבידזשאַן געקומען, איצט באַשטייט שוין זײַן איינציקע „מײַלע“ בלויז אין דעם, וואָס אַ געוויסע מעלאָכע קאָן ער אָפּטאָן ניט אַנדערש, ווי אין אַ וואַטער-קלאָזעט.

איין זאַך איז שימקען יאָ דאָ די גאַנצע צײַט אַ וווּנדער — און בעפֿיירעש אַף זיך, שימקען אַליין: אים ציט דאָ צו איינעם אַן איבערוואַנדערער, וועמען ער האָט ביז הײַנט נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געזען — שוין אַ מײַסע פֿון עטלעכע שאָ, זינט

דאָס ציִעניש אין האַרצן האָט זיך צו יענעם איבערוואַנדערער אָנגעהויבן, נאָגט און נאָגט אונטערן ברוסט־לעפּעלע, לאָזט ניט אָפּ, קאָן מען זאָגן, אַפילע אַף קיין רעגע. ס'איז געווען אַרום עלף אַזייגער אינדערפרי, שימקע איז אין דרויסן לעבן באַראַק געזעסן אַף די קלעצער, וואָס זײַנען אָנגעוואַלגערט אַף דער זון. טאַקע דאָרט אַף די קלעצער איז געזעסן איינער אַ מענטש, וואָס האָט אויסגעזען עלטער פון שימקען אַף אַ יאָר צען. אַ שטילער, אין אַ גרוי לײַבל, אין שטיוול — געמוזט זײַן אַמאָל זייער אַ שוואַרצער, אַף אַזויפיל, אַז יעדער געציילטער גראָער האָר אין זײַן קורץ-געשוירענער באָרד קומט אָן זייער און זייער שווער, זיי זאָלן אויפגעבן כאָטש וויפל-ניט-איז פון זייער אַקשאָנעסדיקער שוואַרצקײַט און אויך אָנ־הייבן ווערן צו ביסלעך גראָ. דעם מענטשן האָט מען אַ רוף געטאָן אין קאָנטאָר אַרײַן און פון דעם האָט שימקע זיך דער־וווּסט, וויִאַזוי ער הייסט:

— זאַקס.

— מענדל זאַקס.

שימקע האָט אים נאָכגעקוקט, ווי ער גייט אין קאָנטאָר — ניט געכאַפּט, מיט די הענט אין די טאַשן פון גרויען לײַבל, זײַן קאָפּ אַ ביסל אַף דער זײַט, ווי איינער זאָגט:

— „נאָכאַמאָל אין קאָנטאָר?"

— „נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל..."

— „אַנדערש ווי איך פאַרשטיי, וועל איך ניט זאָגן".

· דערנאָך טאַקע, דאָ אַף די קלעצער, ווען יענער האָט זיך פון עם קאָנטאָר אומגעקערט, האָט שימקע פאַרפירט מיט אים אַ שמועס, געוווּיר געוואָרן פון אים, אַז ער איז אַן איבער־וואַנדערער פון עם קאָלעקטיוו „נײַ־קאַזאַן":

— אַ געוועזענער ווילנער.

— פון די „בעזשענצעס", וואָס זײַנען פאַרבליבן אין קאַזאַן.

געקומענ איז ער קיינ בירעבידזשאנ נאָכ אינ מײַ — טאקע מאמעש פונ די סאמע ערשטע, אוועקגעשיקט האָט מענ אימ, ווי פיל אנדערע, צו בירער פּרווו־פעלדער. א קילאָמעטער 60 פונדאנענ.

— טאקע דאָרט געפינט מענ זיכ — א צענ קילאָמעטער ארומ אונ ארומ בירער פּרווו־פעלדער — דורכויס קליינע קאָ־לעקטיוולעכ צו אכט-צענ מענטשנ, אמאָל נאָכ וויי ניקער...

— וואָס מע טוט דאָרטנ?

— וואָס טוט מענ ניט? — מע בויט א ביסל הײַזער, מע הייבט אופ א ביסל רויערד, א ביסל קאָרטשאָוועקע, א קליינער פּארזיי, א ביסל פּיצוכט, אנדערע — פורמאנעס, נאָר דאָס איז שוינ ווײַטער, לעבנ קאטערינע-ניקאָלסק. פּאראנ ארבעט. סע וואָלט דענ געווענ שלעכט? נאָר וואָס-זשע — אז גראָד הײַנ־טיקנ זומער האָט אפּצולאָכעס ניט אופגעהערט צו רעגענענ. די טײַכנ האָבנ עטלעכע מאָל פארפלייצט. אלטע קאָרייצעס זאָגנ: אזוינס איז נאָכ דאָ קיינמאָל ניט געהערט געוואָרנ. די באזע איז דאָ, אינ טיכאָנקע, נו, אז ס'האָט פארפלייצט, איז מענ אָפּגעריסנ פונ דער באזע — איינ מאָל אונ נאָכאמאָל, אונ נאָכאמאָל — עס דערעסט... דאָס זײַנענ מיר פונ דאָרט געקומענ אינ קאָנטאָר — איכ אונ נאָכ צוויי. יענע צוויי זאָגנ: זיי וועלנ אוועקפאָרנ — דאָ איז ניט דאָס, וואָס מע האָט געמיינט...

דאָ איז אָנגעקומענ פונ קאָנטאָר יענער, וואָס צו אימ גייט מענ זיכ רעגיסטרירנ — א רויטלעכער, ניט גאָר קיינ וווקסי־קער, א פּעכקע, אזא, וואָס וויפל צאָרעס אינ אימ זאָל ניט ארײַנ, וועט ער אלצ איבערטראָגנ אונ וועט נאָכ צושמייכלענ.

— כאוועך מענדל זאקס, — האָט ער געזאָגט — אפ אײַכ האָב איכ זיכ ניט גערעכט... איר זײַט די גאנצע צײַט געווענ איינער פונ די זיכערסטע איבערוואנדערער, א סאָוועטישער — אפנ גראָבנ פינגער — אָ! איצט ווילט איר ווײַזנ אנדערע א בײַשפּיל, וויאזוי מע פאָרט צוריק?

— אוועקפאָרן? ווער?

מענדל זאַקס האָט זיך אַזש אויפגעהויבן פון די קלעצער:

— זאָל אוועקפאָרן ווער עס וויל — איך בין ניט קיין מענטש פון העצקען זיך. איז וואָס זאָגט איר מיר „אוועק־פאָרן"? איר האָט שוין געהערט פון מיר אַמאָל אַזאַ וואָרט?..

איך זאָג נאָר איין זאַך: מע האָט פון אָנהייב אָן ניט באַ־דאַרפט אוועקשיקן ווייַט פון דער באַזע. אָט דאָ האָט מען באַדאַרפט אָנהייבן, לעבן דער באַן — אַ באַן איז אַ מאַמע.

ער האָט פּאַמעלעך ערגעץ אוועקגעשפּאַנט אינאיינעם מיט יענעם פון קאָנטאָר. פון דענסטמאָל אָן הערט ניט אויף צו נאָגן באַ שימקען אונטערן ברוסט־לעפעלע און צו ציִען צו אָט דעם זאַקסן — עפּעס ווי צו אַן אייגענעם ברודער און עפּ־שער נאָך מער. עס גייען ניט אַריבער קיין עטלעכע רעגעס, ער זאָל דאָ יענעם ניט זוכן אַרום זיך מיט די אויגן. שימקע איז באַרויגעז אַפּ זיך אַליין:

— שוין געזען אַזאַ מין ציִעניש?

— טפו זאָל עס ווערן!..

ער גייט אומיסטן אין באַראַק אַ קוק געבן, וואָס טוט זיך דאָרט — גאָרנישט: זײַוול בראָדסקי און יודל ליפשיץ האָבן זיך דאָרט שוין צונויפגעפּאָרט מיטן פײַנעם ייִדן, וואָס האָט זיך פריִער נאָכגעפרעגט, ווו ער קאָן האָבן זײַן „וואַזשנע מאָגנ"— מע האָט שוין אַלע דרײַ סוידעס. סימכע קאָראָליוועקער שלאָפט, ווי אַ געהאַרגעטער. בעני פּרינצ דרעמלט, דאַכט זיך, זיצנדיק. דאָך, אַז מע גייט צו צו אים גאָר נאָענט, עפנט ער איין אויג און קוקט, צי האָט מען ניט בעדייע אַרויסצושלעפּן פון אונטער אים אַ פּעקל; ער פרעגט באַ שימקען גאַנץ שטיל, ניט געכאַפּט, מיט אַ פאַרשלאָפן קאָל:

— וואָס איז... אַ?..

שימקע גייט אַרויס פון באַראַק, זוכט מיט די אויגן, וואַרט אַזוי לאַנג, ביז ער דערזעט פּלוצעם זאַקסן און באַקומט מאַמעש

עפּעס א פרייד אין הארצן, דערפילט גלײַך, אז דאָס איז פונקט יענער, וועמען מע דארף:

— נו? — פרעגט ער בא זאקסן שוין א ביסל היימיש, — וואָס הערט זיך?

— ניין, — ענטפערט זאקס, ווי מיט אן אײַנגעהאלטענעם זיפצ, — דערווײַל נאָך גאָרנישט.

עס זעט אויס, ווי זײַן קומען פון בירער פּרווו־פעלד אהער האָט זיך ניט אײַנגעגעבן.

— אין קאָנטאָר — דערציילט ער שימקען — זאָגן זיי אלץ דאָס אייגענע: „ארום טיכאָנקע איז ניטאָ ווו צו באזעצן אי־בערוואנדערער". בא דער באן, הייסט עס, דאָ, זאָגן זיי, קאָן מען לאָזן נאָר עטלעכע שנײַדערס, שוסטערס.

— אזוי זאָגן זיי?

שימקע וויל גלייבן, אז וואָס מע זאָגט אין קאָנטאָר, איז געזאָגט — וואָ־דען? מע איז דאָ ארײַן, כאָלילע, צו פרעמדע אין די הענט? דאָך, אין אָט דעם זאקסן האָט ער עפּעס אײַזערנע עמונע, פונקט ווי אין זיך אליין. אָט וועט ער טאקע בא זאקסן זיך דערוויסן:

— און ווו איז דער עמעס?

— דער עמעס?

זאקס פארטראכט זיך, איידער ער ענטפערט:

— מע איז ערשט אין מײַ געקומען... אניט האָט עמעצער נאָך געקאָנט זיך גוט ארומקוקן — אפילע דאָ, אין טיכאָנקע, בא זיך אונטער דער נאָז?

שימקע וויל פונדעסטוועגן דערגיין:

— פארוואָס־זשע האָט מען עפּעס געשיקט גראָד אהין? — כ'מיין: וואָס עפּעס גראָד אין די בירער פעלדער?

זאקס:

— פארוואָס? ווער ווייס? אין בירער פּרווו־פעלד זײַנען געווען פון פריִער א פּאָר פּארטיקע ביניאָנים — מיסטאם מיט

דעם זיך געדערכנט: סע וועלן קומען די ערשטע איבערוואנ־
דערער, וועלן זיי גלייך האָבן א דאך אף זיך.

אהא! — שימקע זעט שוין איין: א שטיקל רעזאָן איז, הייסט עס, דאָ יאָ געווען. א ווונדער בלייבט אים פונ־
דעסטוועגן: מיילע, אין קאָנטאָר האָט מען נאָך קיין צייט ניט געהאט זיך ארומצוקוקן, און ווו זיינען געווען די קעפ בא
די איבערוואנדערער? א קאָנטאָר מאכט א כעזשבן, שטעלט אויס א פּלאן. סע מעג דאָרט זיצן דער גרעסטער אגראָנאָם,
דער געטרייסטער כאָזיאיסטוועניק — שימקען גייט עס ביז גאָר אָן, ווייל ניט אף צוקלוימערשט איז ער אהער געקומען — ער,
און אף אים קוקנדיק בעני פרינצ, פרויעם טשערנאָבילער, סימכע קאָראָליוקער. דאָס וויל ער טאקע בא זאקסן וויסן:

— אין קאָנטאָר מוז מען האָבן די בעסטע ספּעצן — אויב די איצטיקע טויגן ניט, דארף מען אנדערע...

— יאָ, — זאָגט זאקס, — ספּעצן...

דאָ טוט ער ווידער א טראכט:

— איז ווו — פרעגט ער — זאָל מען זיי נעמען, די דאָזיקע ספּעצן? — א סאך אזוינע, וואָס האָבן געבויט א נייַ לאנד?.. זיי האָבן געהאט בא וועמען זיך צו לערנען? דאָ איז טאקע די גאנצע צאָרע...

ערשט דאָ טוט ער א קוק אף שימקען, ווי איינער פרעגט:

— „צעקייט?"

— א? — בלייבט שימקע אָן לאָשן.

נו גוט, אף א סאך מענטשן קאָן ער קוקן מיט שטעכיקע האָר אין די ברעמען, נאָר ניט אף אָ־דעם זאקסן. שוין געזען,
אז א הארצ זאָל אזוי ציִען צו א מענטשן? — און עפּעס גאָר אינגאנצן אנדערש, ווי אין דער היים צום ווייַב, לעמאָשל,
עפּעס גאָר מיט דערכערעצ... אָ־דעם זאקסן וואָלט שימקע בעשו...יפן ניט געקאָנט אָנהייבן זאָגן „דו". זייער לעפּיש, ווי
אונטן ארום, טרעט ער אָפּ אינאָוונט זאקסן זיין געלעגער אין באראק, רוקט אי... ווי אונטן־ארום דעם אייגענעם איינציקן

קישן אונטערן צוקאָפּנס. בעני פּרינץ טוט א בורטשע, אים געפעלט ניס, וואָס דאָ אינ ווינקל איז באנײַס ענג געוואָרן.

— שא! — בייזוערט זיך שימקע און טוט אפּ בעניג א קוק מיט שטעכיקע האָר אינ די ברעמען.

זאקס, זעט ער, טוט ניט אויס ניט זײַנ לײַבל, ניט די שטיוול. ווי נאָר ער לייגט זיך אנידער, מאכט ער צו די אויגנ און ווערט אנשלאָפנ — אפּאָנעם, שוינ געוווינט אי צו דער ענגשאפט אי צו דער לופט. אינ שלאָף — ניט ער שנאָרכעט, ווי אנדערע, ניט ער בלאָזט די באקנ.

— זעסט — טראכט וועגנ אימ שימקע, — א טשיסטאָפּלאָטנער...

פילנ פילט זיך איצט נאָך מער ווי פריִער — עפּעס א גרינג־קייט אינ אָ־דעם זאקסנ — צי איז ער ניט פונ יענע, וואָס שטעלנ זיך אָפּ, ווי א באוויַיז, אז סע קאָנענ נאָך זײַנ ווילדע מענטשנ אפּ דער וועלט, שטעלנ זיך אָפּ אפּ א ווײַלע און פארשווינדנ? אָט עפנט ער א קאפּעלע די אויגנ — שווארצע, שלעפעריק־ריינע, דערזעט שימקענ, וואָס ליגט מיט אים אינ איינ ריי, קוקט מיט זיי אזוי, ווי ער וואָלט וויסנ שימקעס אלע געדאנקענ, און שלאָפט שוינ ווידער, טוט זיך קיינ ריר ניט.

שימקע, ווײַל ער איז זייער פיל געשלאָפנ אינ וועג אינ וואגאָנ, צי דערפאר, וואָס אָט דער זאקס האָט אים עפּעס ווי מיט גאָרניט אופגערודערט אי דעמ קאָפּ אי דאָס הארצ — שימקענ נעמט הײַנטיקע נאכט קיינ שלאָף ניט — ער האָט א געדאנק:

— זאקס, איך, בעני פּרינצ, פרויעמ טשערנאָבילער, סימכע קאָראָליוועקער — פארוואָס זאָל מענ אליינ זיך ניט א שאר טאָנ דאָ נאָענט ארומ דער באנ, זאָל זײַנ מיט צענ קילאָמעטער ווײַטער. מע זאָגט, דאָ איז דורכויס טײַגע. נו גוט, זאָל זײַנ טײַגע, אבי גוטע ערד און ניט ווײַט.

שימקע האָט א געדאנק אינ קאָפּ צונויפזאמלענ ארומ זיך גאָלע פעסטע מענטשנ און זיך א נעמ טאָנ איבײנעמ בויענ אינ דער טײַגע.

— אײַ, זיך א נעמ טאָנ — פונקענ זאָלנ אזש פליִענ!

קאפיטל דרײַ

1

די קלײנע כאַטע, װוּ מע רעגיסטרירט די איבערװאַנדע־רער, רופן אַלע נײַ־געקומענע:

— די קאָנטאָר.

אַנדערע איבערװאַנדערער — צװישן זײ: זײַװל בראָדסקי, יודל ליפּשיץ — זאָגן אױף איר פון ערשטן טאָג אָן:

— זי מעג ברענען.

מע מײנט, פאַרשטײט זיך, יענע, װאָס גיבן אין איר אַרױס „קרעדיט“ און אָרדערס אױף אױעקצופאָרן װײַטער אין לאַנד.

אַנדערע, פאַרקערט, זײַנען מיט דער קאָנטאָר אַדעראַבבע װי אַדעראַבבע—מע װיל גלײבן, אַז װאָס „די קאָנטאָר“ זאָגט, איז הײליק. נאָר װאָס־זשע דען? מע דאַרף זיך מיט „איר“ אַ דינג טאָן. צו אַזױנע געהערן די איבערװאַנדערער שימקע און זאַקס, װאָס דרײען זיך שױן אַ פּאָר .טעג לעבן דער קאָנ־טאָר מיט עפּעס אַ „געדאַנקל“ אין קאָפּ. פאַראַן אָבער אױך אײניקע, װאָס האָבן צײַט און אײַלן זיך ניט צו גלײבן עמעצן אױפן װאָרט, צי אױף נעמאָנעס, אַפילו ניט דער „קאָנטאָר“; זײ כאַפּן זיך ניט אָפּצושיקן עמעצן באַלד מיטן פײַער, זײ װעלן זיך צוקוקן, װעלן זײ זען,—אַזױנע זײַנען די קאָמיוגיסטן אַרקע, װעלװל, מאָטל און נאָך אַנדערע אַרום זײ. מע דערצײלט זײ דאָ װעגן דער קאָנטאָר זײער פיל שלעכטע זאַכן. די פיל גוטע

זאכן הערן זיי אויס, קוקן אָן יענעם, וואָס דערציילט, און שווײַגן. זיי האָבן שוין איינמאָל אין באראַק געהערט, ווי זײַוויל בראָדסקי זאָגט ווענגן זיי צום הײַפל מענטשן, וואָס ער האָט ארום זיך אָנגעזאמלט:

— ס'איז דען קאָמסאָמאָל?—ס'איז ציגן... אנדערע וואָלטן ארויסגעוואָרפן אפ צען שפענדלעך אלע פון קאָנטאָר און וואָלטן זיך אליין אוועקגעזעצט אפ זייער אָרט.

נאָר אויך דערוף האָבן ארקע, מאָטל און וועלוול גאָר־נישט ניט געענטפערט, ניט קיין רייד געטאָן ווענגן דעם אפילע צווישן זיך. ס'איז געווען אין באראַק באם עסן, מע איז נאָכגעלאָפן מיט די שיסעלעך נאָך עסן אין קיך ארײַן. די קאָנטאָר האָט פאר זיי געדונגען אן אָרט צום שלאָפן באם אָרטיקן אײַנוווינער פּיאָטער אקסענטיעוויטשן. מע האָט בא זיי געפרעגט, צי ווילן זיי בלײַבן אפ ארבעט אין טיכאָנקע.

די דרײַ האָבן א קוק געטאָן איינער דעם אנדערן אין די אויגן ארײַן.

— יאָ, פארוואָס ניט?

ס'איז געווען אין דער וואָך, ווען א טייל נײַ־געקומענע האָט מען אָפּגעשיקט צו בירער פּרווו-פעלדער, און א טייל — דעריקער באַלמעלאָכעס — האָט מען צעקווארטירט דאָ אין טי־כאָנקע. ניט אלע האָבן נאָך געהאט „נאריאדן". יודל ליפשיץ האָט זיך צוגעקוקט, ווי אייניקע גייען דאָ אין טיכאָנקע אפ שווארצער ארבעט, געהאט אן אויסזען פון א מענטשן, וועמען עס רײַסט באם הארצן — טאקע דאָס־אָ:

— צו וואָס ייִדן האָבן זיך דערלעבט...

צוהינקענדיק האָט ער זיך ארומגעשארט אין דרויסן לעבן באראַק, געהאלטן די הענט פארלייגט אפן קלוגן הינטערכיילעך, זיך אלעמאָל אָפּגעשטעלט גרייט ארויסצולאָזן פון זיך דאָס לאנגע געציקלטע זיפצעלע, וואָס ער האָט געבראכט מיט זיך א מאטאָנע בירעבידזשאַן. אין קאָנטאָר האָט מען אויך אים

דערווײַל פֿאָרגעלייגט דאָ שוואַרצע אַרבעט. יודל האָט וועגן דעם געזאָגט הויך, אַלע איבערוואַנדערער אין באַראַק זאָלן הערן:

— נישקאָשע, מע האָט שוין איבערגעלעבט ניט איין קאָנ־טאָר — מע וועט, מירצעשעם, די אויך איבערלעבן.

אַרקע און מאָטל האָבן געהערט און געלייענט נאָך איידער זיי זײַנען אַהער געקומען:

— בירעבידזשאַן איז אין רעשוס פֿון אַן „אָטריאַד", אויסגעטיילט דורך דער איבערוואַנדערער-פֿאַרוואַלטונג אין געגנט.

דאָ אָבער זעען זיי: מיט דער גאַנצער אַרבעט פֿירט אָן דער „געזערד" דורך זײַן „אָפּעראַטיווער קאָנטאָר" אין טיכאָנקע.

דער ערשטער טויער אין קאָנטאָר איז דער אינזשעניער טאָדי — אַ פּערציקיאָריקער, אַ האַרטלעכער, אַ קאַלטער, מיט אַן אויסזען פֿון אַ מענטשן, וועמען עס האָט אין זײַן לעבן שוין פֿיל מאָל ניט געפֿידלט, און ווייסן ווייסט ער אַף פֿריִער, אַז דאָס אייגענע קאָן זיך מיט אים טרעפֿן אויך דאָ.

דער צווייטער אין קאָנטאָר איז הויפּט־אַגראָנאָם שטיין — נאָך זייער אַ יונגער.

ווײַטער גייען:

דער פֿאַרוואַלטער מיט דער רעגיסטראַטור — פֿעסטמאַן;

דער הויפּט-פֿאַרזאָרגער שיינקין;

דער פֿאַרטרעטער פֿונעם פּאָרזיצער אין ווײַטמיזורעכדיקן קאָמערד — כאַוער מיכל.

אַרקע און מאָטל, ווי נאָר זיי זײַנען אַהער געקומען, האָבן זיי באַלד אָנגעשמעקט, אַז צו דער „אָפּעראַטיווער קאָנטאָר" איז די גאַנצע אַרבעט אַריבער דורך אָפּמאַכן.

זיי האָבן גערעדט וועגן דעם צווישן זיך:

— הייסט עס, פֿינף זײַנען זיי אין קאָנטאָר.

— פֿינף און שוין.

מאָטלען האָט עס געוווּנדערט:

— און ווו איז אַ פּאַרטיי־קאָמערל?

וואָס שײַעב וועלוועלען, איז דאָ אין דער זאַך נאָך אַלץ געווען פאַר אים א קאפּל קאָפּדרייעניש — וואָרעם געקומען איז ער אהער פון דער היים א ווייניק-איוורעדיקער. אַלעמאָל האָט ער איבעראַנײַס זיך דערפרעגט וועגן דעם אינזשעניער טאָדינ:

— דער-אָ, מיט דער האנט אין קעשענע — וואָס, האָסטו געזאָגט, איז ער דאָ?

מאָטלען האָט ניט געארט, אז ער וועט אײַנכאוזערן מיט וועלוועלען נאָכאמאָל:

— דער פאָרשטייער פון „געזערד" איז ער — ער פירט דאָ די גאַנצע קאָלאָניזאַציע-ארבעט.

ארקען האָט עס מאמעש אופגערייצט:

— וויפל מאָל האָט מען עס דיר שוין געזאָגט?

דער פארוואלטער מיט דער רעגיסטראַטור פעסטמאַן האָט אויסגעזעען צו זײַן אין קאָנטאָר דער סאמע רויִקער און פּאָ-שעטער. שוין אפילע א ביסל א שעמעוודיקער. ארקע האָט זיך מיט פעסטמאַנען איינמאָל צערעדט, זיך דערוווּסט פון אים, אז דערווײַל, איידער וואָס-וועג, איז אין מאָסקווע באַם געזערד א קעמערל, פארשטייט זיך, יאָ פאַראַנ. ארקע האָט דערופ געזאָגט:

— יאָ, דאָס ווייס איך, נאָר... ס'איז ניט א ביסל צו ווײַט?

פעסטמאַן האָט שולדיק א שמייכל געטאָן:

— יאָ, — האָט ער א מאַך געטאָן, — א קאפּעלע ווײַטלעך איז עס...

ארקע האָט מיט פעסטמאַנען זיך צערעדט אַנ אַנדערשמאָל און זיך דערוווּסט פון אים נאָך אייניקע זאכן. מאָטל האָט זיך נאָכדעם בא ארקען דערפרעגט וועגן טאָדינ:

— איז ער גאָר ניט קיין פארטייִשער?

ארקע האָט זיך געקראַצט אין דער געקרײַזלטער פּאַטלע:

— ערגער — ער איז אויסגעשלאָסן פון דער פארטיי.

וועלוול איז דערבײַ אויך געווען געשטאַנען מיט אופגע-

בלאָזענע ליפּן און צוגעפּינטלט מיט אַן אויג. זײַן געפּיל צום אינזשעניער טאָדינג איז פון דענסטמאָל אָן געוואָרן אַ מאָדנע — אַן ענלעכע געפּיל האָט ער געהאַט בײַ זיך אין דער היים צו איינעם זיאַמע בראָניס, אַף וועמען מע האָט געזאָגט, אַז ער איז בלויז אַ האַלבער זאָכער. מאָטל האָט וועגן טאָדינג געפרעגט:

— עפּשער איז ער טאַקע דעריקער אַהער געקומען, קעדיי צו דערווײַזן דאָ מיט זײַן אַרבעט, אַז סע קומט אים, מע זאָל אים צוריק אין דער פּאַרטיי אַרײַנעמען?

אַרקע האָט אַ קוק געטאָן מיט שיטערלעכע אויגן, בוילעטע ווי בײַ אַ שטרויס — אַ סימען, אַז ער טראַכט. ער האָט געענטפערט:

— ס'איז אַ בלינדע זאַך.

אין קאָנטאָר, ווען זיי האָבן צוליב עפּעס באַדאַרפט, איז זיי דאָרט פון צײַט צו צײַט אויסגעקומען כאַפּן אַפּן אינזשע־ניער טאָדינג אַ קוק. אַף אים איז דאָס קאָרטענע רויטאַרמייער העמדל שטאַרק ברייט און פיל געקנייטשט באַם גאַרטל. דער קאָלנער אַרום זײַן פּעסטן האַלדז — שטענדיק צעשפּיליעט, אַ ביסל צעכראַסטעט. זײַן טעווע, ווען צו אים קומט אַרײַן אַ נײַער מענטש, — ער דרייט דעם קאָפּ צום לינקן אַקסל, שטופּט דערבײַ די האַנט זייער טיף אין לינקן הויזן־טאַש, דרייט זיך אַרום אין צימער אַפּילע בייס מע רעדט צו אים, באַקוקט אין אַ געזײַטלטער פּאָזע איטלעכן נײַ־אַרײַנגעקומענעם איבערוואַנ־דערער, אַקוראַט ווי אין דער קרום זעט ער בעסער, ווי גלײַך אַנטקעגן.

אין אַזאַ געזײַטלטער פּאָזע האָט ער אויך אַ קוק געגעבן אַף אַרקען, מאָטלען און וועלוולען, בייס זיי זײַנען צו אים אַרײַנגעקומען אַלע דרײַ מיטאַמאָל — יונגע, פריילעכע און גע־בראַכט מיט זיך פריילעך דאָס נײַס, אַז די קאַמער בײַ פּיאָטער אַקסענטיעוויטש געפעלט זיי און ס'איז גוט אַרום און אַרום.

עס פעלן נאָר עטלעכע ברעטלעך אַף צו מאַכן דאָרט דרײַ געלעגערס.

— אזוי? עס פעלן נאָר ברעטלעך?

דער אינזשעניער האָט דערבײַ א שטופּ געטאָן זײַן האַנט זייער טיף אין לינקן הויזן־טאַש און פון דער קרום זיך א זײַטל געגעבן אַף די דרײַ יאַטן. דער קאָפּ איז אים, ווײַזט אויס, פול געווען מיט מער וויכטיקעס, ווי עטלעכע ברעטלעך, נאָר פּאַרוואָס האָט זיך דאַן בא די יאַטן באַקומען דער אײַנדרוק, אַז וויכטיקער פון אַלץ איז באַם אינזשעניער דער געדאַנק:

— מעט מיך צוריק אופשטעלן, צי ניין?

פּיאָטער אַקסענטיעוויטש איז ניט געווען אין דער היים — געאַרבעט ווי א בויער באַם נײַעם איבערוואַנדערער־הויז. אַרקע, וועלוול און מאָטל האָבן געבראַכט צו אים אין כאַטע זייערע פּעקלעך. פּיאָטערס ווײַב האָט צוגעקוקט, ווי די דרײַ יונגע כעווראַלײַט קלאַפּן צונויף געלעגערס פון ברעטלעך — קיין אײַנאָרע „גיכע טוערס”, לעבן, אַפּאָנעם, נישקאָשע צווישן זיך, גראַגערן מאָדנע אַף זייער אייגענעם לאָשן — טשיקאַווע, עס ווילט זיך אַזש שמייכלען. זי האָט זיך מיט זיי פאַנאַנדערגערעדט, דערציילט וועגן איר אײנציקן אומגעקומענעם זון: אַלט געווען קנאַפּע זיבעצן יאָר, אַוועק סאָפּ בירגערקריג אַקעגן די „ווײַסע”, נו און שוין — די „ווײַסע” האָבן אים צורעכט געמאַכט... זאָל כאָטש געווען בלײַבן עפּעס א שפּור. אָט:

— אַפילע קיין פאָטאָגראַפיע פון אים ניט געבליבן.

טאַקע דאָס, אַפּאָנעם, האָט די קוואַרטיראַנטן א ריר געגעבן — דאָס, וואָס פון יענעם כעווערמאַן איז אין שטוב אַפילע קיין שטיקל פאָטאָגראַפיע ניט געבליבן. זיי ווילן איר שענקען די הערינג, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט, ווײַזט זיך אַרויס: ניט אַלץ מעג זי עסן, אַפילע ניט אַלע פּאָשעטע זאַכן — זי איז א ביסל ניט קיין געזונטע. פונדעסטוועגן איז זי א גרויסער ציכט בא זיך אין כאַטע — אָט טוט זי אַרײַן אין שוואַרץ מעל צעריבענעם קירבעס, באַקומט זיך זייער געשמאַק ברויט:

אי סע ווערט ניט גיך אָלטגעבאַקן אי מע קאָן עס עסן אָן גאָרנישט. זי ווײַזט די כעוורעלײַט איר ברויט:

— ס'איז א מינ אָרטיק ברויט, — שמייכלט זי.

— טיכאָנקער ברויט.

נו גוט — אויב זי שטעלט זיך פּאָר מיט אירע אָרטיקע בירעבידזשאנער מײַלעס, וועלן די כעוורעלײַט זיך פאר איר פּאָרשטעלן מיט די מײַלעס, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך קיין בירעבידזשאן פון דער פרעמד.

— דער־אָ — ווײַזט איר וועלוול אף ארקען — א טראַקטער־ריסט, שוין אמאָל געהערט?

— ניין, — שמייכלט די באַלעבאָסטע.

זי קאָן אפילע ניט נאָכזאָגן דאָס וואָרט.

— אויב אזוי, — ווײַזט ארקע אף מאָטלען, — איז .דער־אָ שוין געוועזן א פּאָרזיצער פון א בײַשטעטלשן קאָלכאָז, כאָטש ער איז אזא קליינער.

— און איך — ווײַזט וועלוול אף זיך אליין, — א סטאָליער, האַבע די ערע...

די ווערטער „האַבע די ערע” האָט וועלוול געכאַפּט אמאָל בא עפּעס א דײַטשישן קריגס-געפאנגענעם.

— האָב שוין דאָס לויפעניש — כאַפּט זיך ארקע, — דער טאָג שטייט ניט — קומט.

2

דערווײַל — איידער עפּעס — ארבעטן אלע דרײַ באַם טײַך בירע. שטויסן אָפּ שווערע קלעצער, וואָס פארהאַלטן זיך באַם ברעג, לאָזן זיי שווימען ווײַטער אראָפּ וואסער ערגעץ צו א זעג-מיל.

טעג לויפן לויטערע, סאָפּ־זומערדיקע.

די ארבעט — א פריילעכע, עפּעס א יונגע, אזא, וואָס מע טוט זי מיטן גאנצן האַרצן.

ס'איז גלאט, וואָס סײַ ארקע סײַ מאָטל און וועלוול זײַנען ניט פון יענע, וואָס וועלן זיך דיר אוועקשטעלן ריידן וועגן „געפילעכצנ", אניט וואָלטן זיי וועגן דער ארבעט געזאָגט:

— א מעכײַע.

מע שטייט זיך אזוי ביז העכער דעם גארטל אין וואסער. דער טײַך איז שנײַדנדיק קאלט נאָר אין דער ערשטער רעגע, ווען מע גייט ארײַן אין אים, דערנאָך געוווינט מען זיך צו. מע שפרינגט צו צו א קלאָץ, מע פארכאפט אים מיט דער האק און מע טוט אים א בעט נעענטער צום מיטן טײַך:

— שווים ווײַטער, גוטער ברודער.

אויב ער לאָזט זיך לאנג בעטן, כאפט מען זיך אף אים ארוף רײַטנדיק און מע טוט מיט אים א פּאָר שווים, מע זינגט דערבײַ א לידל, מע רעדט צו אים, ווי צו א לעבעדיקן, וואָרעם ס'איז דען גלאט סטאם א קלאָץ? איינ קליינינקײַט! — די ערשטע קלעצער, מיט וועלכע מע הייבט אָן דאָ אין לאנד בויען סאָציאַליזם! האקן האקט מען זיי ערגעץ אין אן „אלע-מענס" וואלד, פון דאָרט לאָזט מען זיי שווימען. קיינער גייט זיך אף זיי ניט קיין אייגן בײַטל. ווען א סויכער פרווווט זיך צו זיי צורירן, וואָלט מען אים גלײַך א זאָג געטאָן:

— אוועק מיט די טרייפענע הענט!

טאקע דערפאר טוט שטיף האנאָע, וואָס די קלעצער זײַנען שווערע, גראָבע, פארצײַטיק-געזונטע, גיבוירים — בירעבידזשאנער קלעצער!

און כוץ דעם:

די זעלטענע טעג! — ווארעמע, זוניקע, ליכטיקע. באטאָג אין ליטער-ווארעמע שאָען איז די שיינע ריזיק-גרינע סאָפּקע מיט די ווײַטע בערג אָט-אָ אנטקעגן, ווי מיט דער האנט צו דערלאנגען, דער טיפער שטארק-פליסנדיקער טײַך בירע גלאנצט, בלענדט, לויפט מיט אלע זײַנע טראָפּנס און בולבעלעך, מורמלט, בורטשעט:

— כ׳אָב קיין צײַט ניט.

— כ׳אָב קיין רו ניט.

אז מע קוקט זיך אײַן אנטקעגן אין די ווײַטע בערג, פונוואנען ער שלענגלט זיך ארויס, הייבט זיך אָן צו דאכטן: ער אײַלט פון דאָרטן א לעבעדיקער, קעדיי איבערצוגעבן:

— כוץ מיר איז דאָרט נאָך קיינער ניט געווען?

— אניט ווייסט מען דען, וואָס דאָרט טוט זיך?

באטאָג רוט מען אָפּ אקעגן א האלבע שאָ און מער — ארקע, מאָטל און וועלוול. מע ליגט באַם ברעג אפּן גראָז און מע רעדט זעלטן א פּאָר ווערטער צווישן זיך — מע קוקט צו די אנטקעגנדיקע ווײַטע בערג, ווי צו א פאנטאסטיש לאנד, ווי צו עפּעס א מיראזש. מע זעט פונווײַטנס: זוניק-באגאָסענע בערג־פּליכן, גריבלדיקע שיפּועס, הטכערע און נאָך העכערע ערטער, ווי באוואָקסן מיט גרינעם מאָך. מע מאָלט זיך אויס, יעדערער אפּ זײַן שטייגער, די דאָרטיקע ווילדענישן, מע טראכט און מע טראכט און מע ווייסט נאָך אלץ ניט, וואָס דאָרט טוט זיך. אין הארצן נאָגט די בענקשאפט אהין — מע געפינט זיך דאָ אין לאנד און מע בענקט צו דעם.

עס דאכט זיך:

בייס מע ליגט אזוי און מע רוט אָפּ, דערזעט מען פון־דאנען, ווי צום אנטקעגנדיקן ברעג קומט צו א מענטש — מיסטאמ א מענטש פון די בערג, אנו, ווי זעט ער אויס? ווער איז ער? מע קוקט: דער מענטש בינדט אָפּ אפּ יענער זײַט טײַך זייער א שמאָל שיפל, זעצט זיך אין דעם ארײַן, שווימט אהער. אלע דרײַ ווארטן אפּ אים, סטאמ אזוי זיך — עפּשער וועט מען בא אים עפּעס א פרעג טאָן, עפּשער וועט מען פון אים עפּעס זיך דערוויסן. דער מענטש שווימט צו נעענטער, ווײַזט זיך ארויס:

— ווידעראמאָל א קאָרייער.

מע ווייסט שוין: פאראן ערגעץ אפּ יענער זײַט בירע א

קאַרייער דערפֿל. פֿונעם דערפֿל קומט מען פֿון מאָל צו מאָל קיין טיכאָנקע צוליב פֿאַרשיידענע באַדערפֿעניִשן, איז נו, גיי זײַ א בעריע, פֿאַרשטיי וייער לאָשן און רייד זיך מיט זיי צונויף. מע זעט שוין: ווילע, האַרעפּאַשנע מענטשן — פֿאַרוואָס זאָל מען זיי ניט אַרײַננעמען אין קאָמפּאַניע באַם בויען דאָ סאָציאַליזם? — וועלוול איז דערויף גרייט פֿון דער ערשטער מינוט אָן. אַרקע און מאָטל זאָגן דערויף, אַז ס׳איז ניט קיין נײַס, סע וועט טאַקע אַזוי זײַן.

— ס׳איז פּאָשעט דער אָנהייב פֿון פּאָליט־איוורע.

מיט דעם גיט מען וועלוולען שטאַרק צו פֿילן, אַז אָן אַ פּאָליט־שול אָדער פּאָליט־קורסן בלײַבט מען פּונקט אַזאַ לעפּי־שער בער, ווי ער:

— וואָדען הייסט „נאַצפּאָליטיק״?

— קאָפּ איינער! האָסט דאָ גאָרנישט ניט אויפֿגעטאָן.

וועלוול ווערט רויט, אַלעמײַ איז ער אַ ווייניק־איוורע־דיקער.

— שאַ?! — פֿאַרשטייט ער ניט, פֿאַרוואָס האָבן זיך ביידע אָפּ אים אַזוי אַרויפֿגעכאַפּט.

וועלוולען אַרט ניט, אויב ער האָט דאָ ווייניק אויפֿגעטאָן — אים איז דאָ אַזוי גוט, אַז סע פֿעלט אים בלויז זיך אַרומצוע־מען מיט אַ קאָרייער: פֿון ווילטיק ווערט ער דאָ אַליין, אַזוי צו זאָגן, אַ שטיקל „פּאָליט־שול״ — עס פֿעלט אים אויס קאָמ־פּאַניע... גוט איז, וואָס אַהער, צום טײַך, האָבן אָנגעהויבן קומען פּעסל פֿרויעם טשערנאָבילערס און פֿאַלאַשע „די שנור״ — דאָס היימלאָזע, ניט־ייִדישע מיידל, וואָס יונגווארג האָט גע־טראָפֿן אין וועג און מיטגענומען מיט זיך קיין בירעבידזשאַן. זיי וואַשן דאָ דאָס גאַנצע קריטיקע וועש פֿונעם איבערוואַנדע־רער־פּונקט.

אין אַ לויטערן, זייער זוניקן פֿרימאָרגן, ווען אַרקע, מאָטל און וועלוול זײַנען געקומען אַרבעטן באַ די קלעצער, האָבן זיי

די מיידלעך שוין געטראָפן באַם טײַך, זיי ניט געמאַכט קיין שום „באָרעכאַבאָ", אַרײַן אין וואַסער און גענומען אָפּשטויסן קלעצער. געהייסן האָט עס:

— וואַשט, וואַשט, מיידלעך, מירן זיך טאָן אונדזערס.

דאָך, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, ווערט מען אין דער נאָענטקייט פון די מיידלעך מער ראַשיק בײַ דער אַרבעט, מע רעדט הילכיקער, פריילעכער. מיט זײַטלדיקע בליקן זעט מען, ווי די מיידלעך טוען זיך אויס באָרוועס, וואַרפן פון זיך אַראָפּ די קאָפּטלעך. די זון, דאַכט זיך, ווערט דערבײַ אַ ביסל הייסער. דער זומער־טאָג הייבט אָן צו פאַרגעבן דער נאָז אָן אַ שיר נײַע, זומערדיקע רייכעס, און וואָלטן כאָטש די מיידלעך געשטאַנען ווײַטער אַ ביסל — סאַכאַקל איז צו זיי אַ קלאַפּטער דרײַסיק. וועלוול מאַכט צו די אויגן, פאַרקנייטשט שטאַרק די נאָז און באַקומט אַזאַ אויסזען, ווי גלײַך עס האָט אים פּלוצלינג אָנגעכאַפּט אַ מעסוקענע בײַסעניש:

— אַ־אַ — אַפּטש־מיו! — טרייסלט ער מיטן קאָפּ איןביידע זײַטן, — אַפּ־פּפּפּטש — מממיו!

די מיידלעך דערפילן, אַז די ניסעריַי האָט עפּעס אַ שײַכעס צו זיי, צו זייערע נאַקעטע הענט און פיס, באַקוקן זיי איינע די אַנדערע, הייבן שיר אָן צו שמייכלען. פּעסל לייגט צו אַ פלאַכע האַנט צום שטערן, פאַרשטעלט זיך פון דער זון און קוקט זיך אײַן אינעם ניסנדיקן וועלוולען:

— זע נאָר... זע נאָר...

זי טוט אַ פּרווו, צי איר קאָל וועט דערגיין צו די יאַטן:

— וואָס איז דיר אַרײַן אין דײַן נאָז?

— כ'האָב באַקומען דעם קאַטער! — שרײַט צוריק וועלוול.

— ווייסטו ניט, וואָס מע טוט? — שרײַט אָפּ פּעסל — באַקומט מען שוין פאַר איין וועג די כאָליערע...

זי איז, ווי טאָמער, אַ ביסל בייזלעך־ערנסט — די דאָזיקע פּעסל — מע רירט זי אָן מיט אַ וואָרט, גיט זי באַלד אַרויס

„רעשט". דערווײַל — ביז עפּעס וואָס — האָט די קאָנטאָר זי צו־געפּעסטיקט צו פאַרשיידענע אַרבעטן אַרום איבערוואַנדערער־פּונקט. אַלע קענען זי שוין דאָרט — עמעצער טוט דאָרט ניט ווי מע דאַרף, באַקומט זי גלײַך שטאַרקײַט אין אירע נידעריק־פּעסטע אַקסלען און גיט אַ „באָד"-אָפּ.

— שאַרט צו אַהער אַ פּאָר קלעצער — שרײַט זי צו די יאַטן, — מיר האָבן ניט אַף וואָס אָוועקצולייגן דאָס אָנגעזייפטע וועש.

ס'איז, דאַכט זיך, גאָרנישט. דאָך, פּעסלען איז מען דערפאַר שטאַרק דאַנקבאַר — און איר „שאַפן זיך" פּילט מען, אַז די אַרבעט באַ די קלעצער און באַם וועש איז אַן אַלגעמיינע, אַזאַ, וואָס האָט איין באַלעבאָס אַף זיך — פּעסלס באַקאָשע טוען אַלע דרײַ: יעדערער קומט צו איר צו שווימען, רײַטנדיק אַף אַ קלאָץ. וויבאַלד מע איז צוגעשווומען, בלײַבט מען אַ ביסל, מע קוקט ווי פּאַלאַשע פּאַטשט מיט אַ שטיקל וועש איבערן שפּריצנדיקן וואַסער. איר פּאָנעם איז ניט פּאַרויטלט, נאָר באַזעצט מיט פלעקן פון יונגן בלוט. אירע קורצע האָר פּאָכען איניינעם מיטן קאָפּ און מיטן איבערשטן טייל קערפּער, פאַלן איר אַריבער אַפן שטערן, פאַרשטעלן איר די אויגן. אַליין איז זי שלאַנק און יונג-בייגיק. זי איז אין אַ קורץ קליידל און אין אַ ראָז-ציצן סטאַניקל אָן אַרבל. אַף איר רעכטער האַנט פלעקן זיך צוויי סימאָנים פון געשטעלטע פּאָקן. פון דעם שפּריצנדיקן וואַסער איז איר סטאַניקל פּיטש־נאַס און פאַלט צו צו די יונגע ברוסטן. פּעסל כאַפּט דעם פאַרטראַכטן וועלוולס אַ בליק אַרום פּאַלאַשען און מונטערט אים אויף.

— קוק ניט אַזוי — סע קאָן דיר נאָך פאַרשאַטן...

וועלוול ווערט דערפון רויט, טוט זיך אַליין אַ האַרטן גלעט — פריִער אַף איין באַק, נאָכדעם אַף דער צווייטער. מאָטל פאַרענטפערט אים:

— ער?.. שוין א פארקנאסטער — ער דערציילט אליין: פארליבט אין א מיידל נאָך פון דער היים.

— מאכט ניט אויס — ווינקט פעסל אַפּ פּאַלאַשען, — שוין אויך א פארקנאסטע: ליפּע סימכע קאַראַליוקערס איז אין איר פארקנאקט ביז איבער די אויערן.

— יאָ, כעוורע ווילנ טאקע וויסנ, וואָס טוט ער דאָרט, ליפּע?

— ליפּע, דערוויַיל האָט מען אים אוועקגעזעצט אין קאָנ־טאָר בא די ביכער — א סטשאָטאָוואָד. סע פּאסט אים...

— וואָס טויגנ מיַיסעס — מישט זיך אריַין ארקע — וואָס טוט זיך אפנ איבערוואנדערער-פונקט? וואָס הערט זיך אין קאָנטאָר? וויַיזט זיך ארויס:

פאר די געציַילטע טעג, וואָס ארקע, וועלוול אונ מאָטל ארבעטנ בא די קלעצער אונ נעכטיקנ בא פּיאָטער אקסענ־טיעוויטשן, איז אין איבערוואנדערער-פונקט פאָרגעקומענ ניַיס — שימקע שנייור אונ דער ווילנער בעזשעניעצ מענדל זאקס פאר־נעמ קאָלעקטיוו „ניַי־קאזאנ“ — האָבנ זיך ביידע סקאָמפּאניעט, דרייענ זיך ארומ וויַיטער פונ טיכאָנקע אין די וועלדער אונ זוכנ אנ אָרט פאר א קאָלווירט. מע האָט זיי שוינ געוואָרנט אין קאָנטאָר: „איר וועט פארבלאָנדזשעט ווערנ אין דער טיַי־גע, וועט זיַינ נאָך איַיך“. וואָס שיַיעך צו דער קאָנטאָר, פעלט דאָרט אויך א קאפּל קראָכמעל — אזוי מיינט פעסל:

— דאָס קאָנ מענ זאָגנ פאר אייגענע מענטשנ.

ארקע קיַילעכט אויס די אויגנ:

— פארוואָס נאָר פאר אייגענע? — ס'איז עפּעס סוידעס?

שפּעטער, ווענ מע רוט אָפּ אלע איניינעמ, צוזעצנדיק זיך אפּ די ברעג-שטיינדלעך, גייט דער שמועס ווידער איבער אפּ דער „קאָנטאָר“. וועלוול וויל אָנהייבנ פּראווענ שפּילעוודיק־פריילעכע שטיק:

— בויענ בירעבידזשאנ איז א שפּיַי, טוט א פרעג בא מיר, וועל איך איַיך באלד זאָגנ, וויאזוי.

קיינער הערט ניט זײַנ כאָכמע. פונעמ אָדעסער בוי-ארבע־טער פריסקערנ (די קאָנטאָר שיקט אימ ארומ אינ בירעבידזשאנ אפ פארשיידענע טועכצנ) וויסט ארקע, אז די הויפּט־ארבעט האָט מענ אָנגעהויבנ ערגעצ ארומ בירער פרווו-פעלד אונ ארומ קאטערינע־ניקאָלסק. נאָכ וויסט ער פונ פריסקערנ: קי־מאט אינ אלע בריוו, וואָס קומענ אָנ פונ צענטראלנ „געזערד" אונ „קאָמערד", מאָנט מענ בא דער „קאָנטאָר" גרעסערע טעמפּנ. פיקנ פילנ אי מאָטל אי פעסל אי ארקע: די אכרײַעס פאר דער ארבעט איז דאָ גרויס סײַ פּאָליטיש סײַ געזעלשאפטלעכ. אינ קאָנטאָר, וויסנ זיי, קומענ פאָר באראטונגענ. נאָר וועגנ וואָס האנדלט זיכ אפ די באראטונגענ? פעסל דערציילט ווי בייז איינער א באָברויסקער בלעכער האָט זיכ נעכטנ אומגע־קערט פונ ערגעצ ארומ בירעפעלד — ער האָט דאָרט געוואָרט דרײַ וואָכנ, מע זאָל צושיקנ פונ טיכאָנקע בלעכ.

— פרעגט שוינ ניט — זאָגט זי, — אינ קאָנטאָר איז געווענ „פריילעכ"...

מאָרגנ איז אנ אלגעמיינע פארזאמלונג. ארקע איז, דאכט זיכ, אינגאנצנ ארײַנגעטאָנ אינ וועלנ באווײַזנ א קונצ — זיצנ־דיק וויל ער אופהייבנ א שטיינדל מיט די פינגער פונ זײַנעמ א באָרוועסנ פוס. דאָכ, ער טוט זיכ פלוצלינג א שטעל־אופ — ס'איז א צייכנ, אז מע דארפ זיכ ווידער נעמענ צו דער ארבעט.

— דערווײַל — זאָגט ער, — איז דאָ נאָכ ווי אפ א יא־ריד — פּאָשלי!

3

אפ דער אלגעמיינער איבערוואנדערער־פארזאמלונג האָט דער הויפט-אינזשעניער טאָדי גערעדט גאנצ הארטלעכ אונ אפ אזא אופנ, אז אלעמענ זאָל זײַנ קלאָר, וואָס ער מיינט: מע האָט דאָ צו טאָנ מיט צוויי ווילדענישנ — א ניט־אויסגעפּאָרשט לאנד אונ א ניט־אויסגעפּאָרשטע איבערוואנדערער־מאסע, א געמיש

פון דעקלאסירטע און ארבעטנדיקע, וואָס אלע שפּורן פון זייער סאָציאַלער לאגע האָבן זיי געלאָזט אפ יענער זײַט צען־צוועלף טויזנט קילאָמעטער — גיי ווייס, ווער פון זיי איז געקומען בויען און ווער — שטערן. מאָטל האָט געריסן שטיקער פון ארקען:

— און וויאַזוי איז אפ אנדערע בויונגען?

— נעם א וואָרט, ארקע!

ארקע האָט בייז אָפּגעענטפערט:

— און דו פארוואָס נעמסט ניט קיין וואָרט?

דאָס וואָרט, האָט דאָך גענומען ארקע:

— אויב מיט „מע ווייסט ניט, ווער איז אהער געקומען שטערן", מיינט כאָווער טאָדי דעם קלאסנסוינע, איז דער קלאסנסוינע נאָך דערווײַל דאָ אומעטום, אפילע אין מאָסקווע. און אויב פארן קלאסנסוינע דארף מען זיך היטן, הייסט עס ניט, אז איבער דעם זאָל מען זיצן מיט פארלייגטע הענט און גאָרנישט ניט טאָן — סע וואָלט געווען די עמעסע „כאָכמע". אויב אהער זײַנען אייניקע געקומען שטערן, דארף מען זיי שלאָגן אין דער ארבעט און מיט דער ארבעט. סע דערמאָנט, זאָל מען מיר מויכל זײַן, אָן מײַן שטיפמאמעס פעטער בערן, וואָס פון מוירע אופצורייצן די לײַז האָט ער אופגעהערט צו גיין אין באָד ארײַן.

ארקע האָט דערבײַ געהאט אייניינציקן פארלאנג: מע זאָל בויען. ווײַטער איז אים קימאט גאָרנישט ניט אָנגעגאנגען. דאָס, וואָס דער אוילעם לאכט פון זײַן פארגלײַך מיט „דער שטיפמאמעס פעטער בערן", האָט ער געהערט ווי אין טשאד. אין דער ערשטער רעגע איז עס אים געפעלן. באלד האָט ער דערזען: עס לאכן אויך זײַוול בראָדסקי און יודל ליפשיץ — מענטשן, וואָס זײַנען דאָ סאָנים, און אים האָט גלײַך אופגעהערט צו געפעלן, וואָס מע לאכט. אין דער אייגענער צײַט האָט ער זיך באגעגנט מיט א צעקרימטן בליק פון א גע־ווײַטלט פּאָנעם, דעם אינזשעניער טאָדיס פּאָנעם. בלויז פון

נעקאָמע אין אָט דעם געזײַטלטן פּאָנעם האָבן, ווײַזט אויס, געלאכט זײַוול בראָדסקי און יודל ליפשיצ. דאָס האָט ארקען פאררדראָסן. ער האָט פארלאָרן די זיכערקײַט. ער האָט גיך און ווי־ניט־איז געענדיקט ריידן און האָט דערזען, ווי צום וואָרט שטעלט זיך אוף דער אינזשעניער טאָדי, דרייט דעם קאָפּ צום אקסל, שטופּט די האנט טיף אין לינקן הויזנטאש, הייבט אָן:

— כ׳מיין: דאָ, צווישן די פארזאמלטע, זײַנען פאראן פיל אזוינע, וואָס זײַנען גרייט צו פארגלײַכן די ראטנמאכט מיט זייער א לײַזיקן פעטער בער...

ארקע האָט עס דערפילט, ווי א שטארקן קלאפּ אין שארבן. ווידער האָט דער אוילעם געלאכט, און ווידער האָבן איינעם מיטן אוילעם געלאכט יודל ליפשיצ און זײַוול בראָדסקי. איצ־טיקס מאָל האָבן זיי געהאט א נעקאָמע אין אים — אין ארקען. צו וואָס האָט עס דער אינזשעניער געטאָן? ער האָט דען באַ־שיצט די ראטנמאכט פון אים, ארקען, פון זײַן באליידיקנדיקן פארגלײַך? ער, ארקע, האָט דען אזוי געמיינט?

דער אינזשעניער טאָדי האָט שוין דערווײַל געהאלטן אין־מיטן ריידן:

— צוטרעטן צו דער ארבעט האָט מען געמוזט באלד, ניט קענענדיק דעם לאנדס מײַלעס און כעסרוינעס — הייסט עס דען, מע זאָל זיך מיט די־אָ כעסרוינעס און מײַלעס ניט רעכענען? וואָס טוט מען אין א נעפּל, ווען מע ווייסט ניט, ווו דער סוינע שטייט? — מע פירט אויסשפיר־ארבעט, מע רוקט זיך געהיט פאָרויס, און דאָס טוען מיר. דאָס טוט דאָ די „אָפּעראטיווע קאָנטאָר". דער ארבעט־פּלאן ווערט צוגעגרייט. עס זײַנען דערווײַל אָנגעמערקט: איינס און צוואנציק סאָווכאָזן, אכציק טויזנט העקטאר אפּ בינענצוכט...

— אָ־אָ!.. — אן אָנגעצונדענער האָט מאָטל זיך אויסגע־דרייט צו ארקען:

— טאקע דאָס הייסט אָן שום פּלאן — ערשט האָט ער

געזאָגט: „אויסשפּיר-ארבעט” און מיטאמאָל איינס און צוואַנציק סאָווכאָזן, אכציק טויזנט העקטאר נאָר אפן בינענצוכט... אַ? ארקע...
צעטומלטערהייט האָט ארקע נאָך אלץ געקוקט אפן ריידנ־דיקן אינזשעניער, געהאט דערבײַ אויסגעקײַלעכטע שטרויס-אויגן.
— מ׳עט שוין זען, — האָט ער אַ בורטשע געטאָן, — ס׳איז הוילע פאנטאזיע.
מאָטל האָט געפרעגט:
— און וואָס זאָגן דערויף אלע איבעריקע קאָנטאָר-טוער?
ארקע האָט ניט געענטפערט. קיין באזונדערע מיינונג-פאר־שיידנקײַטן צווישן די קאָנטאָר־טוער האָט זיך ווירקלעך ניט געפילט. אין קאָנטאָר, מעגלעך, האָט יעדער איינער געוווּסט, אז בא פארשיידענע קאָניונקטורן קאָן מען פּערזענלעך דורכ־פאלן, דעריבער האָט דאָרט קיינעם ניט געארט, אז אפן אינ־זשעניער טאָדיס זאָלן דאָ אלע און אויך זיי אליינס קוקן ווי אפן סאמע פאראנטוואָרטלעכן. אפּאָנעם, אז אויך דער אינ־זשעניער טאָדי אליינס האָט זיך דאָ ביסלעכווײַז צוגעוווינט אפ זיך אזוי צו קוקן — ווי אפן סאמע פאראנטוואָרטלעכן. פון נאָך יעדער נײַער פארזאמלונג איז ער, ווי עס האָט זיך געדאכט, ארויס אַ מער פעסטער, אויסגעזען מער הארטלעך און מער זיכער, שטארקער געדרייט זײַן קאָפּ צום לינקן אקסל און טי־פער געשטופּט די האנט אין דער לינקער הויזנטאש. ער האָט באקומען אַ טעווע ארײַנצובליקן אלץ טיפער און טיפער אין די פּע־נעמער פון איבערוואנדערער, וואָס ווענדן זיך צו אים נאָך הילף, צו־שטעלן אַ האנט צום אויער, ווי פון וועלן דערגיין, צי די שטים, וואָס רעדט צו אים, איז אַן עמעסע אָדער אַ פאלשע. ס׳האָט זיך געדאכט: ער וויל דערגרייכן, אז יעדער איינער, וואָס קומט דאָ צו אים אין צימער ארײַן, זאָל גלײַך דערפילן, אז ער, דער הויפּט-אינזשעניער טאָדי, איז צו אים אייגנצײַטיק אי זייער נאָענט אי זייער ווײַט. ס׳איז ניט געווען קלאָר, צוליב וואָס דארף ער עס.

קאפּיטל פיר

1

אין קאָנטאָר האָט „אָפּגעשפּילט" א סקאנדאל דער באָב־רויסקער איבערוואנדערער דער בלעכער, אלעמיי גיט מען אים ניט קיין ביליעט אפ אוועקצופאָרן אפ צוריק; ער האָט געקלאפּט אין טיש:

— מע האָט מיך אהער גענומען אפ צו דעקן דעכער, ניט אפ שווארצער ארבעט.

— איך וויל פון גאָרנישט ניט וויסן!

ער האָט נאָכדעם געגוואלדעוועט אין דרויסן לעבן איבער־וואנדערער־באראק:

— א טערעץ! — „נאָך נישטאָ קיין בלעך", „נאָך ניט פאר־טיק די דעכער"...

— „געעפנט א קאָנטאָר פאר שטעלעס"...

— האלט זיך איין!..

— ניט אפ מיר וועט איר דאָ האָבן שטעלעס.

זייוול בראָדסקי האָט צוגעפאָנפעט:

— גערעכט, ווי גאָט אליין.

פעסל איז אהין צוגעקומען מיט ווייט-פארקאשערטע נאסע הענט — געהאלטן אינמיטן אן ארבעט ארום באראק. זי האָט דערהערט, ווי זייוול זאָגט וועגן דער קאָנטאָר:

— איך קאָן זיי לאָזן ביליקער: איך נעם בא זיי א בי־לעט קיין וולאדיוואָסטאָק... ווייסט איר גאָר וואָס? — זאָלן זיי

מיך צושטעלן קיין כאבאראָווסק: דען קיין שטאָט ניט? איך האָב דאָרט א געשוועסטערקינד, לעבט זיך אים נישקאָשע...

אין פעסלס פארויטלטע באקן, אין אירע ווארעם-ברענעג-דיקע אויגן, אפילע אין אירע געקרייזלט־שווארצע האָר האָט זיך אָנגעצונדן א פייער, ווי פון א גאנצער ברענענדיקער שטאָט. זי האָט געזאָגט צו זייוולען:

— ווער האלט דען אייך דאָ? פאָרט קיין כאבאראָווסק. עפשער זייט איר טאקע גאָר צוליב דעם אהער געקומען?

זייוול האָט אפ איר שטעכיק א קוק געטאָן:

— וואָס איז? — ביסט „דיקטאטור פון פראָלעטאריאט"?

פעסל האָט אים דערויף געענטפערט:

— פאסט אייך ניט?

זי האָט צוגעגעבן ניט אָן האָנער:

— יענער, וועמען איך געפעל ניט, קאָן זיך זוכן אן אנ-דערע...

— דערביי האָט זי באקומען שטייפקייט אין די אקסלען, ווי זי פערוענלעך וואָלט טאקע זיין א שטיקל „דיקטאטור" — זי איז אוועק אין קאָנטאָר פרעגן:

— צו וואָס האלט מען זיי דאָ — דעם באָברויסקער, זייוו-לען, יודל ליפשיצן און יענע אלע מעיוכאָסים, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון שווארצער ארבעט — אפּ נאסעניע?

נאָר אָט האָט מען פון איבערוואנדערער-פונקט ווידער אָפּגעשיקט א קליינע פארטיע צו בירער פרווו־פעלדער. אייניקע פון די „מעיוכאָסים" האָבן ביסלעכווייז אויסגעטריקנט. ס'איז אָנ־געקומען א צוג מיט מאשינעס. ארקע, מאָטל און וועלוול אר-בעטן שוין מער ניט באַם טייך. זיי לאָדן אויס דעם צוג. עס הערן זיך פון דאָרט קלעפּ פון האמער, שיפּענדיקער גערויש פון פיילן, הילכיק קנאלערייַ, ווי בא אויספּרווון פולעמיאָטן:

— פּעך — פּעך!..

— פּעך — פּעך — פּעך, פּעך! פּעך!

דאָס פּרוּווט מען ערגעץ אַ מאָטאָר.

דאָס גאַנצע בּירעבּידזשאַנער דערפל טיכאָנקע מיט די פּאָר געסלעך, כאַטעס און פּלויטן, ווי עס וואָלט גאַנצע טעג זיך אײַנהערן און שטוינען:

— וואָס טוט זיך עס?

אפילע פּיאָטער אַקסענטיעוויטשן, וואָס אַרבּעט ווי אַ בּויער בּאַם נײַעם איבּערוואַנדערער־הויז, איז אויך אַ בּיסל נײַ די מײַסע. ווי אַלע אַרטיקע, איז ער צוגעווױנט: וווּנדער קומען פון אַרומיקע בּערג, פון דער נאָענטער טײַגע, פון אַרומיקע טײַכן. עס מאַכט זיך: די בּערג טוען־פּלוצלינג אַ קוק, ווי בּלינדע, בּאַרויגעז־אומראַכמאָנעסדיקע באַשטראָפער, און שיקן אַהער וואָלקנס, שנייען אָדער רעגנס. עס טרעפט: דאָס דערפל ווערט פאַרפלייצט פון טײַכן. נאָר פאַרפלייצט ווערן גאָר פון מענטשן? פּיאָטער אַקסענטיעוויטש, אַ בּעקאָוועדיקער אָרטיקער אײַנוווינער, מיט אַ בּעקאָוועדיקער בּאָרד, מיט קאַלטלעך־ריינע אַש־קאָלירענע אויגן, ווי אַלע אָרטיקע האָט ער אַ בּיקס אָפּ צו גיין מיט איר אין דער טײַגע אָפּ יאַגד. אָפּ זײַן פלויט טריקנט זיך אַ נעץ אָפּ צו כאַפּן פיש אין בּירע. אַרום זײַן כאַטע — ניט קיין גרויסער גאָרטן, אַ שטיקל פעלד. אַליין זאָגט ער זיך ניט אָפּ צו אַרבּעטן ווי אַ בּויער בּאַם נײַעם איבּערוואַנדערער־הויז. ער איז לויט אַלע סימאָנים אַ מענטש, וואָס האַלט זיך בּאַם קלאַל:

— אַלץ איז גוט צו בּיסלעך.

זײַן שטונדיסטישע מישפּאָכע האָט אַהער אויסגעוואַנדערט נאָך אין אַלעקסאַנדער דעם דריטנס צײַטן. קיין ייִדן האָט ער אָפּ זײַן לעבּנס־טאָג ניט געזען, געהאַט בּלויז בּעקאַבּאָלע פון די עלטערן, אַז זייער גלויבּן קומט אַרויס פון „יאַווריישע הייליקע אָוועס”, וואָס האָבּן, אים צו לענגערע יאָר, געהייסן מיט זייערע וואַזשנע נעמען:

— „אַבּראַ־אַם”.

— „איסא-אק“.

— „יאקאָוו — אָנ־זשע ייִזראעל“.

מיסטאמע זיי האָט דאָס אינ זינענ געהאט דער אראָפּגע־קומענער פונ קאנטקאָמ, וואָס האָט דאָ פּרילינג־צײַט געגעבנ צו וויסנ: „די פרײַע ערדנ דאָ, אינ בײַ־אמורער פאס, זײַנענ דורכנ צאק פּססר אויסגעטיילט געוואָרנ פאר די נויטנ פונ ארבעטנדיקע ייִדנ“. אזא קלאנג האָט זיכ דענסטמאָל פארשפרייט אינ דאָרפ, אונ אזא געפיל איז טאקע געווענ בא פיאָטער אקסענטיעוויטשנ באמ אָנקומענ פונ די ערשטע איבערוואנ־דערער:

— מאזלטאָוו...

— אברא-אמ, יאקאָוו — אָנ-זשע ייִזראעל איז געקומענ.

ערשט נאָכ דעמ, ווענ מע האָט אפ די איבערוואנדערער א קוק געטאָנ, איז אויסגעקומענ א קאפּעלע זיכ צו ווונדערנ:

— עפּעס צו וואָכיקע „הייליקע אָוועס“.

אונ פונ דענסטמאָל אָנ האלט דער ווונדער אלצ אינ איינ וואקסנ.

עס טרעפט: פּיאָטער אקסענטיעוויטש געפינט זיכ אויסערנ דערפל אפ דער הויכער גרינ-ביימערדיקער סאָפּקע — ער האקט פאר זיכ האָלצ אפ ווינטער. אפ דער הויכער טײַגישער סאָפּקע ווערט ער אלייננ אויכ א שטיק טײַגע. מיט די אויגנ פונ דער טײַגע קוקט ער אראָפּ אפנ דערפל, צומ מענטשנ־געווימל וואָס לעבנ דער באנ-סטאנציע, ארומ קאָנטאָר אונ ארומ איבערוואנ־דערער־באראק — ווי איילנדיקע גרויע אונ שווארצע מוראשקעס יאָגנ זיי דאָרט אינ אלע זײַטנ. פונ טאָג צו טאָג קומענ זיי אהער, אלצ נײַע אונ ראשיקע, טאראראמענ דאָ אָפּ. אייניקע נעמענ זיכ דאָ צו שנײַדערײַ, צו שוסטערײַ, צו סטאָליער־אר־בעט, אנדערע שיפנ זיכ אריבער איבערנ טײַכ בירע, פארקריכנ טיפער אינ לאנד. מע באוויײַזט זיכ ניט ארומצוקוקנ, ווי עס קומענ אָנ נײַע, ווי לויט א פארהוילענער קאָמאנדע, לאָדנ זיי

אויס וואגאָנעס, קלאפּן, שרויפן, רײַסן אופ קאסטנס, זאָטלען אָן אײַזערנע מאשינעס. פּיאָטער אקסענטיעוויטש מיט דער האק אין האנט — א שטיק לעבעדיקע טײַגע; ער האָרכט, קוקט אוןווארט:

— מעט לעבן, וועט מען זען.

דערנאָך:

איינײנעם מיט פּיאָטער אקסענטיעוויטשן און מיטן גאנצן דערפל טיכאָנקע האָט איינמאָל די ארומיקע טײַגע דערהערט מאָדנע ראשיקע געשרייען. מע איז ארויסגעלאָפן קימאט פון אלע הײַזער, עלטערן האָבן זיך אויסגעמישט מיט קינדער, געלאָפן צו איינעם פון די געסלעך, געשטאנען און געגאפט: איבערן געסל, וואָס פירט צום טײַך בירע, איז געקראָכן א גרויסער אײַזערנער היישעריק, צי אזא זשוק. אפן אײַזערנעם זשוק איז, ווי האלב־רײַטנדיק, געזעסן דער קאָמיוגיסט ארקע, געציטערט אינײנעם מיט אלע אײַזערנע גלידער, וואָס דער זשוק פארמאָגט, שטײַף געהאלטן אין זײַנע הענט דאָס רייפל מיטן אײַזערנעם דראָנג, וואָס איז אײַנגעשרויפט אין זשוקס קאָפּ, אים געדרייט, געקערעוועט און געצווונגען שלעפּן נאָך זיך צוויי שווערע וואָגנס מיט מאשין־טיילן. דער אײַזערנער זשוק האָט ווי ניט אופגעהערט צו שרײַען:

— וואָס האָט מען צו מיר?

— כ'וויל ניט!

פון ארום און ארום האָט מיט אָן א שיר ווידערקוילעס נאָך העכער געשריִען די טײַגע. געגוואלדעוועט ווי אפ צו פארשרעקן.

ארקע אפן טראקטער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט האָבן שטארק פארקוועטשט די ציין, זײַנע אויערן — טויב פאר אלע ארומיקע געפילדערס: ער ווײַזט דער טײַגע וואָס ער קען — ער וועט רײַסן פון איר שטיקער.

געווען אַ מײַסע מיט יודל ליפשיץ נאָך איידער ער איז געפאָרן קיין בירעבידזשאַן — ער איז דענסטמאָל באַ זיך אין דער היים געווען אין „קראַליק־קאָלעקטיוו“ — איז אים אָנגעקומען אַ בריוו פון אַ האַלב־פאַרגעסענעם פרײַנט פון אַמעריקע. יענער האָט געגעבן צו וויסן, אַז אין אַמעריקע שרײַבט ער אין די צײַטונגען, געבעטן אים אָנשרײַבן, וויאַזוי לעבט זיך אין שטאָט. ליפשיץ האָט געענטפערט מיט אַ גאַנצן „באַשרײַבעכץ“, וויאַזוי קיין רײַכע לײַט זײַנען שוין ניטאָ, וויאַזוי און באַ „וועמען“ מע איז אַצינדער דאָ אין די הענט, וויאַזוי „מע טאָר ניט גלייבן זייערע צײַטונגען“. דענסטמאָל זײַנען אים פון אַמעריקע אָנגעקומען עטלעכע דאָלער מיט אַ פּאָר ווערטער: „ס'איז מיר צוניץ געקומען, שרײַבט אָפּט“. ליפשיץ האָט זיך געזאָגט: היטן זיך פון דעסטוועגן שאַט ניט.

די זאַך איז אַוועק בעסאָד־סוידעס: פאַרשטעלטע, ניט אונטערגעשריבענע בריוו „מיטן ריינעם עמעס“ וועגן באָלשעוויקעס. אַלע מאָל פאַר עטלעכע דאָלער פון אַמעריקע. ליפשיץ איז געוואָרן אַ מין שטיקל אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט. דערנאָך האָט פּלוצלינג אויפגעהערט אָנקומען פון אַמעריקע סײַ געלט סײַ יעדיעס. ער האָט געלערנט דעם פּשאַט:

— אין פּאָטשט האָט מען מינאַסטאַמ זיך אומגעקוקט אַפּ אַ פּאָר בריוו... מע וואַרט אַפּ נאָך... אויב אַזוי, איז בעפּיירעש בעסער, אַז דער „טאַטע“ פון די בריוו זאָל זיך דאָ ניט געפינען. יודל ליפשיץ האָט גערעכנט: די אייגענע בריוו וועט מען קאָנען שרײַבן פון בירעבידזשאַן. ערשט אין בירעבידזשאַן האָט ער זיך אַרומגעקוקט. מע געפינט זיך דאָ מיט פיל מענטשן אין איין באַראַק — גיי שרײַב די בריוו פאַר אַלע אין די אויגן. און כוץ דעם: דאָ איז נאָענט צו דער גרענעץ און די פּאָטשט קאָן מען דאָ האַלטן אין אויג גאָר איבער אַנדע-

רע טײַמים. די בריוו טראָגט ער אַרום בלויז באַ זיך אין קאָפּ, און דאָס רײַצט אים מעסוקן אוף. עס ציט זיך שוין אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג. ער געפינט זיך די גאַנצע צײַט אין אַ צושטאַנד פון אַ מענטשן, באַ וועמען עס רײַסט טאָג ווי נאַכט אַ פּליוס און איז גרייט אופצופלאַצן, ווי נאָר מע רירט אים אָן.

הײַנטיקן פרימאָרגן איז אָבער יודלען אָנגעזאַלצן אַפ דער נעשאָמע גאָר איבער אַנדערע זאַכן — הײַנט האָט ער אַ געשוואָלן האַרץ סײַ אַפ דער „קאָנטאָר" סײַ אַפ יענע עטלעכע איבערוואַנדערער, וואָס האָבן גלײַך מיט אים געפּאָדערט, מע זאָל זיי געבן בילעטן אַפ אַוועקצופאָרן. טאַקע וועגן די לעצטע קאָן ער איצט ניט טראַכטן אַנדערש, ווי מיט רויט־אָנגעגאָסענע אויגן און מיט ציין-קריצעניש.

— הולטײַעס! אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן!

אים, ליפשיצן, האָבן זיי דאָ אַרויסגעשטעלט פאַרן ערשטן שייגעץ, געהאַלטן אין איין שיקן אין „קאָנטאָר":

— „וואָס שוויַיגסטו?"

— „מאַך זיי דאָרט די „בראָכע".

— „מע זאָל דערהערן אין דער צענטער גאַס"...

ער, הייסט עס, וועט זיך שוואַרצן פאַר זיי זײַנע פּאָנעם — זיי וועלן שטיין פאַר אים שטאָל און אײַזן. דער סאָף איז געוועזן: אַלע זײַנען זיי זיך צעפאָרן אַפ אייגענע הויצאָעס — נאָך גאָר געהאַט יעדער איינער אויסגעבאַהאַלטענע געלטער: יודל ווינטשט זיי דערפאַר: „האָבן זאָלן זיי די צעניאַריקע קאַדאָכעס, סע זאָל מיט זיי וואַרפן העכער אַלע דעכער". די לעצטע זײַנען שטילערהייט אויסגערונען זײַוול בראָדסקי און דער געצאַצקעטער ייִד, וואָס האָט דאָ אַלע טאָג געהאַט צאָרעס באַם האָבן דעם מאָגן (ווײַל „ער איז צוגעווינט צו אַ ברעטל"). זײַוול — דער רוח ווייס אים, צי האָט ער נאָך אַליין געהאַט געלט אַפ אַוועקצופאָרן, צי ער האָט געמאַכט עפּעס אַ „קאָמ־

בינאציע" מײַנ געצאצקעטנ ייִדנ — זײַוול, ערשט איצט זעט
יודל ארויס: א פּאכקודנער וואָרעמ, פול אונ פול מיט „קאָמ־
בינאציעלעכ", ער וועט דיר דורכקריכנ אלע שמאָלע לעכער,
און דעמ לעבט ער. ניטאָ גאָר אפ אימ קיינ פּאָהיבל, געמאכט
די גאנצע צײַט אנ אָנשטעל: „פּערוועגוטער ברודער", געהאל־
זנ אינ איינ אונטערבורענ: „יודל, מע דאַרפ מאכנ סקאַנדאלנ".
לעסאָפּ אימ געלאָזט דאָ איינעמ אליינ מיט א מיִעס פּאָנעמ. טאקע
דאָס פּאַרדריסט יודלענ ביז גאָר. אלע, זעט ער, קענענ אימ
דאָ שוינ. עס קומט אויס, מע טײַטלט אפ אימ מיט די פינ־
גער. הײַנט אינדערפרי, ווי נאָר ער איז ארײַנגעקומענ אינ
דער רעגיסטראטור, האָט ער באלד באמערקט: מע איז גע־
בליבנ שטיל — מע קוקט ניט אפ אימ. דער הויפּט־רעגיסטראטער,
דער רויטלעכער, פּעכקע־ווײַכער פּעסטמאנ, שמייכלט צו, סאָר־
טעוועט בא זיכ אפנ טיש גאנצע פּעק מיט צעטלענ, הייבט
ניט אופ די אויגנ, ענטפערט לעבלעכ, אָנ לונג אונ לעבער:

— אינ וואָס זײַט איר מיכ כוישעד?

— גלייבט מיר: לעבנ זיכ דארפ איכ אײַכ דאָ ניט
זאָגנ.

— ווענ איכ האָב געלט, קויפּ איכ אײַכ פונ מײַנ קע־
שענע א בילעט, איר זאָלט אוועקפאָרנ...

יודל האָט אָנגעקוקט פּעסטמאנענ מיט צוזאמענגעצויגענע
אויגנ, אפ זײַנ צונג שוינ גרייט די ווערטער:

— א דאנק אײַכ פארנ „זיסינקנ" ענטפער — גאָלע בוימל...
איכ ווייס דענ ניט וואָס אונטער דעמ ליגט?..

אויב ער האָט די ווערטער ניט ארויסגעלאָזט, איז עס
געווענ, ערשטנס, ווײַל פּעסטמאנענ האָט ער שוינ פונ פריִער
געהאט אָפּגעשאצט: „צושטיינ צו אָ־דעמ־אָ איז ווי שלאָגנ
אינ א קישנ — ער וועט דיר אלצ איבערשלאָגנ אונ נאָכ
דערבײַ צושמייכלענ", צווייטנס, האָט פּעסטמאנ שוינ געהאט
באוויזנ גאנצ ערנסט א זאָג צו טאָנ:

— אפֿ אוועקצופֿאָרן טאָר איך קיין געלט ניט געבן, איך זאָל אפֿילע האָבן. מיר קלערן, אַן אָרעמאַן, וואָס האָט טאַקע ניט אפֿ אוועקצופֿאָרן, קאָן דאָ געפֿינען ארבעט און לעבן. ער וועט איינערגעץ ניט מאַכן בעסער. איר זעט דאָך: אַלע „יענע" האָבן אַליין געהאַט געלט אפֿ אוועקצופֿאָרן.

ער האָט אופֿגעהויבן די אויגן, א קוק געטאָן אפֿ ליפּשיצן מיט א מער-נאָענטן בליק:

— איך וועל אייך זאָגן דעם עמעס: וועדליק די סקאַנדאַלן, וואָס איר האָט געמאַכט, האָבן מיר געמיינט: איר זייט דער רייכסטער צווישן זיי.

יודל — אַן אָנגעצונדענער — האָט שיר ניט אויסגעשאָסן:

— „איר מעגט איבערקומען אפֿ מיין פֿאַרמעגן".

נאָר דאָ האָט מען נאָרוואָס געהאַט דערמאָנט יענע, וואָס האָבן אים א"ב „קאָנטאָר" ארויסגעשטעלט פֿאַר זייער „שייגעץ" און זיך אוועקגעפֿאָרן, אים דאָ געלאָזט איינעם אַליין.

ער האָט געוואָלט וויסן, וווהין זיינען זיי געפֿאָרן.

— איר ווייסט ניט?

פֿעסטמאַן האָט דערופֿ געענטפֿערט ניט באַלד, א ביסל באַליידיקט:

— וואָס פֿרעגט איר בא מיר? איר דאַרפֿט עס גיכער וויסן...

יודל האָט דערפֿילט, אַז דאָ, אין דער רעגיסטראַטור, האָט ער מער ניט וואָס צו טאָן. ער איז ארויס צוריק אין הויף מיט אַזא געפֿיל, ווי פֿאַר זיינוולען, פֿאַרן געצאַצקעטן יידן מיטן „פֿיינעם מאָגן" האָט ער זיך געלאָזט שוואַרצן זיין פּאָנעם און בא זיי דערפֿאַר אפֿילע קיין האַלב קערבל ניט באַקומען. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן די בריוו קיין אַמעריקע, וואָס ער קאָן פֿונדאַנען ניט שרייבן, האָט אָנגעהויבן ארויסצולאָזן פֿון זיך דאָס לאַנגע געציקלטע זיפֿצעלע, נאָר זיך פֿאַרכאַפּט, זיך ארומגעקוקט, צי קיינער האָט ניט געהערט, צום

ערשטנ מאָל ווי דערפילט: זײַנ „זיפצעלע“ איז דאָ א קנאפּע „סכוירע“. פונווײַטנס האָט ער געזענ, ווי דער געוועזענער בע־דער, בענ̇י פּרינצ, אונ פּרויעמ טשערנאָבילער ווארפנ אראָפּ אינ עק הויפ ברעטער פונ צוויי געבראכטע פורנ, נאָכ ווײַטער שטעלט מענ קראָקוועס אפּ א נײַ הויז. ס'הערנ זיכ קלעפּ פונ טעסנדיקע העק. יאָסל פּעקער — איינער פונ די צוויי ברי־דער מוליארעס — קומט אהער מיט טײַנעס, אלעמײַ מע שיקט ניט צו קיינ קאלכ. ערגעצ אפּ דער גאס דרינזשעט אונ פּיכ־קעט א טראקטער, שלעפּט נאָכ זיכ פונ ברעג טײַכ צוויי וואָגנס מיט שטיינדלעכ אפּ צו פארשיטנ נאָכ די רעגנס די בלאָטיקע גריבער אפּנ וועג. נאָכ ווײַטער, ערגעצ פונ אויסער דעמ גאנצנ יישעוו, הערנ זיכ איבערגעריסענע אײַנדרעמלדיקע אונ אופּ־וואכנדיקע קוויטשערײַענ, ווי פונ אנ ארבעטנדיקער זעג־מיל, אונ דאָס אלצ דערמאָנט אָנ דער הויפּט־ארבעט וואָס ערגעצ ווײַטער מיט גאנצע זעכציק קילאָמעטער. דאָס אלצ האָט יוד־לענ אי געריצט אי ארויסגערופנ טיפ אינ אימ עפּעס אנ אומ־באגרײַפלעכנ פארדרוס. פונ ארומ דער קיכ איז פארפּאָרעט אָנגעקומענ פּרויעמ טשערנאָבילערס מיידל, פּעסל, גענומענ צע־הענגענ גראָבע געוואשענע האנטעכער אפּ א שטריק. יודל האָט אופגעהויבנ זײַנ קאָפּ, זיכ באגעגנט מיט פּעסלס בליק, שיר ניט א זאָג געטאָנ:

— וואָס קוקסטו אזוי, וואָס לויזסטו מיכ?..

אונ ווידעראמאָל געוואָרנ פול מיט פארדרוס, ווי אפּצולאָ־כעס פּעסלענ זיכ א לאָז געטאָנ צומ אינזשעניער טאָדינ אינ צימער, ארײַנגעשפּאנט אהינ מיט דער קאוואָנע צו ריידנ בע־פּיירעש הויכ, אָט מע־זאָל דערהערנ אינ הויפ, נאָר באקומענ אנ אומגעריכטנ ענטפער „קומט, מירנ גיינ — איר וועט מיר זאָגנ אינ דרויסנ“, דערזענ דעמ גראמ־צעשפּיליעטנ קאָלנער פונ טאָדיס רויטארמייער-העמדל אונ דאפּקע אינעמ גראמענ רויטארמייער־העמדל גלײַכ דערפילט:

— „אויב מיט געשרייען, וועט דער שמועס זײַן זייער א קורצער"...

אײַנהאלטנדיק טיף אין זיך זײַן „זיפּצעלע", איז ער ארויס מיטן אינזשעניער אין דרויסן.

3

דער אינזשעניער טאָדי האָט בא יודלען געפרעגט:

— וואָס האָט איר צו זאָגן?

יודל האָט א זײַטל געטאָן די אויגן, א זוך געגעבן טיף אין זיך, געפונען: האָבן האָט ער וואָס צו שרײַען, וואָס צו זאָגן — האָט ער גאָרנישט. טאָדי גייט גיך. ניט אָפּשטייענדיק פון אים אין גאַנג, שעמט יודל זיך אונטערצוהינקען. צוריקגעדערט: דאָס, וואָס ער הינקט טאָמער א קאפּעלע צו, איז בא אים גיכער א טעווע־זאך, איידער א נויטבאדערפעניש — ס'האָט געפּאסט צום „זיפּצעלע". דאָ אָבער, פאר טאָדין אין רויטארמייִשן צעכראסטעטן העמדל, פילט יודל, איז עס א קליינע „מײַלע". אין עק הויף דערלאנגט מען טאָדין א געבראכט צעטעלע פון אָרטיקן מעדפּונקט. טאָדי שטעלט זיך ניט אָפּ, לייענט דאָס צעטעלע אין גאנג, דרייט זײַן קאָפּ צום לינקן אקסל, שטופּט דאָס צעטעלע טיף־טיף אין לינקן הויזן־טאש. וויבאלד ער האלט שוין דעם קאָפּ לעבן אקסל, כאפּט ער שוין פאריינס פון דער קרום א זײַטיקן בליק אף יודלען. ער טוט פּלוצלינג א פרעג:

— פון וואָס האָט איר געלעבט — פריִער, פארן קאָלעקטיוו מיט די קראָליקעס?

— פון וואָס?

יודל טוט א קוק פון דער זײַט אפן אינזשעניער: צי האָט ער זיך ניט דערוווסט וועגן אמאָליקן ווײַן־שענק? דאָס איז געווען פאר דער מילכאָמע. יודלען ווערט דערפון אזוי נודנע. עס ווילט זיך ארויסלאָזן דאָס „זיפּצעלע".

— פון וואָס זאָל איך געווען לעבן? — א שטיקל סלו־זשעשטשע...

ער זאָגט עס זייער שטיל. דער אינזשעניער, דאכט זיך, האָט ניט איינגעהערט, זיך גאָר פארקוקט אפ א גרוב, וואָס איז פריש פארשאָטן מיט שטיינדלעך. מע גייט ווייטער. טאָדי טוט באנייס א פרעג:

— וואָס קלערט איר וועט איר טאָן, אז איר וועט קומען צוריק אהיים? — איר ווילט דאָך אוועקפאָרן...

אפ אזא פראגע האָט זיך יודל ניט געריכט — טאקע, וואָס וועט ער טאָן, אז ער וועט קומען צוריק? קיין גרעסערער „מעיוכעס", ווי ער איז געווען, וועט ער דאָרט ניט ווערן, און אכוץ דעם, עפשער זוכט מען דאָרט אפ אן עמעס דעם „טאטן פון די בריוו"... אין אויער קלינגען די נאָרוואָס געהערטע ווערטער: „איר ווילט דאָך אוועקפאָרן", הייסט עס: מע וועט געבן אפ א בילעט?.. יודל וואָלט א באלן זיין צו האלטן דאָ דעם אינזשעניער פארן וואָרט, נאָר פון דער אנדערער זייט: די אוועקגעפאָרענע זייוול בראָדסקי און די אנדערע — זיי האָבן עפעס ווי פארדולט דעם קאָפ יודלען, דאכט זיך: בדו״ז זיי זיינען שולדיק, וואָס ער האָט די גאנצע צייט ניט א טראכט געטאָן:

— „וואָס וועל איך טאָן, אז איך וועל קומען צוריק אהיים?"..

טאָדי — ניט אומקוקנדיק זיך צו יודלען:

— וויפל זייט איר אלט — א יאָר זיבן און פערציק?

אפ אזא פראגע האָט יודל ווידעראמאָל זיך ניט געריכט. ער איז דאכקע נאָך ניט אלט געווען קיין פולע פינפ און פערציק, נאָר אים האָט ניט געארט, וואָס מע גיט אים צו א פאָר יאָר. פארקערט — עפשער וועט עס צו עפעס העלפן. פון אנט־קעגן האָט א גאנץ געטאָן די בירע, פון רעכטס האָט גריך א בליק געטאָן די סאָפקע, פון אונטער איר — די וויים-וויסע בערג. שווער באלאָדן מיט מאסע-כורן האָט קווער איבערן

ברייטן טײַך פֿאַמעלעך זיך גערוקט דער פֿאַראָם. פֿון דאָרטן ארויס, אין דער ריכטונג צום טײַך, האָבן איינס נאָך איינס זיך שווערלעך גערוקט פֿולע טאַרעטײַקעס — דאָס האָט מען געפֿירט פּראָוויזיע פֿון דער טיכאָנקער באַזע צו די הויפּט־אַרבעטן וואָס ווײַטער מיט זעכציק קילאָמעטער, ערגעץ ארום בירער פּראָוו-פֿעלדער. איינער אליין, עפּעס אין א מין פֿאָפּע־ליאַטן פֿאַר־כאַלאַט האָט אָפּ א צוויי־רעדערדיקער רעסאָרנ־בודקע איבערגעיאָגט די טאַרעטײַקעס דער הויפּט־פֿאַרזאָרגער פֿון דער טיכאָנקער אָפּעראַטיווער קאָנטאָר. דער אינזשעניער טאָדי האָט אופֿגעהויבן א האַנט, צו אים עפּעס א געשריי געטאָן, נאָר יענער האָט ניט דערהערט, פֿאַמעלעך א פּאָך געגעבן מיטן בײַטשל איבערן העלן, קליין אויסגעפּאַשעטן סיבירער פֿערדל, און אינאיינעם מיטן פֿערדל זיך אונטערגעטוקט אין א וואָלף־קנדל שטויב. אף יענעם אָרט, ווו מע שטויסט אָפּ קלעצער פֿון ברעג, איז קיינער ניט געווען. דער קאָמיוגיסט ארקע האָט געשלעפּט מיטן טראַקטער וואָגנס שטיינדלעך אף צו פֿאַרשיטן די וועגן. די קאָמיוגיסטן וועלוול יאַראָשעווער, מאָטל שקלאָ־ווער האָבן זיך געפֿונען נידעריקער אַראָפּ־וואַסער, פֿון גאַנץ פֿרי אָן געלאָדן ברעג-שטיינדלעך אין די ליידיק-צוריקגעקומענע וואָגנס. דאָרט, לעבן דעם קליינוווקסיקן מאָטל שקלאָווער, האָט דער אינזשעניער טאָדי זיך פֿאַרהאַלטן. ניט ווִיסנדיק אף וואָס וואַרט ער, איז יודל געשטאַנען בא דער זײַט, צוגעהערט אָן א מינדסטן אינטערעס, וואָס מע רעדט — ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן פֿאַרייניקן לעבן בירער פּראָוו-פֿעלד א צוויי־דרײַ קליינע קאָלעקטיוולעך. מאָטל זאָל עס זײַן דער, וואָס וועט עס טאָן. טאָדי האָט באַדויערט, וואָס דער הויפּט־פֿאַרזאָרגער איז שוין אוועקגעפֿאָרן.

— כ'האָב דאָך געמיינט: איר וועט פֿאָרן אינאיינעם מיט אים. אנו, קומט צו מיט מיר אין קאָנטאָר.

— טאַקע שוין?..

מאָטל — א בלאָנדער, א יונג־פּאדוואָקסענער, מיט אן אָפּ־געברענט פּאָנעם, פול און פול מיט צעשיילטע זון־לישײַעס — האָט געהאלטן אין האנט די אײַזערנע לאָפּעטע, גרייט אפּ אָנצונעמען מיט איר שטיינדלעך, א וואָרף טאָן אין וואָגן. פאר־וואונדערט האָט ער א קוק געגעבן, כּדי׳ער אפן אינזשעניער טאָדי, אפן דערבײַשטייענדיקן וועלוולען, דערנאָך אויך אפּ דער אײַזערנער לאָפּעטע, ווי ער וואָלט בא איר פרעגן:

— אפּ וועמענ־זשע וועל איך דיך דאָ לאָזן?

טאָדי האָט עס באמערקט, א זוך געגעבן ארום זיך עמעצן מיט די אויגן, דערזען יודלען:

— אנו — האָט ער ווי אפּ טשיקאוועס צו יודלען א זאָג געטאָן, — נעמט בא אים די לאָפּעטע.

יודל האָט זיך געוווּנדערט, זיך געפּילט מאָדנע, ווי אפּ עפּעס אן עקזאמען. ער איז אלט געווען באלד פינף און פער־ציק יאָר. ער האָט קיינמאָל אין לעבן ניט געארבעט. ער איז די לעצטע יאָרן געווען אָן פּארנאָסע. ווען ניט די בריוו קיין אמעריקע, וואָלט ער געקאָנט אפּ זיך זאָגן — אן אָרעמאַן. נאָר אַ־דאָס־אָ...

ער האָט שוין געהאט געהאלטן די לאָפּעטע אין די הענט... ס׳איז שוין געווען ווי פּארפאלן. קויעך האָט ער דאפקע גע־האט — פאר אים אליין איז עס געווען א נײַס. ער האָט גע־גראָבן צו טיפ אין די ברעג־שטיינדלעך, אָנגענומען צו פולע לאָפּעטעס, צעשאָטן אין די זײַטן באם ארײַנוואַרפן אין וואָגן. אפּ יענער זײַט וואָגן האָט וועלוול פריילעך א פלאפּל געטאָן:

— כאפּט ניט!

— ס׳איז ניט קיין הייסע האלושקעס.

— מע בייגט ניט די קני.

— ט׳אזוי: מע טרעפט פונוויַטנס אין וואָגן ארײַן.

דער אינזשעניער איז שוין געווען אָפּגעגאנגען א קלאפּ־טער פופציק, זיך פארהאלטן, געדרייט זײַן קאָפּ אפּ צוריק.

מאָטל האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. ביידע האָבן געקוקט: בי־רעבידזשאַן, אַ ברעג פֿונעם גרויסן נײַעם לאַנד קנעלט אײַן מיט איינעם דעם יוישער פֿונעם פעסטן סאָציאַליסטישן געזעץ: „ווער עס אַרבעט ניט, יענער עסט ניט" — יודל האָט געהויבן אַלע מאָל אַ נײַע פֿולע לאָפּעטע, געוואָרפֿן די שטיינדלעך אין וואָגן. ער איז געווען ניט מער, ווי איינער, געקאָנט דאָ בלײַבן אָדער ניט בלײַבן. איינעם מיט אַנדערע האָבן נאָך אויסלייזונג אהער געדאַרפט קומען טויזנטער אַזוינע, ווי ער, און מיט אַלע־מען זאָל דאָ אײַנגעקנעלט ווערן אָט דער פעסטער געזעץ.

קאפיטל פינף

1

— וויאַזוי איז, אז מע ווערט פארבלאָנדזשעט אין דער טײַגע?

— וואָס קאָן דאָרט מיט א מענטשן געשען?

— סע קאָן זיך זייער שיין מאכן, סע זאָל מיט אים גאָרנישט ניט געשען...

אזוי קלערט דער איבערוואנדערער שימקע שנייור. ער טראָגט אף זיך א זעג, א האק, א טאָרבע מיט עסן און שטייט ניט אָפּ אין גאַנג פון צווייטן איבערוואנדערער — מענדל זאקס, וואָס טראָגט מיט זיך צוויי גראָבײַזנס מיט אנדערע זאכן און איז דערבײַ אויך, אפּאָנעם, אריינגעטאָן אין פארשיידענע קלער־רעכצן.ביידע האָבן מיט זון־אופגאנג זיך אוועקגעלאָזט א זוך טאָן, צי קאָן מען ניט אין דער אומגעגנט פון דער טיכאָנקער באזע געפינען אן אָרט, וואָס זאָל טויגן פאר א קאָלווירט. שוין א גוטע פּאָר שאָ, זינט זיי האָבן זיך ארײַנגעלאָזט אין דער טײַגע ארײַן. זיי געבן אכטונג פונוואנען שײַנט די זון, וווהין פאלן די שאָטנס, האקן אָן פארבײַגייענדיק סימאָנים אף ביימער. און כאָטש זיי זײַנען ניט גאָר זיכער, אז דאָס איז די בעסטע טרופּע מע זאָל ניט בלאָנדזשען, פונדעסטוועגן רוקן זיי זיך צוביסלעכ אלץ ווײַטער און ווײַטער. שימקע טראָגט אין זיך א גרויסן, טיפן, פארבאָרגענעם דערעכערצ צו אָ־דעם איבערוואנדערער זאקסן, וועמען ער האָט איינמאָל אָפּגעטראָטן

זײַן געלעגער אין באַראַק, דעריבער לייגט ער פאַר אים ניט אויס די געדאַנקען, וואָס דרייען זיך בא אים, שימקען, אין קאָפּ:
— אבי מע שרעקט די גענדז...
— „טײַגע!"
— „די טײַגע!"
— מע וואָלט געקאָנט מיינען: די טײַגע איז מיט הער-נער. צום סאָף — גאָרנישט: א וואַלד אָן א ברעג און אָן אן עק און שווײַגן — וואַלד באַרג־אַרוף, באַרג־אַראָפּ, ערטערווײַז מער פאַרבלאָטיקט, ערטערווײַז ווייניקער פאַרבלאָטיקט.
אזא טעווע האָט שימקע: קלערעכצן ווערן בא אים אין קאָפּ געבוירן פּאַרטיקע, אײנײנעם מיט ווערטער. אויב ער גיט זיך עפּעס צו פאַרשטיין, האָט ער דערבײַ טאָמער אזא געפיל, ווי ער וואָלט געבן צו פאַרשטיין א צווייטן און וואָלט אַרײַנגערעדט אין א צווייטן:
„אז קיינער — טראַכט ער — האָט די טײַגע ניט פאַרזעצט און קיינער האָט זי ניט געריייניקט, ווו זי וויל, דאָרט וואַקסט זי. די ביימער ערטערווײַז געדיכט, הויך, ריזיק, ערטערווײַז — שיטער, נידעריק, קוסטעס. נא — טהאָסטו דיר, גאָר אינגאַנצן אן אויסגעברענטער שטיק. פון דער ערד שטעקן אַרויס שוואַר-צע, פאַרברענטע שטאַמען — האָלאָוועשקעס — א וויסטער שוואַר-צער בעסוילעם... פון וואָס האָט זיך דאָ געקאָנט נעמען א סרייפע? — מיסטאָמע פון א בליץ..."
און ווידער איז בא שימקען אזא געפיל, ווי ער וואָלט געגעבן א צווייטן צו פאַרשטיין:
„ס'האָט דאָ — טראַכט ער — געקאָנט ברענען וואָכן און כא-דאָשים און קיינער האָט ניט געלאָשן. צי אָט, נא דיר גאָר א נײַס: דאַפקע הויכע גראָבע ביימער, נאָר אָן א מינדסט בלעטל אף זיך, אויסגעטריקנטע, ווי מייסים. אף זיי האָט געקאָנט קומען אזא מין קרענק, צי אן אָנשטעקעניש. און אָט האָסטו שוין ווידער א געזונטן מעכײַעדיק גרינעם וואַלד. עס וואָלט געווען

גאנץ נישקאָשע איז אים צו גיין, ווען ניט די שטענדיקע דרײַ זאכן:

וואסעריקע בלאָטע.

פארפלאָנטערטער ביימער-געוואלגער.

בײַסנדיקע פליגעלעכ".

פון די אומגעפאלענע ביימער איז נאָך צו דערלײַדן. מיילע, וואלגערן זיך איבערגעפלאָכטענע שטאמען מיט צווײַגן, הייסן דיר, אויב דו ווילסט דאָ דורכגיין, מויכל זײַן:

— „פויל זיך ניט און קלעטער".

דערפאר קריכסטו א ווײַלע ניט מיט די אָנגעגעצטע שטיוול אין דער וואסעריקער בלאָטע. די פליגעלעך — אָבער זיי ווינטשט שימקע פון גאנצן הארצן:

— א פּאָהיבל אפ זיי!

גאנצע כמארעס הייבן זיי זיך אוף פון יעדן פײַכטן אָרט און באפאלן, — ניט ווי פליגעלעך, נאָר ווי הינט, וואָס ווילן ווי אפ טשיקאוועס פארזוכן, וואָס פאר א טאם האָט מענטשן-פלייש און מענטשן־בלוט. א מין פליִען, יאָגן, ווי אפ אָפּצו־שטופּן איינס דאָס אנדערע:

— מאכט מיר א וועג! לאָזט מיך צו!

בא שימקען איז שוין צעביסן ווי ערגעץ א נאקעט שטיקל אָרט אין פּאָנעם און אפ די הענט. אויב ער מאכט זיך ניט וויסנדיק און קראצט ניט די צעביסענע ערטער, איז עס איבער צוויי טעמים — ערשטנס, האלט ער:

— א מענטש איז שטארקער פון א פליגעלע.

א מענטש וואָלט ניט ווערט געווען קיין שמעק טאבעק, ווען פליגעלעך זאָלן אים קאָנען פאריאָגן. אזוי, ווייסט ער, פירט זיך שוין פון אייביקע יאָרן:

— ניט פליגן טרײַבן ארויס מענטשן, נאָר מענטשן טרײַבן ארויס פליגן.

צווייטנס, זעט שימקע, אז פון די פליגעלעך מאכט זיך

א קליינעם צימעס מענדל זאקס. זאָל עס קומען דערפון, וואָס דאָ, אין בירעבידזשאן, געפינט זיך זאקס שוין א פּאָר כאדאָ-שים, שוין געארבעט אין די קליינע קאָלעקטיוולעך ארום בי-רער פעלדער און זיך דאָרט צו פליגעלעך שוין א ביסל צו-געוווינט, צי זאָל עס זיין דערפאר, ווייל זאקס איז ביכלאל אזוינער, וואָס מאכט ניט קיין גוואלדן אפילו, ווען מע רייסט אים ארויס א צאָן, אָדער מע שטעכט אים אויס אן אָנגערי-סענעם פינגער, — אלציינס איז מענדל זאקס פאר שימקען איי-נער, פאר וועמען ער האָט גרויס אָפּשיי, און וויבאלד ער האָט פאר אים אָפּשיי, וועט ער אים, פארשטייט מען, אָפּטרעטן דעם קאָוועד אָנצוהייבן דאָ אין בירעבידזשאן אלערליי טועכצן, אפילו דעם קאָוועד א זאָג צו געבן דער ערשטער דאָ אין דער טייגע:

— איי בייסן זיי, די פליגעלעך — דער רועך זאָל זיי נעמען.

איינס טוט דאָ יאָ שימקע: ער זייטלט זיך אָפּט מיט די אויגן צו די ארומיקע נאָענטע און וייטלעכע ביימער. עס קומט אויס, ווי ער וואָלט דאָס טאָג אָן שום כעזשבן, דאָך, א שטיקל כעזשבן האָט ער שוין דערביי: דאָס וויל ער זען, צי קריכט ניט ארויס ערגעץ פון אונטערן ארומיקן בוים־געוואלגער עפּעס א טייגע־כייע — א וואָלף, צי א בער, צי א ווילדער כאזער, צי עפּעס א מין אנדערער טייגיש-ווילדער פּיפּערנאָטער. אויך דערביי איז בא אים אזא געפיל, ווי ער וואָלט געבן צו פאר-שטיין א צווייטן:

— וואָרעם טייגע איז פאָרט טייגע.

פאראן צווישן די איבערוואנדערער אזוינע, וואָס זיינען דיר בעריעס אף אויסצורעכענען, וויפל פארשיידענע מינים כייע עס לעבן אין בירעבידזשאנער טייגע. זיי רעכענען אריין אין צעטל אויך דעם טיגער. עמעס, קיינער פון יענע „בעריעס“ האָט זיך, ווייזט אויס, אליין דאָ מיטן טיגער נאָך קיינמאָל

ניט באַגעגנט, נאָר אויך שימקע האָט איצט גאָר־גאָר א קליי־
נעם כיישעק איצט מיט אָט דעם „כעזורעמאַנ“, וואָס הייסט
טיִגער, זיך צו באַגעגענען. טאַקע דעריבער קוקט ער זיך אָפּט
אַרום, ער איז מוחל דעם קאָוועד. אין איין אָרט האָבן ווירק־
לעך זיך אָנגעהויבן באַווייַזן א שטיקלעך פינף גרויע־האָריקע
באַשעפעניש. אין הינקענדיקן געלויף, ווי מיטל־קליינע הינט־
לעך, האָבן זיי פון אַנטקעגן א יאָג געטאָן און מיטאַמאָל שטיין
געבליבן, מיט א האַלב־כאַזוערש פיסקל האָט איינס פון זיי א
שמעק געטאָן די לופט און באַלד אינאיינעם מיט די אַנדערע
זיך א דריי געטאָן אין אַנטקעגנדיקער זייַט און מיטן פריִער־
דיקן הינקענדיקן געלויף גיך־גיך אַנטלאָפן.

— יענאָטן — האָט א זאָג געטאָן זאַקס, — אָן, דאָרט...

— א?

שימקע האָט ערשט נאָכדעם פאַרשטאַנען, אַז דאָס גייט וועגן
די וועלקגעלאָפענע כיַעלעך. זאַקס האָט ניט באַלד צוגעגעבן:

— קיינמאָל ניט געהערט?

— מע זאָגט: „א יענאָטן־פעלץ“.

— מע כאַפּט זיי דאָ, אַז סע געלינגט, לעבעדיקערהייט —
גאַנצע געזינדלעך, ווי עטלעכע שטיק מיטאַמאָל.

— זיי האָבן זייער א האָריקע פעל, א וואַרעמע.

— אין יִדיש „שאָפּן“.

— גווירים פלעגן האָבן אַזעלכע פעלצן אין צו פאָרן ווינ־
טער אין וועג.

— גווירים?

שימקען איז נאָך אַלץ ניט קלאָר, וואָס פאַר א מין פּו־
טער איז עס — פרעגט אים באַכיירעם, וואָס פאַר א פאַרשיידע־
נע פוטערס גווירים פלעגן טראָגן, אַז לעבן א גוויר איז ער
אפילו קיינמאָל ניט געשלאָפן. פון זאַקס קאַלטקייַט דרינגט ער
פונדעסטוועגן, אַז קיין באַזונדערס בייזע כיַעס זייַנען די יע־
נאָטן ניט. מאָנעפּשעכ, אויב זיי האָבן געלוינט פאַר גווירים,

קאָנען זיי לױנען אױך פאַר אים, שימקען. ער הערט פונדעסט־װעגן ניט אױף זיך ארומצוקוקן, צי װעט ער דאָ, אין דער טײַגע־טיפעניש, ניט דערזען עפּעס מער בײזעס און שרעקנדיקעס, נאָר זאקס, זעט ער, איז אלץ רויִק — אפּאָנעם, ער טראכט גאָר די גאנצע צײַט װעגן עפּעס אנדערש.

— א לאנד — טוט פלוצלינג א מאך זאקס, — שוין איינ־מאָל רײַך!

ער הייבט דערבײַ אָן צו גיין, דאכט זיך, א ביסעלע גי־כער, אקוראט װי דער פּאמעלעכער גאנג פּאסט ניט צום לאנדס פיל מײַלעס, װאָס ער האָט איצט אויסצורעכענען.

— א לאנד, א?

ער נעמט אָן א פּולע, ברייטע ברוסט מיט לופט און לאָזט זי ארויס אינײנעם מיטן לאנדס מײַלעס:

— אזוי זײַנען די בערג, אזוי איז די טײַגע, אזוי זײַנען די טײַכן, אזוי איז די ערד. מע קאָן דאָ אָנהאָדעװען און באקליידן אי זיך אליין אי אנדערע. נאָר צולייגן א האנט, נאָר מענטשן... ט'האָסטו — אָ — פּאזאנעס...

שימקע קוקט אהין, װוהין זאקס װײַזט מיט דער האנט, און זעט צװישן די קוסטעס א דרײַ פיר הינער — היפּשע, לענג־לעכע, גראָבע. זיי טוען זעלטן א פלי נידעריק בא דער ערד. זיי לויפן — א מין גיך הינעריש לױפן! מיט די הוילע הענט, פאַר־שטייט זיך, װעט מען זיי ניט כאפּן, נאָר װען מע האָט א ביקס און מע קען גוט שיסן — פּאך, פּאך, פּאך, און האָב א פּאָר הינער צום עסן... ניין, א רועך אין זייערע טרייפענע קישקעס ארײַן — זײַוול בראָדסקין, יודל ליפּשיצן און יענע אלע אנדע־רע, װאָס פּאָרן אװעק צוריק — זיי װילן, מע זאָל זיי ארײַנ־לייגן א גרייט־געבראָטן הינדל אין מויל ארײַן. אנדערש שטייט ניט אָן דעם טאטן זייערן. ניין, ער, שימקע, װעט פונדאנען ניט אװעקפּאָרן, פּונקט װי עס פּאַרט ניט אװעק פונדאנען אָ־דער זאקס פונעם קאָלעקטיװ „נײַ-קאזאן", — מע װעט זיך

א נעם טאָג צו דער ארבעט, מע וועט מאכן דעם עמעסן קאָל־ווירט, ווי זאָגט דער יאט, מאָטל שקלאָווער: „מע וועט בויען דעם סאָציאַליזם אף וואָס די וועלט שטייט". פון אימפעט, פון וועלן, אז דאָס אלץ זאָל פאָרקומען וואָס גיכער, הייבט שימ־קע אָן צו מאכן גיכערע טריט. זאקס אָבער איילט ניט. פאר־קערט — ער האָט אָנגעהויבן אָפט שטיין בלייבן און זיך ארומ־קוקן. אין דער טייגע איז מען שוין אריין, פונדעסטוועגן, גאנץ טיף. מע געפינט זיך שוין ווידער צווישן קליינע, שיטערע קוסטעס. די ערד אונטער די פיס ווערט אלץ טרוקענער און טרוקענער. א גרויסע סטייע מאָדנע שוואלבן — גרויסע מיט שניי־ווייסע פליגל — טוט אין שרעק א הייב זיך אין דער לופט. שטום, אָן שום סוויטשעריי, בלויז מ׳ט ווילדעניש אין די איי־געלעך, באפרייען זיי די דורכגייער דעם וועג, מאכן א פאָר קרייזן אין דער לופט, הייבן זיך אָן ווייט־ווייט אראָפצולאָזן, פאָכען דערביי זייער געשווינד מיט די ווייס־ווייסע פליגעלעך, און דעמלט דאכט זיך: אונטער שיינענדיקער זון שיט דאָרט אויס א שניי. שימקע איז אזוי שטארק אריינגעטאָן אין נאָכקוקן דער טשיקאווער סטייע פויגלען, אז ער באמערקט ניט, ווי זאקס האָט זיך אָפגעשטעלט, א גראָב געטאָן מיטן שטיוול־אָפצאס און אָנגענומען א ב׳סל ערד אין דער האנט. איצט האָט ער שוין דאָס ביסל ערד אין זיין האנט גוט באקוקט, גוט צעריבן מיט די פינגער און נעמט אריין א קליינעם טייל אין מויל אריין. שימקע שטוינט:

— וואָס קומט עס פאָר מיט זאקסן?

יעדער גליד בא זאקסן, אזוי דאכט זיך, איז איצט פול און פ׳ל מיט מעווינעס — די אויגן, די הענט, דאָס פאָנעם זיי־נען איצט אריינגעטאָן בלויז אין איין זאך, אין איין ווילן צו דערגייען:

— די ערד טויג, צי ניין?

ער וועט דערופ ניט זשאלעווען אפילע זיין מויל און זיין

צונג — ער קײַט א ביסעלע ערד מיט די ליפּן און פּינטלט דערבײַ צו מיט די אויגן, ווי איינער, וואָס פּארזוכט וויַין, — דאָס פּרוווט ער, צי די ערד איז ניט געזאלצן. זאָלן געלערנ־טע אגראָנאָמען פּרוון ערד מיט אלערלײ מינים אגראָנאָמישע קלאפּערגעצײַג. זאקס אָבער האָט ניט קיין אנדערע קלאפּער־געצײַג, אכוץ זײַנע אייגענע ליפּן און זײַן צונג. מיטן שפּיץ צונג שפּײַט ער אויס די ערד פון מויל און זאָגט גאנץ שטיל, ווי צו זיך אליין:

— זײַנען שוין דאָ יאָ, הייסט עס, פאראן טרוקענע ערטער?

— א?..

— מע דארף גאָר, זאָג איך, אפּאָנעם, גאנץ ווײַט ניט פארקריכן.

ערשט איצט הייבט ער אָן פּאמעלעך זיך ארומצוקוקן אין אלע זײַטן. פּונקט אנטקעגן, ווײַטער פון די קוסטעס, הייבט זיך ווידער אָן מעכײַעדיק גרינער וואלד. די ערד דאָרט זעט אויס אלץ טרוקענער און טרוקענער.

— אנו — ווײַזט זאקס פּאמעלעך מיט דער האנט, — קומט נאָר צו אהינ־אָ.

אונטער שימקעס דאָריקער ברוכט קלאפּן עפּלעכע הער־צער מיטאמאָל:

— געשיקט זיך, ס'איז דאָס, וואָס מע זוכט?

— שוין-זשע?

מעגלעך, מע וועט באלד קאָנען א זאָג טאָן:

— „געפונען"...

אהין, ווו זאקס האָט אָנגעוויזן, גייעןביידע זייער פּאמע־לעך. שימקען דאכט זיך: בא זאקן איז איצט פּונקט אזא געפיל, ווי בא אים — ווי מע וואָלט טרעטן אף עפּעס הייליקס. סע וואָלט זיך אזש וועלן אראָפּװארפן פון זיך די שטיוול, קעדיי די טריט זאָלן זײַן ניט אזעלכע שווערע, וואָס שטאר־קער עס ווילט זיך וויסן, צי די ערד אונטער די אנטקעגנדי-

קע גרינע ביימער איז טרוקן, אלץ לענגער טרעט מען אהינ-
צו:

— שוין־זשע? דאָ, אָדער צווישן די אנטקעגנדיקע ביי-
מער וועט עס זײַן?..

— א היים צווישן ביימער...

— א היים אינמיטן וואלד...

מע איז שוין ענדלעך צווישן די ביימער. אויך דאָרט איז
טרוקן. אויך דאָרט האָט זאקס שוין א ביסל צעריבענע ערד
פארזוכט מיטן שפיץ פון זײַן צונג. ער שטייט, ווי אן אײַנ-
געגראָבענער. קוים-קוים וואָס ער דרייט זײַן קאָפּ אין די זײַטן.

פון אונטער רויִק-ערנסטע ברעמען גלאָצט ער די אויגן
צו די הויכע ביימער-שפּיצן, ער לאָזט די אויגן פּאמעלעך אראָפּ
און שטעלט זיי אָפּ אף שימקעס פּאָנעם. ער רעדט ניט אויס
קיין איינציק וואָרט. בלויז מיט די האלב-פארגלאָצטע אויגן
פרעגט ער בא שימקען מעווינעס:

— נו?..

דערנאָך גיבן זיי זיך אפגיך א שאר רעכטס און לינקס,
קריכן טיפער צווישן די ביימער און בלײַבן דאָרט ביידע ווי
פארגליווערט — אין פארוואָקסענער געדיכטעניש, א הונדערט
קלאפטער פונעם אָרט, וווּ זיי שטייען, דערזעען זיי עפּעס א
מין שטיבל צי א בײַדל. עס זעט אויס פונווײַטנס ווי דער
טײַגעס אן אויסבאהאלטענער וואונדער, א סאָד און א רעטעניש:

— וואָס זאָל עס זײַן פאר א מין שטיבל?

— ווער זאָל דאָרט ווינען?

2

דאָס שטיבל איז אף אן עמעס מער א בײַדל איידער א
שטיבל. וואָס מער מע דערנעענטערט זיך צו דעם, אלץ מער
דערזעט מען:

שוין דער עמעסער פּאַלאַץ...

קיין פּענצטער האָט עס ניט — עפּעס אַ לאָך דאָרט אין דער זײַט און שוין. קלאָר: דאָס שטיבל, צי דאָס ביידל האָט דאָ געמאַכט אַ מענטש — דאָס זעט מען פונוויַיטנס אינעם אַרײַנגאַנג, וואָס איז פאַרשטעלט מיט צונויפגעפלאָכטענע צווייַגן, מאַמעש, ווי מיט אַ טיר. די פראַגע איז בלויז, וואָס פאַר אַ שוואַרציאַר האָט זיך אַרום דעם געפּאָרעט, און בכלל: וואָס טוט זיך אינווייניק אין שטיבל, צי אין ביידל — וווינט איצט דאָרט עמעצער, אָדער ניין?

נאָענט לעבן ביידל קרײַזט זיך העל־געוואָרענער אַש. אַפן אַש — אָפּגעברענטע האָלאָוועשקעס. עס וואַלגערן זיך דאָרט אַלטע נאַקעטע ביינער, אַזוינע, וואָס קיין שום כײַע וואָלט שוין באַ זיי ניט געהאַט וואָס צו טאָן — אַ סימען, אַז קיין פרישע מאָלצײַטן האָט מען דאָ שוין לאַנג ניט געפּראַוועט. שימקע דרייט זיך מיט אַ מאָדנער האַקאָפע אַרום ביידל און קלאַפּט אַלע מאָל אָן אין די ווענטלעך מיט אַ באַשטיוולטן פוס. מיט דעם מיינט ער צו זאָגן:

— איז עמעצער אין ביידל פאַראַן, טאָ זאָל ער זיך אָנרופן אָדער אַרויסקומען.

זאַקס אָבער טוט פּאָשעט אַ מאַך אויף דאָס טירל. ביידע, ער און שימקע, רוקן אַרײַן אינווייניק די קעפּ, זעען סימאָנים פון אַ פּוסטע געלעגער און שוין.

— מינאַסטאַם, אַ יעגער — זאָגט זאַקס, — אַ יעגער האָט דאָ געקאָנט ווינען פאַראַיאָרן צי פאַרצווייאָרן — די האָלאָוועשקעס, זעט מען, זײַנען אַלטע.

ער פאַרטראַכט זיך:

— נאָר אויב אַזוי, — דרינגט ער, — אויב דאָ האָט געוווינט אַ יעגער, מוז דאָ זײַן נאָענט טרינק־וואַסער.

ער לייגט אָפּ אין ביידל אַלע זאַכענישן, וואָס ער טראָגט אַפּ זיך, און גייט קאַלטערהייט צו:

— מע דאַרף אַ זוכ טאָן.

שימקע זעט דאָ באַנייס-אַ-קאָן — מיט זאַקסן האָט ער גע-טראָפן:

— שוין איינמאָל אַ זאַקס!

אַ „מעדאַל" אָבער, מיינט ער, איז ווערט ניט אַזוי זאַקס אַליין, ווי ער, שימקע, וואָס באַמ ערשטנ קוק אַפּ זאַקסנ — נאָכ אינ יענעמ ערשטנ פּרימאָרגנ, לעבנ איבערוואַנדערער-פּונקט, — איז ער באַלד געוואָרנ אַפּ זאַקסנ אַ מייווןֹ. שימקע וואָלט איצט געקאָנט ווענג זיכ זאָגנ:

— „עפּעס אַ מינ „ניוכ" באַ מיר — כ'האָב אימ נאָר דערזענ, אָ-דעמ זאַקסנ, האָב איכ גלײַכ דערפילט: ס'איז „נאַסטאָיאַש-טשע"... אײַ, דער רועכ זאָל מיכ נעמענ!"

צו זאַקסנ, פּאַרשטייט זיכ, וועט ער אַפילע ווענג דעמ קיינ פּיפּס ניט טאָן, פּאַשעט ווײַל דערעכערעצ, וואָס ער פילט צו אימ, איז אָנ אַ ברעג. מע זוכטביידע אינ דער נאָענט פונ ביידל טרינק-וואַסער אונ מע קוקט זיכ דערווײַל אַרומ אינ אַלע זײַטנ. זאַקס בלײַבט שטיינ. ווידער ווערנ אַלע טיי-לעכלעכ אינ אימ פול אונ פול מיט מעווינעס.

— זעט מענ שוינ, — זאָגט ער, — ווי די ביימער זײַנענ ביימער, — מע קאָנ פונ זיי האָבנ די ברעוועשטשאַטע הײַזער, אי די ערד איז דאָ טרוקנ אונ גלײַכ ווי אַפּנ טיש. עס קאָנ זיכ דאָ אויסשטעלנ אַ דאָרף אונ אַפילע אַ שטאָט. אָט דאָ וועט שטיינ איינ גאַס, אונ דאָ אַנטקעגנ — די אַנדערע...

באַ שימקענ צעלויפנ זיכ די אויגנ:

— אָט דאָ?..

— יאָ, — ענטפערט קאַלט זאַקס — טאַקע דאָ.

ער שטעלט אָנ אַפּ שימקענ אַזאַ בליק, אַקוראַט ווי ער וואָלט פרעגנ:

— פאַרוואָס דענ ניט?.. וואָס איז דאָ דער וווּנדער?

דערבײַ זעט ער אויס, ווי איינער, וואָס שטעט אונ דער-

פער האָט ער שוין אין זײַנע לעבנס געבוויט מער, וויפֿל ער האָט האָר אפֿן זײַן קאָפּ — אוועקשטעלן דאָ אינמיטן דער טײַגע א דאָרף איז בא אים א שפּיל, כאָטש איידער ער איז אהער געקומען מיטן קאָלעקטיוו „נײַ־קאזאַן“ און איידער ער איז מיליטער־כאָמע־צײַט געוואָרן א בעזשעניעץ, האָט ער נאָר געארבעט אין ווילנע אפֿן א סקלאַד פֿון געהילץ — אזוי האָט ער אליין דערציילט וועגן זיך שימקען:

— „א טשאָרנעראַבאָטשע מיט א שרײַב־פּענדזל אין די הענט“.

איצט אָבער וועט ער דאָ אײַנעם מיט שימקען און מיט דער סאָוועטסקע וולאַסט בויען א קאָלווירט. ער זאָגט צו שימקען:

— ניין, פֿון אזא שטיקל אָרט גייט מען ניט אוועק.

עמעס, דאָס וואַסער, וואָס מע האָט אין דער נאָענט געפֿונען, איז ניט אזוי איי־איי־איי, נאָר ווער וועט דען ניט לאָזן אויסגראָבן דאָ א טיפֿערן ברונעם, ווו דאָס וואסער, מעגלעך, וועט זײַן גאָר גוט? קעדײַ פֿונדעסטוועגן, א פּרווו צו טאָן: וויאזוי וועט דאָס געפֿונענע וואסער זײַן אפֿן טאַם, אז מע וועט עס אָפּקאָכן — מע זעט דאָך: אפילו רויערהייט קאָן מען זיך מיט דעם אויך ניט סאַמען. א טשײַניק אפֿן אָנצוטשעפּען און אָפּקאָכן וואסער געפֿינט זיך בא זאקסן אין זעקל.

אזוי טוט מען טאַקע: מע צעלייגט לעבן בײַדל א פֿײַער און מע שטעלט אוועק דאָס וואסער אופֿקאָכן. עס ווערט דערפֿון נאָך היימלעכער. מע רוט אָפּ לעבן פֿײַער און מע בײַסט צו פֿון דעם, וואָס מע האָט געבראַכט מיט זיך. פֿרי איז שוין אויך ניט. שאָטנס קריכן נאָך דער זונס גאָלדענער שײַן אלץ העכער און העכער צו די שפּיצן פֿון די ביימער. סע וואָלט געוועזן א מעשוגאַס, מע זאָל נאָך הײַנט פּרווון גיין צוריק — ווי נאָר עס וועט טונקל ווערן וועט מען אופֿהערן זען די

סימאָנים, וואָס מע האָט אהערצו־וועגס אָנגעהאַקט אַפ פּאַרביי־
קע ביימער, און מע וועט ניט וויסן, וווהין זיך א קער צו
טאָן. איבערנעכטיקן, הייסט עס, מוז מען דאָ שוין סיי־ווי־סיי.
סע בלייבט בלויז די פראַגע:

— וואָס וועט מען טאָן מיטן געבליבענעם שטיק טאָג?

וויבאַלד מע האָט זיך אָפּגערוט, פאַרטרונקען מיטן אופּ־
געקאָכטן וואַסער, ווי מיט טיי, ווילט זיך דאָ עפּעס א באַלע־
באַטעווע טאָן, און זאָל עס הייסן ווי מע וויל: „א כאַזאַקע
געבן", „קוינע זיין דאָס אָרט" — דערווייל, אַז מע איז דאָ
געווען די ערשטע. אין קאָנטאָר האָט מען פּיינט צו גלייבן
עמעצן אַפ נעמאָנעס, איז בעסער, אַז מע וועט זיי דאָ נאָכדעם
קאָנען באַווייזן... ט'האָט איר אייך א סימען.

שימקע נעמט זיין מיטגעבראַכטע האַק, שאַרט זיך מיט איר
אוועק פון עםביידל, דרייט זיך א ווײַלע צווישן די ביימער,
באַקוקט איטלעכן גרעבערן בוים פון אויבן אַראָפּ און פון
אונטן אַרויף, פאַרמויכעט זיך, פייפט דערביי צו מיט די ליפּן,
ווי ער וואָלט צום בוים זאָגן:

— איי, גוטער ברודער, וועט פון דיר זיין גוטער מאַ־
טעריאַל — דאָ אַפן אָרט קוילעט מען דיך, און דאָ אַפן אָרט
וועט מען פון דיר בויען א הויז, ווייט וועט מען דיך ניט
דאַרפן שלעפּן.

לעבן איינעם א נישקאָשעדיק־גראָבן בוים בלייבט ער
שטיין און באַקומט א גוואַלדיקן „יעיצערהאָרע" א האַק צו
טאָן אין אים מיט דער האַק. ער קוקט זיך אַרום אין אַלע
זייטן — דאָס וווּנדערט ער זיך אַפּ זיך אַליין: „פאַרוואָס הייבט
ער ניט אָן?", „פאַר וועמען האָט ער מוירע?".. אַז די סאָ־
וועטסקע וואָלאַסט אַליין זאָגט:

— האַק, גוטער ברודער!

— האַק און בוי!

איז מאָנעפּשעכ — אויב דאָ־אָ וועט אַמאָל זיין א גרויסער

קאָלווירט — א דאָרף, איז דאָך דער ערשטער האק עפּעס ווערט — אנו, וואָס פאר א טאם האָט ער? —

— טפו, טפו...

שימקע טוט א לײַכטן שפּײַ אין איין האנט, אין דער צווייטער פארוואָרפט ער די האק ווײַט ארונטער און לאָזט ארײַן איר שארף נידעריק אין בוימס שטאם ארײַן. נאָכאמאָל און נאָכאמאָל, אין פונעם בוימס שטאם, נידעריק בא דער ערד, הייבן אָן פליִען די ערשטע שפּענדלעך — האלב קאָרע, האלב האָלץ. עס הייבט זיך אָן צו באווײַזן א זאפטיק־פרישער העלער קארב. מיט טויזנטע נאָענטע און ווײַטע ווידערקוילעס ענטפערט אפ איטלעכן האק די טײַגע, יאָכצט און ברומט און שרײַט. אזוינס האָט דאָ די טײַגע עפּשער נאָך קיינמאָל ניט געהערט. זי שרײַט נאָך איידער זי ווייסט, וואָס מע טוט איר, גרוילט און שרעקט זיך איניינעם מיט אלע ווילדע באשעפענישן, וואָס לעבן אין אירע טיפענישן. אונטער דער בײַסיקער שארף פון האק ווערט דער זאפטיק־פרישער קארב אין בוים אלץ טיפער. ער פארשײַקערט שימקעס בליק, רופט בא אים ארויס אלץ מער און מער אימפּעט. א זיס שיקרעס גיסט זיך ארײַן שימקען אין קאָפּ, אין אלע אייוורים איטלעכס מאָל, וואָס ער טוט א טראכט:

— דער ערשטער בוים, א?..

ער באמערקט ניט, וואָס ארום אים טוט זיך, זעט ניט, אז אהער איז שוין א פּאָר מאָל צוגעגאנגען זאקס, שוין אוועק צוריק צום בײַדל, זיך שוין אומגעקערט פון דאָרט מיט דער זעג אין האנט. ער דערהערט פּלוצעם, ווי זאקס זאָגט צו אים:

— שוין א גענוגער קארב — מע דארף שוין זעגן...

— א?

אָנגעבויגענערהייט, אופהערנדיק צו האקן, אָטעמענדיק מיט א צעוויגטער ברוסט, דרייט ער זיך אויס מיט א פריילעכן בליק צו זאקסן, באקוקט אים פון קאָפּ ביז די פיס, ער איז

דיר קיין נאר ניט, אָ-דער׳ זאקס: א שטילער, א שטילער און אין אומוואלגערן דאָ דעם ערשטן בוים וויל ער דאָך האָבן א ביילעק. ער שטייט שוין לעבן בוים אפ איין קני, אפן שטאם, אין דער אנדערער זייט פון קארב האָט ער שוין געמאכט א קריצ מיטן נאָגל, שוין צוגעשטעלט צום קריצ די שטאָל-שאר-פע זעג-ציינדלעך און ווארט, שימקע זאָל אָנעמען פארן אנדערן זעג-הענטל.

— אויב אזוי, איז — טפו...

שימקע טוט ווידער א שפיי אין האנט, בייגט זיך אָן, נעמט אָן דאָס הענטל, און די זעג לויפט שוין מיט א שטאָ-לענעם קלאנג היו און צוריק און שיט פייכטע שטראָמעלעך זעגעכצ אין ביידע זייטן. אלע קרעפטן פון קערפער גיסן זיך אריין אין יאָדערדיקן האנט-מוסקול און עס גייט א גאנג. די שטאָלענע זעג-ציינדלעך פארקריכן אלץ טיפער און טיפער אין שפאלט, דער שטאם איז געווען גראָב. עס געדויערט היפש, ביז מע דערפילט אין דער האנט, אז דער זעג איז גראם גע-וואָרן אין שפאלט. עפעס אין דער לופט האָט ווי א ציטער געטאָן — דאָס האָט דער בוים מיט זיין גאנצער הויך-באצווייג-טער מאכינע זיך געגעבן א לייכטן בייג אין יענער זייט, ווו שימקע האָט אויסגעהאקט דעם טיפן קארב. נאָך עטלעכע פיר מיט דער זעג און עס דערהערט זיך א האסטיקער ברעך. ביי-דע שפרינגען אָפ מיט דער זעג אָן א זייט, קוקן ווי דער בוים האָט ציטערט — ווי א קאפל פארטשאדעט, ווי צוגעווינט בלויז צו שטיין און ניט צו ליגן, ווי ניט ווויסנדיק, וואָס אומפאלן הייסט, האָט די גרויסע און גראָבע בוים-מאכינע גע-נומען ניט פאלן, נאָר פאמעלעך-פאמעלעך זיך לייגן, מיט איי-גענער שווערקייט, אָפברעכן זיין לעצטע צוגעבונדנקייט צום וואָרצל, זיך בייגן, בייגן און פלוצלינג, ווי איבערצייגנדיק זיך, אז די שפיל איז א פארפאלענע, פארטשעפענדיק און ברעכנ-דיק מיט זיין שווערקייט צווייגן און יונגעביימער, מיטאמאָל

זיך געגעבן א מאָרדעווע אפ דער ערד. די טײַגע אום און אום — ווי אין איר וואַלטן אויסגעשאָסן אָן א שיר האַרמאַטן. ערשט איצט האָבן דערהערט אַלע ווילדע באַשעפענישן אין די נאָענטע און ווײַטע טײַגע־טיפענישן:

— דער ערשטער בוים־געוואַלגער.

— ס'איז געשען...

די ארומיקע ווידערקוילעס האָבן זיך ביסלעכווײַז אײַנגעשטילט. זאַקס האָט א הוסט געטאָן — איין מאָל און צוויי מאָל, ניט־געכאַפּט א וויש געגעבן זײַן מויל אַהין און צוריק, גאַנץ שטיל א זאָג געטאָן:

— נו... זאָל זײַן מיט מזל.

און ביידע — זאַקס און שימקע — זײַנען געבליבן שטיין א ביסל פאַרמויכעט און פאַרמויכעטערהייט געקוקט אפן אומגעפאַלענעם בוים — דער ערשטער אומגעפאַלענער בוים דאָ אין דער טײַגע, דאָ, ווו זאַקס האָט פריִער א ביסל אָנגעוויזן: „דאָ וועט שטיין איין גאַס, און דאָ אַנטקעגן וועט שטיין די אַנדערע“. אויך איצט האָט זאַקס אויסגעזען, ווי איינער, וואָס אויסבויען דאָ אין דער טײַגע א דאָרף צי א שטאָט איז בא אים איינע פון די גרינגסטע זאַכן — א שפּיל און שוין...

קאפיטל זעקס

בא פיאָטער אקסענטיעוויטשן אין קאמער, ווו עס ווי־נען די קאָמיוגיסטן ארקע, וועלוול און מאָטל, איז אינ־אָוונט ארויס אי א שטיקל באגעגעניש אי א שטיקל פאר־זאמלונג.

ביידע זאכן — אומגעריכט.

ביידע זאכן — צוליבן גאסט פריסקער, דעם יונגן אָדעסער בוי־ארבעטער, וואָס האָט א שטיקל צייט זיך פארנומען מיט „געזערד"־איניאָנים און איצט — אלס בוי־פאכמאן — זיך אומגע־קערט פון א טור איבער אלע ערטער, ווו מע האָט אָנגעהויבן בויען.

ס'איז געווען דער לעצטער טאָג פון מאָטל־ארקע־וועלוולס ארבעטן אין טיכאָנקע — אף מאָרגן האָבן זיי אלע דריי גע־דארפט זיך איבערפעקלען צו די בוי־ארבעטן ארום בירער פרווו־פעלדער.

פארנאכט, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון דער ארבעט וואָס לעבן דער בירע, האָבן זיי אין דער טונקעלער קאמער געטראָפן פריסקערן, ווי ער זיצט איינער אליין באם צונויפגע־קלאפטן טישל; זיינע אויגן — האלב־אָפן, האלב־צוגעמאכט, אָט־אָט ווערט ער אנשלאָפן זיצנדיק.

— א גוט אראָפּקומעכץ אף דיר — האָט גאנץ לעבעדיק אויסגעקנאקט וועלוול.

ער האָט א קוק געטאָן אף פריסקערן מיט אויגן, וואָס שפילן אָפ א פריילעכן וויוואט:

— אבי דו ביסט דאָ.

— אבי מע האָט געמיינט: עס האָט דיך אופגעגעסן דער בירעבידזשאנער טיגער.

פריסקער איז אָבער נאָך אַלץ געזעסן באַם טישל, האַלב דרעמלדיק, קיינע באַזונדערע ווילן צו פרייען זיך ניט ארויס־געוויזן. ווען לוול האָט זיך א וואָרף געגעבן אנטקעגן בא פּיאַ־טער אקסעגנטיעוויטש דאָס לעמפּל. מאָטל איז אוועק אפּן אי־בערוואנדערער־פונקט ברענגען עפּעס עסן. פריסקערס באַקן — באַוואָקסן מיט שווארצע שטעכלקעס, ווי בא איינעם, וועמענס אָפּצוגאָלן זיך ליגט ניט אין קאָפּ, גאָר ניט זיינע פריילעכע באַקן, פרעמדע. זיינע גרינלעך־גלאַנציקע אויגן האָבן זיך א קנייטש געגעבן אנטקעגן דעם ארייַנגעטראָגענעם לעמפּל, ווי פון צופיל זון. איינעם מיט מאָטלען איז פון איבערוואנדערער־פונקט אָנגעלאָפן די קאָמיוגיסטן פעסל, ארײַן מיט א בליק פון א ביי־זער דייע־זאָגערן אין דער מישפּאָכע — אויב מע וועט דארפן, וועט זי די ערשטע נעמען עסן די גאַל. באַלד נאָך איר איז געקומען ליפע — סימכע קאָראָליוקערס. ליפע האָט געוואָלט אָפּ־נעמען א גרוס פון זיין טאטן אין אלעקסאנדראָווקע וואָס לעבן בירער פּרווו־פעלדער. ליפען האָט מען באַלד אָפּגעהאַקט:

— האָב צייט מיט דיין טאטן.

געהייסן האָט עס:

— אפ וואָס צו פרעגן איז פאראן בילכערס.

פאַרסאָפּעט, ווי איינער, וואָס האָט ניט איבער אייגענער שולד פארשפּעטיקט, איז ארייַנגעקומענע הירשל פּעקערס לאַנג און יונג מיידל ביילע, מיט ברייט־צעעפנטע שווארצע גלאַנציק־פייַכטע אויגן א קוק געטאָן צועשט אפ פריסקערן, דערנאָך אפ אלע אין קאמער. פריסקער האָט אויסגעזען פארטראכט, עפּעס גאָר ניט ווי זיין טעווע, קימאט ווי איינער, וואָס האָט עפּעס פארלוירן, געענטפערט אפ פראגן ניט באַלד, מיט א האַלב מויל:

— וואָס זאָל זיך הערן?
— צי עס טוט זיך?
— אוואדע טוט זיך.
— סע געוועגדט זיך נאָר וואָס, אַז וועלכע אויפן.
ארקע האָט געוואָלט וויסן אלץ מיטאמאָל:
— ערד האָט מען אופגעהויבן?
— אף וועלכע ערטער?
— וויפל?
מאָטלען זיינען דעריקער אָנגעגאנגען די קליינע קאָלעק־טיוולעך פון ארום בירער פרווו־פעלדער, וואָס מע האָט אים פאָרגעלייגט פארייניקן:
— ווו ליגן זיי?
— שטארק צעוואָרפן?
וועלוול האָט אונטערגעמונטערט:
— זאָג! צי ניט די אָדערן.
פריסקער האָט אים קאָטלעך אָפגעשטעלט:
— ווארט. מע וועט דיר געבן באזונדער.
פעסל האָט איבערגעשלאָגן:
— וואָס טויג מיר מייסעס — הייזער בויט מען?
דאָ האָט פריסקער אָקאָרשט אָפגעטרייסלט פון זיך דעם דרעמל — הייזער־בויונג איז געווען זיין פאך; צוליב דעם האָט ער געמאכט דעם טור, צוליב דעם האָט ער זיך איצט אומ־געקערט אין טיכאָנקער אָפעראטיווער קאָנטאָר. ער האָט אָנגע־הויבן אָפצוגעבן א שטיקל באריכט פון אלע ערטער, ווו ער איז אויסגעווען:
— ערשטנס, עפעס גאָר ווי א כאָלעם — די בערג מיט די טייכן, מיט די סאזשלקעס, מיט די וועלדער, מיט די קאלטע קוועלעכלעך אומעטום, מיט די הויך־גראָזיקע לאָנקעס, באגאָסן מיט זון, פול און פול מיט ווימלעריי, ווימלעריי פון אלערליי סוויטשערלעך און קריכלקעס און פליערקעס — א גאנצע מעלו־

כע. און דאָס וואקסן — וואָס מע וויל אין דער וועלט: עפּל, בארלעך, פלוימלעך, רייַז, הענגלעך, ווייַנטרויבן און אפילע פּע־פּער. נאָר דאָס איז שוין ארום דער פּאָמפּייעווקע, לעבן דעם אמור. אין די ערטער, וואָס מע האָט אויסגעקליבן אין סאמע אָנהייב בויען — מיילע, ניט גאָר קיין וואזשנע. די ערד איז דאָרט גוט, נאָר מיט הייַזער איז שווער און אליין מאכט מען זיך נאָך שווערער. פארוואָס? — פּאָשעט: דער איבערוואנדערער קומט אראָפּ, „געזוערד גיט אים די קרעדיטן", נעמט ער און נוצט אויס דאָס געלט מערסטנטייל ניט אף בויען א שטוב, נאָר ער פארטוט עס, ווי אים ווילט זיך. אף וואָס? — איינער אף א וואָגן מיט א פערד, איינער אף שיקן אהיים זייַן פאמיליע, פארוואָס ניט? — יעדערער לויט זייַן אייגענער „דומקע". איי־נער טראכט זיך: „וואָס טויג מיר פארטאָן די קרעדיטן אין א שטוב? עפשער וועל איך גאָר דאָ ניט בלייַבן"... וואָרעם א געוויסער סאָרט איבערוואנדערער, וויבאלד ער נעמט אָפּ די קרעדיטן, קוקט ער שוין אף זיי, ווי אף אייגנס. איינער א שוסטער האָט פאר די קרעדיטן זיך אייַנגעקויפט אין כאבא־ראָווסק לעדער. אַן אנדערער האָט דאפּקע גענומען בויען, נאָר בעפיירעש א גרויסע שטוב. די קרעדיטן האָבן ניט געקלעקט, גייט ער איצט נאָך — איינינעם מיטן שוסטער און מיט אַנ־דערע — מע זאָל געבן נייַע קרעדיטן. מע זאָגט אים: „פארוואָס האָסטו זיך געשטעלט בויען אזא גרויסע שטוב?" ענטפערט ער מיט ברען: „וואָס איז? — זאָגט ער, — איך בין א גרויס געזינד, איך זאָל לעבן אין צוויי צימערלעך מיט א קיך? — איך בין געקומען אהער לעבן ברייט".

פּעסל האָט זיך פארקרימט:

— אנדערש שטייט אים ניט אָן?

און זי האָט זיך אופגעהויבן, ווי אף א שפּיי צו טאָן און באלד אוועקגיין, ניט נאָר פונדאנען, נאָר פון גאנץ בירעביד־זשאן; זי האָט אופגעבליצט — א נידעריק פעסטע מיט שטייַפּ־

קײַט אין די האַנערדיקע אקסלען, מיט פארויטלטע באקן און מיט א פײַנער „פּאַרציע שײגעץ“ אין שארף ארויסגעשטעקטן נעזל. אירע אויגן האָבן א בליץ געטאָן מיט אַן א שיר פונקען:

— איך זאָג דיר דעם עמעס...

— דערופּ איז מען אהער געקומען?

— מע זאָל דאָ דערלעבן זען מיט מאזל א באלעגופּ?

ארקע האָט אופגערעגט א שפּאן געטאָן הין און צוריק איבער דער קלײנער קאמער. די פּיס זײַנען געווען בא אים א ביסל צו פּיף צענומען פון זיצן גאנצע טעג אפן טראקטער.

— די הײַזער־בויונג — האָט ער געמאכט דעם אויס־פיר, — מוז פארגעזעלשאפטלעכט ווערן — שוין פון ערשטן טאָג אָן.

— אָט־אָט־אָט — האָט פונעם אָרט זיך אופגעהויבן פּריס־קער, צוגעגאנגען צום עמער וואסער וואָס אין ווינקל, א טרונק געטאָן פון דער קוואָרט און־אָפּגעווישט מיט דער האנט דאָס מויל. טאקע דאָ הייבט זיך אָן די געשיכטע. ער האָט זיך אוועקגעזעצט צוריק באם טישל:

— אנו, בּרוּוו, זײַ א קלוגער און זאָג דאָס אין קאָנטאָר. ווײַזט זיך ארויס:

טאקע מיט דעם־אָ געדאנק איז פּריסקער געקומען צוריק פון טור — געווען אין קאָנטאָר אפ דער באראטונג, אָפּגעגעבן א ראפּאָרט: מיט זײַטיקע ארבעטער וועט מען באם בויען ניט אויסקומען. דאָס הייסט טעמפּן? — די הײַזער־בויונג מוז ארײַנ־גענומען ווערן אין אייגענע הענט. ער, פּריסקער, איז געקומען אין קאָנטאָר מיט א פּלאן:

— בוי־קורסן: איבערקוואליפיצירן צווישן די איבערוואנ־דערער פּריִערדיקע סטאָליארעס, סטעלמאכערס, קוסטארן פון טויטע מעלאָכעס, יוגנט. אָט וועט אינגיכן קומען דער ווינטער, מע דארף אים אויסנוצן.

דערוף האָט מען אים אין קאָנטאָר געענטפערט: ריישיס, זײַנען די טראַקטער־קורסן בילכער, צווייטנס, האָט ער מיט די בוי־קורסן ניט געעפנט קיין נײַע אמעריקע — דאָס מוזן פריִער באַשליסן דער געזערד מיטן קאָמערד. אפ בוי־קורסן איז נאָך דערווײַל קיין סמעטע נישטאָ.

דערנאָך איז געקומען צו רייד וועגן אלעמענס ווײַטער־דיקער ארבעט דאָ. פריסקער האָט געזאָגט:

— כ׳וועל זיך זעצן זאָרגן? איך פאָר אוועק צו בירער פרווו־פעלדער און ו׳ער צוריק א פאָשעטער בוי־ארבעטער.

— אָ! — האָט אונטערגעכאַפּט וועלוול צופרידן, וואָס ער דערהערט סאָפּקאָלסאָפּ א פריילעך וואָרט, — פאָר מאָרגן מיט אונדז — מיט דער גאנצער קאָמפּאניע.

די גאנצע צײַט פון שמועס איז ביילע — הירשל פעקערס — געזעסן אקעגן אפ דער שוועל פון קאמער און מיט שווארצע ברייט־צעעפנטע אויגן — יונגע, גלאנציק־פּײַכטע — ניט אופגעהערט צו קוקן אפ פריסקערן, אים באטראכט פארוווּנדערט, קימאט קינדעריש-דערשראָקן — אלץ דערפאר, וואָס געפעלן איז ער איר נאָך אין איבערוואנדערער־צוג, אינעם באזונדערן וואגאָן, וואָס יונגווארג האָט געהאט פאר זיך אָפּגענומען. דעמלט איז ער גע־וועזן בלויז איינער פון די יונגע כאווירים אין וואגאָן, א באַ־פולמעכטיקטער פון „געזערד“, וואָס באגלייט די איבערוואנדע־רער. נאָך אפן וועג, ערגעץ בא טיומען, איז ער פארשווונדן, זיך באוויזן ערשט, ווען מע איז אָנגעקומען קיין טיכאָנקע, און ווידער פארשווונדן. מעגלעך, ער האָט שוין פארגעסן, וויִאזוי מע פלעגט אפן וועג ארומגיין לעבן שטיין-געבליבענעם צוג — טאקע זי און ער. איז וויִאזוי קאָן עס זײַן? — מע האָט זיך שוין געהאט געפירט צווישן זיך גאָר-גאָר היימיש — טאקע זי און ער — און איצטער נא... ווידער ווי פרעמדע. זי איז געווען יונג — א נײַנצניאָריקע — און האָט ניט געוווּסט, צי בא אלע מענטשן איז אזוי צי ניין... זי האָט די גאנצע צײַט גע־

קוקט אפ פריסקערנ האלב-דערשראָקנ, ווי זי וואָלט זיכ ווונ־דערנ:

— דאָס איז ער?

פריסקער האָט גענומענ אָפּטרייסלענ פונ זיכ אלערליי זאָרגנ.

— סע גייט צו ווינטער, — האָט ער געזאָגט, — ווייסטו וואָס? — מע דארפ גאָר נעמענ אונ כאסענע האָבנ.

דענסטמאָל האָט זיכביילע נאָכ מער דערשראָקנ, זיכ ארומ־געקוקט אפ אלע אינ קאמער, דערזענ, ווי וועלוול שפּאלט די בייכער בא א פּאָר הערינג אינ א בלעכנ שיסעלע.

— לאָז מיכ — האָט זי צו אימ א שפּאנ געטאָנ — דו קאָנסט ניט, דו צעכליופּעסט דאָס וואסער.

אינ קאמער האָט מענ גערעדט וועגנ מאָרגנדיקנ פּאָרנ צו בירער פּרווו־פּעלדער. מע האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבנ ווערנ לעבעדיקער. מאָטל שקלאָווער האָט אויסגעפונענ, אז פּעסל ווערט צו בייז, עפּעס גלאט אזוי אָנ א „פּארוואָס”, וואָרעמ סאָציאַ־ליזמ דערלאנגט מענ דיר ניט אפנ טעלער — מע דארפ אימ אויסקעמפנ — מע איז דאָ ערשט דעמ צווייטנ כוידעש. וועלוול איז צוגעשטאנענ צו פּעסלענ מיט א דינ ווײַבערש קעלכל.

— ביסט שוינ ראזאָטשעראָוועט?

פּעסל האָט אימ פונ זיכ בייז אָפּגעשטויסנ:

— אוועק מיט דײַנ זיס פּאָנעמ!

וועלוול האָט נאָכגעמאכט ווי א קאָרייער טײַנעט זיכ אויס אפ רוסיש אונ ווי עס פלעגט ריידנ מיט א כריפּ אונ מיט א פּאָנפּע איצי דער סטאָליער — „איצי מיט די סאכ מוידנ”, בא וועמענ ער האָט בא זיכ אינ שטעטל פונ קינדווײַז אָנ געארבעט. וועלוול — א כוואט אפ אזוינע זאכנ, אימ האָט דאָ אינ בירעבידזשאנ געפּעלט בלויז איינ זאכ:

— א דראמקרײַז. וואָרעמ אָט איז מענ איצט אָפּגעזעסנ א גאנצנ אפדערנאכט אונ גערעדט וועגנ דעמ שוסטער, וואָס האָט

אויסגענוצט די קרעדיטן אפֿ לעדער, און וועגן יענעם, וואָס בויט זיך א גרויסע שטוב, זיך אָנגערעדט ווי א פויק — און שוין... און דאָס אַלץ קאָן מען ווײַזן אין דראַמקרײַז, אַלע זאָלן עס זען.

נאָר אָט פּאָרט מען מאָרגן אריבער ארבעטן, ארום בירע־פעלד. דאָרט זײַנען פאראן א סאך כעוורע און דאָרט מאכט עס וועלוול איינס און צוויי:

— א דראַמקרײַז און פּאַרטיק.

בא וועלוולען האָט מען געפרעגט:

— עפשער א פּאָליט־שול?

מיט דעם האָט מען אים געגעבן אן אָנצוהערעניש, אז עס וואָלט אים ניט געשאט א ביסל מער פּאָליט־איוורע. וועלוול איז בא זיך ניט אראָפּגעפאלן — ער האָט מיט מאָטלען צוגעשלאָגן:

— נו גוט — א פּאָליט־שול אויך.

מע איז זיך פאנאנדערגעגאנגען, קעדיי אופּצושטײן מאָרגן וואָס פריִער צו דער בירעפעלדער נעסיִע. פּריסקער האָט גע־זאָגט:

— נעמען אין האנט אן אינסטרומענט, זיך אנידערשטעלן בא א געבײַדע — דאָ, ווייס איך, לעב איך אפֿ דער וועלט.

ס'איז שוין געווען באַם ארײַנגאנג אין הויף פונעם אי־בערוואנדערער־פונקט. די לעצטע זײַנען דאָרט געבליבן פּריסקער און די יונגע און לאנגע ביילע — זיי זײַנען געשטאנען לעבן א נאָענטן פּלויט. ביילע איז געווען ביז גאָר דאנקבאר פּריס־קערן דערפאר, וואָס וועגן זײַן בענקשאפט אוועקצושטעלן זיך בא א געבײַדע מיט אן אינסטרומענט אין די הענט האָט ער איצט דערציילט דאפקע איר און ניט קיין אנדערער. זי האָט דערויף געענטפערט:

— יאָ, איך אויך... אין דער היים האָב איך געלערנט אפֿ עלעקטראָטעכניק... אין א פּאבזאוווטש...

און דערבײַ האָט שיר ניט פארכאפּט דער אָטעם — איר

האָט זיך געדאַכט, אַז מיט די אָ ווערטער האָט זי אים אַרויס־געזאָגט אַלץ, אַלץ, וואָס זי פילט צו אים. בײַ איר אונטער דער ברוסט האָבן דערפון אָנגעהויבן צו קלאַפן אַ שטיק צען הערצער מיטאַמאָל. זי האָט געוואָלט, ער זאָל נאָך מער וויסן וואָס זי פילט צו אים און האָט צוגעגעבן:

— איך קלער, איך וועל גיין אויף די טראַקטאָר־קורסן...

ס'איז געווען אַ שטילער בירעבידזשאַנער אָפּדערנאַכט און זי האָט געקוקט אויף פריסקערן מיט גלאַנציק־פּײַכטע ברייט־צעעפֿנטע אויגן, מיט אָן אַ שיעור דאַנקבאַרקייט, וואָס ער איז פּונקט אַזאַ, ווי ער איז, אַפֿילו אַ טראָפּעלע ניט אַנדערש. זי איז אַלט געווען נײַנצן יאָר און וואָלט זיך געוווּנדערט פֿאַנאַנדערגעווײנט ווען ניט דאָס, וואָס פּרויקע האָט זי דערנסטמאָל אָנגענומען בײַ איר יונגער און לאַנגער האַנט — אַ קרעפּטיקע האַנט.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — ביסט אַ געזונט מיידל... פֿאַר וואָס ניט? טראַקטאָריסטן וועט בירעבידזשאַן דאַרפֿן און דאַרפֿן.

און ס'איז געווען גענוג — זיי האָבן זיך דערפֿילט אַזוי נאָענט אַז נאָענטער קאָן שוין ניט זײַן.

זיי — מעגלעך דאָס ערשטע איבערוואַנדערער־פּאָרל דאָ אין בירעבידזשאַן — האָבן ניט אַנטלויפן קיין ווערטער בײַ דער אַלטער וועלט.

קאַפּיטל זיבן

1

זומער נאָך די רעגנס, אַז מע געפינט זיך הויך אין די בערג, זעט מען איבער אַן אומגעהייערן מעהאַלעך דעם שטאָלענעם גלאַנץ פון גאַנצע סיסטעמען פון בירעבידזשאַנער טײַכן — ווי ער צעאַקערט און צעטיילט די גרינע ווײַטקייטן. פון די הויכן, ערגעץ אַרום אָסיקענער גאָלד־זאַמדן, זעט מען אַרויס דעם אַמור מיט דער מאַנדזשורער פאַרשלאָפנקייט וואָס אַנטקעגן — אַ סימען אַף אויס רעגנס. ברייטע, פרוכטבאַרע טאָלן שפּרייטן צופוסנס פון די בערג זייערע הויכע גרעזער — געמיש פון בלומען־בלימלעך, יאַנטעוודיקע פילפאַרביקייט באַגאָסן מיט זון, ניט־באַטראָטענע גאַניידנס. עס גייט פון דאָרט אויך אַ געזאַנג פון גרילצן, אַ פּליערײַ פון זעלטן־גרויע שמעטערלינגען, אַ זשומענדיקער שעפע־שלאַכט, אַ גערוך פון שאַרפע קרײַטעכצער. נאַטור־פאָרשער קאָנען דאָרט געפינען אַזוינס, וואָס זיי האָבן נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געזען. זוניקע שטילקײַט איז דאָרט עכט ברײַשעסדיק. אַזוינע זײַנען דאָרט די טאָלן — די מאַמעערד האָט זיי אויסבאַהאַלטן, ווי לעצט־געבליבענע קינדער, און זי טוליעט זיי צו איר בוזעם און זי שרעקט זיך איינעם מיט זיי פאַר יעדן ווײַטן געהילך.

* * *

סאָפּ זומער, נאָך די רעגנס, איז פון אַ נעסיע אַרום די טאָלן וואָס לעבן בײַ־אַמורער פאַס קיין טיכאָנקע געקומען דער

הויפּט־אגראָנאָם שטיין. ניט קיין וווקסיקער, אין שמאָלע שטיוול, אין א העמדל מיט א ברייט פּאסיקל האָט ער אויסגעזען, ווי א יונגער סאָוועטישער סטודענט, וואָס ארבעטער טיילן פון זיך אויס אפ אָנפירערשאפט, און ער אליין בענקט עפשער גאָר צו־ריק צו זיינע ארבעטער־סוויווע. די נייע איבערוואנדערער, אז מע האָט זיי אפ אים אָנגעוויזן, האָבן זיי צוערשט ניט גע־גלייבט:

— דאָס איז ער? — דער בירעבידזשאנער הויפּט־אגראָנאָם, וואָס האָט שוין פריער געארבעט אפ די קרימער און אוקראַי־נער יידישע ערד־פאָנדן?

— עפּעס ביידע זאכן: אי צו יונג אי צו פּראָסט בא זיך. כוץ דעם — ער איז עפּעס צו א שטילער.

— ווער ווייס, צי ס'איז גוט? „שטיל וואסער, זאָגט מען, גראָבט טיף".

אין אונטערשייד פון אנדערע, וואָס קומען פון א לענגע־רער נעסיע אין לאנד, איז שטיין געווען ריין־ארומגעגאָלט, די שמאָלע שטיוול — בלויז בא די אָפּצאסן קוים־קוים פארבלאָטיקט, אקוראט ווי באם אמורער פּאס, פונוואנען ער קומט, האָט ער די גאנצע צייט געקליבן טרוקענע סטעזשקעס. זיינע פּאָנעם, די אויגן — קיין טראָפּן ניט מיד. ער האָט אין טיכאָנקע איבערגע־נעכטיקט, זיך געפונען אין איין צימער מיטן הויפּט־אינזשעניער און מיט כאווער מיכלען, וואָס איז צוריק מיט א פּאָר טעג געקומען פון כאבאראָווסק. פון זיי האָט ער זיך דערוווסט: צוויי איבערוואנדערער — איינער פונעם קאָלעקטיוו „נייַ־קאזאַן", דער אנדערער — א ניט־לאנג געקומענער — האָבן ניט זייער ווייט פון טיכאָנקע אויסגעזוכט אין דער טייגע א טרוקענעם פּלאץ און זיי האָבן שוין ארום זיך א גרופּע און ווילן זיך דאָרט באַ־זעצן, גלייך צוטרעטן צו קאָרטשעווען און בויען הייזער — זיי גייען נאָך, מע זאָל זיי ארויסגעבן די „קרעדיטן" — זיי רייסן די הויט. אפן טיש באם לאָמפּ האָט מען פאנאנדערגעלייגט א

שטיקל מאפע — געצייכנט שוין דאָ דורך עמעצן פון קאָנטאָר. אף דער מאפע, אנטקעגן, א צען קילאָמעטער אָן א זײַט פון טיכאָנקע, איז מיט רויטן טינט אָנגעוואָרפן א צײַלעמל — דאָס געפונענע אָרט. דער אגראָנאָם שטיין האָט דערוף א קוק געטאָן, גאָרנישט ניט געזאָגט. ס'איז אויסגעקומען: קיין באזונדערן אײַנדרוק וואָלט עס אף אים ניט געמאכט — אף זײַן נעסיע, ניט ווײַט פונעם אמור, האָט ער זיך אָנגעזען מיט א היפש ביסל פּלעצער. פיל מער ניספּאָעל, האָט זיך געדאכט, איז ער פונעם צימער אינעם נײַעם ניט גאָר פארענדיקטן הויז. ער האָט באטראכט דעם באלקן, די ווענט. שטילערהייט האָט ער זיך פונעם צימער ארויסגעשארט, זיך אומגעקערט צוריק מיט זײַן מיטגעבראכטן קישן און צודעק, אפּאָנעם, באשלאָסן צו מאכן באלד נאכט.

— איי גוט! — האָט דערוף געזאָגט מיכל און גלײַך באקומען אן אויסזען פון א מענטשן, וואָס האָט ליב צוצושטיין צו אלע גוטע זאכן, גלײַך גענומען זיך אויסטאָן — ס'איז אן אידיי!

דערנאָך — עס האָט נאָך רעכט ניט אָנגעהויבן שאריען אף טאָג — איז שטיין שטיל אופגעשטאנען, גענומען אין נאָענטן שטאל א פערד און אוועקגעריטן אין יענער ריכטונג, וואָס איז בא טאָדין אף דער מאפע באצייכנט מיט א ציילעמל. דער וועג אהין מיט דער טײַגע איז אים אָנגעקומען גרינג — די „אויסגעפינער פונעם פלאץ״, ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, האָבן אזוי שטארק מוירע געהאט פאר בלאָנדזשען, אז פאר גרויס שרעק האָבן זיי פארבײַגייענדיק צעהאקט, צעקארבט און צעקארדאשעט, אָפּגעבראָכן ערטערווײַז צווײַגן, געמאכט א כורבן. ערטערווײַז האָט ער זיך געלאָזט אהין פאָרן אין גאלאָפּ. נאָך גרינגער איז געווען צו געפינען דעם פלאץ גופע — לעבן אן אלט־פארלאָזט יענער־בײַדל זײַנען געלעגן פריש־אומגעוואלגערטע ביימער. בא א פּאָר פון זיי — באלעבאטיש ארומגעהאקט די

צווײַגן. אײן בוים — שוין צעזעגט אף קלעצער. אין א פּאָר ערטער — סימאָנים, אז מע האָט זיך געוואָלט נעמען קאָרטשעווען. ארום בײַדל — רײן צוגעקערט מיט א צווײַגן־בעזעמל. אומעטום — שפּורן פון ליבע, באַלעבאַטישע איבערגעגעבנקײַט צו דער געטאָנענער זאך. שטײן האָט געמאכט א היפּש גרויסן קרײַז ארום דעם פּלאַץ, אויסגעקוקט אַלע ערטער, וואָס קאָנען טויגן פאר פארזיי, גערטנערײַ, פּי־שטאַלן. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק צום יעגער־בײַדל, געפונען בא זיך פּאַפּיר, זיך אוועקגעזעצט לעבן אן אָפּגעהאקטן בוים, גענומען אָנוואַרפן דעם פּלאַן פונעם נײַעם יִשעוו, געצייכנט ניט געכאַפּט, מיט רויִקער זיכערקײַט. פאַרײנוועגס האָט ער שוין אויסגעטאָן א שטיוול און ארײַנגערוקט אין אים זײער טיף די האַנט — ער האָט שוין לאנג געוואָלט וויסן:

— וואָס קוועטשט דאָרט די גאַנצע צײַט?

דאָ, אין וואַלד, ווו אף אים איז ארופּ די רויִקײַט פון א נײַעם יִשעוו, איז געווען ווי אָנגעמאָסטן אף צו געווירן דעם סאָד פון אָ־דער קוועטשעניש.

2

דערווײַל האָט זיך אופגעכאַפּט דער ברײט־צעוואָרפענער טאַל, ווו עס וואַקסט פון טאָג אף טאָג דאָס געוועזענע דערפל טיכאָנקע.

נאָך גאָר גאַנץ פרי, איבער געסלעך מיט פרישע זונען־פלעקן צווישן לאַנגע נאַכט־שאָטנס, האָט דער קאָמיוגיסט אַרקע באַסקער געלאָזט הירזשען זײַן טראַקטער, געשלעפּט נאָך זיך א שפּאָגל־נײַעם אווטאָמאָביל. פון סאַמע זון־אופגאַנג האָבן דאָ און דאָרט זיך געהערט קלעפּ פון פּליעסקענדיקע העק, פון דובלענדיקע דאָלעטעס. פון צײַט צו צײַט האָט ערגעץ געפּרוווּט זיך אויסהוסטן א מאָטאָר. מיט דער באַן־ליניע, אָן א

זײַט פֿון דער בירע, איז פֿון מאָל צו מאָל דורכגעלאָפֿן אַ לאַנגער מאַסע־צוג. פֿון אַן אײַזערנעם בריקל וואָס ערגעץ אַף דער בירעס אַן אַרבל האָט אַן אױסגעלאָפֿענער לאָקאָמאָטיװ געגעבן צו װיסן, אַז ער שלינגט געשװינד די קילאָמעטערס. זײַן איבערגעלאָזענער רױך איז דאָרט געבליבן הענגען אין דער לופֿט, ניט געװוּסט, װוּהין זיך אַ קער טאָן, זיך אַ װאַקל געטאָן צו די בערג צו, באַגעגנט אומעטום זוניקע לױכטיקײַטן — אָן אַ שיר בלױע דורכזיכטיקײַטן, און געװאָרן זײערער אַ טײל, זיך אין זײ אַרײַנגעגאָסן, װי אַ טראָפֿן אין פֿיל יאַמען.

ארקעס האָט שױן געהאַט צוגעשלעפּט דעם שפּאָגל־נײַעם אױטאָמאָביל צו דער בירע, מיט װינקענדיקע הענט אַרױ־בערגערופֿן צו זיך פֿון אַנטקעגנדיקן ברעג דעם פּאַראָם מיט זײַן פֿירער, געגרײט דעם „צוג“, װאָס ער װעט הײַנט אַװעק־שלעפּן איבער גריבלדיק־בלאָטיקע אומװעגן צו בירער פּרװו־פֿעלדער. ארקעס אױגן — נאָך גאַנצפֿרײַענדיק־פֿאַרשלאָפֿן, בױלעטע װי בײַ אַ שטרױס. זײַן קאָפּ פֿול און פֿול מיט דרעמלדיקע קוטשערן און זײַן קאָל — שױן אײַנגאַנצן װאַך. ער האָט גענומען אױסדרײען דעם טראַקטער אַף אָפּצופּאָרן:

— איך קום צוריק — האָט ער אַ געשרײ געגעבן צום פּאַ־ראָם־פֿירער, — איך װעל ברענגען נאָך.

— װאַרט, — האָט דער פּאַראָם־פֿירער זיך אַ קראַץ געגעבן אונטער דער פּאַכװע, — זע עפּעס שײנס... אָן דאָרט...

װײַטלעך פֿון ברעג, אַף אַ װאָרצל פֿון אַן אָפּגעהאַקטן בױם, איז אײן אַלײן געזעסן אַ פֿרױ, אײַנגעטונקען אין זון, געהױקערט, װי אין טרױער, איר יונגע פֿיגור. דער פּאַראָם־פֿירער האָט צו ארקען אַף איר אַ װוּנק געטאָן:

— זיצט אַזױ שױן לאַנג, נאָך פֿון אײדער ס׳איז רעכט טאָג געװאָרן. לאָזט ניט זיך אַ קוק טאָן אין פּאָנעם אַרײַן.

ארקעס אױגן זײַנען מיטאַמאָל געװאָרן װאַך, דערקאָנט פּאַלאַשען — דאָס ניט־ייִדישע הײמלאָזע מײדל, װאָס יונגװאַרג,

פאַרנדיק נאָך אין איבערוואנדערער-צוג, האָט אַנגעטראָפן אינ־מיטן וועג, אין טיפ־סיביר, און געבראכט מיט זיך אהער קיין בירעבידזשאַן. דאָס מיידל האָט די גאנצע צייַט געארבעט אי־ניינעם מיט פעסלען און מיט ביילען ארום דער איבערוואנדע־רער־קיך. ליפע סימכע קאָראָליוקערס, ווייַזט זיך ארויס, האָט ניט אומזיסט זיך אונטערגענומען צו ליקווידירן מיט פאַלאשען איר אמעראצעס — ליפע האָט זיך „פארקנאקט" אין פאַלאשען ביז איבער די אויערן, נאָר פאַלאשען געפעלט ער ניט, און ס'איז שוין ניט איין מאָל ארויס צווישן זיי קריגערייַ-מייַסעס און יונגווארג האָט זיך געמוזט אריינמישן. ארויסגעשטעלט האָט זיך:

פאַלאשע איז ניט פון די מענטשן, וואָס וועט לאָזן צושטיין צו זיך אזוינע, וואָס געפעלן איר ניט. איר איז דאָ היימלעך — אזוי האָט זי שוין ניט איין מאָל געמאָלדן פעסלען און ביי־לען — נאָר אויב ליפע וועט זי ניט לאָזן צורו, וועט זי אוועק פונדאנען אין דער וועלט ארייַן. איצט האָט עס, אפּאָנעם, געהאלטן בא מעקויעם ווערן — פאַלאשע איז דאָ, ארויס דאָרפ, געזעסן באַם ברעג מיט אַן אויסזען פון א מענטשן, וואָס איז גרייט זיך אוועקצולאָזן, וווהין די אויגן וועלן אים טראָגן... ארקע איז אראָפּגעשפרונגען פונעם טראקטער:

— נא, ט'האָסטו דיר...

און ער האָט זיך גענומען דערנענטערן צו פאַלאשען מיט א בעפיירעשער אומצופרידנקייַט, אזא, וואָס מיינט צו זאָגן:

— טאָמער איז דיר קארג ארבעט, איז נא דיר א צוגאָב — א „ראָמאן"...

— נו, — האָט ער געפרעגט בא פאַלאשען, — וואָס איז שוין ווידער ?

פאַלאשעס יונגע אויגן האָבן פון אונטער שמאָלע ברעמען א קוק געטאָן צו ארקען ניט אזוי שעמעוודיק, ווי שטארק פארטרויערט: ליפע, וואָס ארבעט אין קאָנטאָר, אין דער בוכ־האלטעריע, האָט די לעצטע טעג ווידער אָנגעהויבן צוצושטיין

צו איר אזוי, אז זי קאָן שוין ניט אויסהאַלטן — ער וויל, זי זאָל זיך מיט אים פארשרײַבן, כאָטש זי האָבן, און זי... זי וועט זיך בעסער דערטרינקען — זי וועט פונדאַנען אַוועק. זי האָט געהערט: הײַנט גייען פורן צו בירער פּרווו-פעלדער, וועט זי נאָכגיין אהין נאָך די פורן... דאָ וועט זי מער ניט בלײַבן, מע זאָל זי אָפּגילטן... אין ארקען האָט מאמעש געברענט דער פּארדרוס אף ליפּען — וויפל מאָל מע האָט שוין דעם יאַט געזאָגט: „טשעפּע זיך אָפּ — דאָס מיידל וויל דיך ניט קענען". און יענער שטייט ניט אָפּ.

— קום — האָט ארקע גערופן פּאַלאַשען צוריק אין דאָרף, — קום מיט מיר.

ער האָט פּאַשעט ניט געקאָנט דערלאָזן צו אָט דעם אומרעכט.

— נאר איינע, — האָט ער גענומען דעם מיידל אײַנריידן, — קום, וועסט שוין זען: ניט דו וועסט אַוועק פונדאַנען, נאָר ער, אויב ער וועט ווײַטער מאכן אַזעלכע שטיק — ער קאָן בא אונדז ארויספליִען אי פון קאָנטאָר אי פון בירעבידזשאַנער אי פון דער גאַנצער בוכהאַלטעריע... קום, זאָג איך.

ער האָט פּאַלאַשען קוים מיט צרות אופגעזעצט מיט זיך אפן טראַקטער. ווען ער האָט אָנגעהויבן ארײַנצופאָרן אין דאָרף, איז פון דער זײַט רײַטנדיק אָנגעקומען דער אגראָנאָם שטיין. ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. שטיין האָט בא ארקען זיך דערפרעגט וועגן דער הײַנטיקער נעסיע קיין בירעפעלד. ער האָט אויך געדאַרפט אהין פאָרן. ער האָט ניט פארשטאַנען:

— וואָס איז עס פאַר א מיידל בא דיר אפן טראַקטער?

— ניין, גאָרנישט, — האָט געענטפערט ארקע, — פאַראַן אָט דער ליפּע וואָס אין קאָנטאָר אין דער בוכהאַלטעריע — זיך אונטערגענומען ליקווידירן מיטן מיידל איר אמעראַצעס... נו, וויל ער, אפּאָנעם, פאַר איין וועג שוין ליקווידירן נאָך עפּעס. און בא אונדז גייט דאָ אין דעם, וואָס דאָס מיידל איז גראָד

ניט קיינ ייִדישע — איכ מיינ עס אפ אנ עמעס: סע קאָנ זיכ אָנהייבנ מיִעסע ריידענישנ אונ דאָס שמעקט שוינ מיט נאצ־פּאָליטיק. איכ וועל עס אימ איצטער זאָגנ, דעמ „יאט", אויב ער ניט וועט אופהערנ, וועלנ מיר מאכנ אפ אימ אנ עפנט־לעכנ געזעלשאפטלעכנ געריכט, מירנ זיכ דאָ צערעמאָניענ?..

אונ ער האָט בייז געלאָזט הירזשענ דעמ טראקטער. כא־ווער שטיינ האָט געריטנ בא דער זייַט. צוזאמענ זייַנענ זיי אריַינגעפאָרנ אינ הויפ פונעמ איבערוואנדערער־פּונקט: איינער מיט א פּלאנ וועגנ א שפּאָגל־נייַעמ ייִשעוו אינ דער טייַגע, ניט ווייַט פונ טיכאָנקע, דער אנדערער — מיט א פּלאנ, וואָס האָט א שייַכעס צו אויסגעהאלטענער פּארטייִשער נאצפּאָ־ליטיק.

ס'איז געווענ א ווארעמער אונ לויטערער סאָפ אווגוסט־טאָג. בירעבידזשאנער הימלענ — אויסגעמאָלקנ, אויסגעליידיקט פונ נאָכ לאנגע רעגנס — האָבנ צעלייגט זייערע העלע בלוי־קייַטנ טריקענענ אפ הייסער, ליכטיקער זונ.

3

אינ הויפ פונ טיכאָנקער איבערוואנדערער־פּונקט האָבנ די קאָמיזיסטנ מאָטל אונ וועלוול שוינ געהאט אריַינגעשלעפּט דעמ צווייטנ ליידיקנ וואָגנ, אימ גענומענ אָנלאָדנ לעבנ פּראָ־וויאנט־שפּייַכלער מיט פולע זעק, וואָס דארפנ הייַנט אָפּגע־פירט ווערנ צו בירער פּרוּוו־פעלדער. די ארבעט האָט אויס־געזענ צו זייַנ אייַליק. די זונ האָט א שייַנ געגעבנ מיט פריי־שער קראפט, פארגאָסנ די לופט מיט ניי־ליכטיקייַטנ, אָפּגעבריט די ערד. וועלוול אונ מאָטל האָבנ געארבעט אָנ רעקלעכ, אָנ העמדלעכ, בלויז אינ די הויזנ. זייערע נאקעטע בראָנז־ברוינע לייַבער האָבנ געגלאנצט אפ דער זונ. צו זיי איז צוגעקומענ דער יונגער אָדעסער בוי־ארבעטער פריסקער, אויכ אראָפּגעוואָרפנ

פון זיך רעקל און העמד, גענומען העלפן, קעריי וואָס גיכער קיין בירעפעלד ארויסצופּאָרן.

אין אנדערן עק הויף, באַם אריַנגאנג אין קאָנטאָר, האָבן אין איַלעניש די גאנצע צײַט ניט אופגעהערט זיך דורכצו־ווארפן היימישע און נײַע פּענעמער. א ביסל אָן א זײַט זיי־נען דאָרט ארום עמעצן געשטאנען דער געוועזענער פּליטן־טרײַבער פרויעם טשערנאָבילער, דער געוועזענער בעדער בעני פּרינצ, די ברידער מוליארעס יאָסל און הירשל פּעקער, אלע ביז גאָר פארטאָן אין איַנהערן זיך, וואָס עמעצער דערציילט זיי טאקע דאָרט אינמיטן רעדל. פון ארום וואָגן, וואָס מע לאָדט אָן באַם פּראָוויאנט־שפּײַכלער, האָט מען אהין געוואָרפן בליקן, זיך איַנגעקוקט:

— זע נאָר — אינמיטן רעדל שטייען דאָך דאָרט שימקע און זאקס.

— ט׳האָסטו !..

— זיך געפונען דער שאָדן.

מאָטל און וועלוול האָבן אָנגעקוואָלן: זיי האָבן דערציילט פרויקען, וויאַזוי שימקע און מענדל זאקס פון קאָלעקטיוו „נײַ־קאזאנ" האָבן זיך סקאָמפּאניעט און אָנגעהויבן פארפאלן ווערן אין דער טײַגע, זוכן ניט ווײַט פון דער באן־ליניע א פּלאצ אפּ צו באזעצן זיך. אוועקגיין אפּ א טאָג, אפּ צוויי און קו־מען צוריק, נאָר דערנאָך אינגאנצן אופגעהערט צו קומען. מע האָט געמיינט: שוין אן עק — אויס שימקע. איז נא דיר:

— זיך געפונען דער שאָדן.

מאָטל האָט א געשריי געטאָן צום קאָנטאָר צו:

— וואָס־זשע, שימקע... גאָלד, אפּאָנעם, ווערט ניט פאר־פאלן, א?

שימקע, אינמיטן רעדל, איז געווען אזוי טיפ ארײַנגעטאָן אין אויסלייגן פאר די ארומיקע זײַנע איניען, אז אפילו ווען עמעצער, טאקע דאָרט אינמיטן רעדל, האָט אים געריסן פארנ

אַרבל, האָט ער אויך אי ניט געפּילט אי זיך ניט אומגעקוקט. אָנשטאָט שימקען איז פון דאָרט, צום אָנגעלאָדענעם וואָגן, קוים-קוים צוגעגאַנגען דער געזונטער און זייער פּאַמעלעכער בעני פּרינץ, געשטעלט די גרויסע, קרעפּטיקע פיס זייער געהיט, געלאַסן, ווי מיט מוירע זיך איבערצוהייבן. צוגעקומען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט גאַנץ קאַלט, אַ טראַכט געטאָן, פּאַמעלעך אויפגעהויבן די האַנט אַ ביסל העכער פון זיין אַקסל, מיטן אויסגעצויגענעם גראָבן פינגער צוויי מאָל אַ שטויס געגעבן די לופט אַף צוריק, צום רעדל־צו.

— הערסט'ל...

ער האָט אַהין געוווּנקען מער מיט די ברעמען, ווי מיט די אויגן:

— ער האָט דאָך טאַקע געפונען, שימקע.

מע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס בעני מיינט.

— געפונען?.. וואָס האָט ער געפונען?

בעני האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעשנייצט, אַ מאַך געטאָן קאַלט מיט יישעוו־אַדאַס:

— אָט זאָגט ער: אַ וואַלד האָט ער געפונען.

כעווירע האָט געשטוינט:

— אַ וואָס?..

— אַ וואַלד!?

וועלוולען איז פון דעם געוואָרן פריילעך:

— שוין געהערט, מע זאָל געפינען אַ וואַלד? אַ נאָדל געפינט מען, ניט קיין וואַלד.

נאָר בעני פּרינץ איז בא זיך ניט אַראָפּגעפאַלן:

— נו, — האָט ער פּאַמעלעך און קאַלט געזאָגט, — וועסט מיך גיין לאָדן, וואָס איך האָב געזאָגט ניט פּראַווילנע. מע זאָגט דיר: שימקע און מענדל זאַקס האָבן געפונען אַ פּלאַץ אין וואַלד — אַף צו באַזעצן זיך. שוין דאָרט געווען דער אַגראָנאָם אויך. מיט איין וואָרט: אַ גאַנצע כאַסענע...

ווײַזט זיך אַרויס:

טאַקע א גאַנצע כאַסענע — דאָס זיצן איצט אין קאָנטאָר אַפּ א באַראַטונג כאַוועך טאָדי, כאַוועך מיכל, שטײַנג און פעסט־מאַן, דאָס וואַרטן דאָ אין הויף שימקע, פרויעם טשערנאָבילער, בעני פרינצ, זאַקס, ביידע ברידער פעקער — ווי נאָר זיי וועלן דערהערן דאָס גוטע וואָרט, אַז מע גיט זיי די קרעדיטן, גייען זיי באַלד אַוועק צו יענעם פּלאַץ אין וואַלד און שטעלן זיך בויען. אָבער די הויפּט־כאַסענע הייבט זיך ערשט אָן, דער איי־קער־מעכוטן איז שימקע — מאַטל און וועלוול, אַז זיי גייען צו נעענטער און דערזעען אינמיטן רעדל שימקען, גלאָצן זיי אַזש אויס די אויגן, ווי זיי וואָלטן אים ניט דערקענט.

— וואָס טוט זיך עס מיט שימקען!?

4

שימקע איז געוואָרן ווילד־באַוואַקסן. די האָר אַפּ זײַנע לאַנג ניט-געגאָלטע באַקן יאָגן אָן מיט זייער וואַקסן די קיינ־מאָל ניט געשאָרענע וואָנצעס. שוין אָפּגערעדט פון די האָר אַפּ זײַן קאָפּ, אין זײַן נאָז און אין די אויערן — א שערער וואָלט געהאַט א מיצווע, ווען ער נעמט איצט שימקען אַרײַן צו זיך אין די הענט. נאָר שימקע, מער פעלט אים ניט, ווי זיך איצט אַוועקזעצן און זיך לאָזן אַרומשערן. געטראָפן די צײַט. פונקט איצט, ווען מע וואַרט און מע דערוואַרט זיך ניט, אַז אין קאָנטאָר זאָל זיך ענדיקן די באַראַטונג און מע האַלט דאָס לעבן אין דער זשמעניע און סע פאַלט אַרויס די נעשאָמע און אין יעדער רעגע קאָן מען דערהערן דאָס גוטע וואָרט:

— מע גיט די „קרעדיטן“!

שימקעס אויגן ברענען, פלאַמען אַרויס פונעם פאַרוואָקסע־נעם פּאָנעם, וואַרפן זיך מיט א גלאַנץ אין אַלע זײַטן. זאָל איצט קיינער ניט פּרוון צו זאָגן שימקען:

— זע נאָר, ווי דו ביסט פאַרדריפּעט, די שטיוול — באַדעקט ביז איבער די קאָליעוועס מיט פאַרטריקנטער בלאָטע. צוגעטריקנטע בלאָטע — אפֿן אָפּגעריבענעם גרויען לײַבל, אױף די אַרבל, אפֿילו אפֿן היטל.

ווען עמעצער זאָל איצט נעמען מיט אַזעלכע נאַרישקייטן דולן שימקען א קאָפּ, וואָלט ער מיִעס אָפּגעשניטן — ער איז מעסוקן האָנאַריסטע מיט דער נײַער היים, וואָס ער און זאַקס האָבן אין וואַלד געפֿונען. ער קוקט אַרום זיך ווי זייער א צעטראָגענער באַל־סימכע. זײַן קאָפּ איז אים באַ די עטלעכע אויסגעהאַקטע ביימער אין ווײַטן וואַלד לעבן יעגער־בײַדל, זײַן קאָפּ איז אין קאָנטאָר, ווו עס גייט די באַראַטונג, זײַן קאָפּ איז איצט אויך באַם מענטשן־רעדל, וואָס הערט פֿון אים די מײַלעס פֿונעם געפֿונענעם אָרט.

— וואָס לאַכסטו? — קוקט ער זיך אום צום אָנקוועלנדיקן וועלוולען, ער טוט דערבײַ ווי א בוצקע מיטן שטערן און קוקט מיט שטעכיקע האָר אין די ברעמען, — איך לאַך שוין פֿון דיר און פֿון דײַן באָבען!

הײַנט קער די העלע זונען־שײַן צו שימקען. הײַנט איז דער טאָג זײַנער — ער און זאַקס האָבן געפֿונען... ווער רעדט עס פֿון אַן אײַצער, צי פֿון א שמאַלץ־גרוב — אַלץ איז גאָרנישט אַנטקעגן דעם, וואָס מע האָט געפֿונען, מע ווייס נאָך גאָר אַליין ניט... נאָר פֿאַר זיך? — פֿאַרוואָס ניט אויך פֿאַרן טשערנאָבילער פּליטן־טרײַבער, פֿאַר בעניען, פֿאַר די ברידער פּעקער און פֿאַר נאָך און נאָך פֿאַר גאַנצע טויזנטער?

אַז מע וויל א שמועס טאָן מיט שימקען וועגן זײַטיקע זאַכן, הערט ער ניט, וואָס מע רעדט צו אים. ער קאָן ניט פֿאַרגעסן, וויאַזוי מע האָט זיך דאָס ערשטע מאָל דערקליבן צום פּלאַץ — ער און זאַקס... און וויאַזוי ער און זאַקס האָבן זיך געזאָגט, אַז מע מוז דאָרט באַלד, כאָטש וויפֿל־ניט־איז אַן אַרבעט טאָן, כאָטש אומוואַליען עטלעכע ביימער און זאָל

זײַנ כאָטש עפּעס וואָס אָפּגעטאָנ, וואָרעמ אינ קאָנטאָר וועט מענ דאָכ ניט גלײבנ אפ נעמאָנעס. טאקע וועגנ דעמ דער־צײלט איצט דאָ שימקע:

— וועל איכ קײנמאָל ניט פארגעסנ אײנעמ אנ אפּדער־נאכט, ווענ זאקס איז נאָכ גאנצפרי אוועקגעגאנגענ קײנ טי־כאָנקע, ווײַל בא אונדז גײט אויס עסנ און איכ בינ געבליבנ ארבעטנ בא קאָרטשעווענ און ס'איז שוינ נאכט, און זאקס איז נאָכ אלצ נישטאָ. און ס'איז שוינ פינצטערער און פינצטערער און ער איז נאָכ אלצ נישטאָ און איכ בינ אײנער אלײנ אינ בײַדל, און אינ דער טײַגע ארום־ארום, הער איכ, איז עפּעס זײער ניט ספּאָקוינע, איכ קאָנ זי? — עפּעס בורעט דאָרט און כע דרײט און סע הודעט און סע קנאקט. כ'האָב לעבנ זיכ א האק מיט א קירקע. איכ בינ ניט קײנ איבערגעשראָקענער, נאָר מיר ווערט עפּעס אלצ מער סומנע, כארוק איכ זיכ וואָס טיפער אינ בײַדל, איכ האָב נאָר לעבנ זיכ די לעצטע געצײל־טע פּאָר שוועבעלעכ, מיט עפּעס אזא־אָ פּיצל ליכט, נעמ איכ און צינד עס אָנ און ווי נאָר איכ צינד עס אָנ, אז זי טוט זיכ ארומ מיר א כאַפּ, די טײַגע, א רועכ אינ איר מאמענ ארײַנ, און שיקט מיר צו איר עמעסדיק ווינטעלע און טוט א ריס אוועק דאָס טירל און א לעש אויס דאָס פּיצל ליכט און איכ בלײַב, ווי מיט אויסגעשטאָכענע אויגנ אינ דער פינצטער, איכ פיל, זי איז דאָ — די גאנצע טײַגע איז בא מיר אינ בײַדל און פלוצלינג אינ דער פּינצטער הער איכ טריט — מע גײט צו מיר — מיט א לאמטערנ. איכ טו זיכ א כאפּ — ווער איז?... ווײַזט זיכ ארויס: ס'איז זאקס — זאקס איז צוריקגעקומענ... זאקס, איר געדענקט אינ יענעמ אפּדערנאכט דאָס ווינטעלע?

דאָ בלײַבט שימקע שטײנ צווישנ די מענטשנ, וואָס הערנ אימ; זײַנ פּאָנעמ איז אָנגעצונדנ, זײַנ בליק איז אָנגעצונדנ — בא שימקענ אינ די אויגנ ברענענ ליכט. שימקע האָט צומ ערשטנ מאָל אינ זײַנ לעבנ פארזוכט דעמ טאמ פונ גליק, פונ

א סאכ גליק, אונ אלע, וואָס שטייענ ארומ אימ, קוקנ שוינ אפילע אפ אימ א ביסעלע דערשראָקנ, ווי זיי וואָלטנ איבערטראכטנ:

— „סע זאָל אימ כאָלילע ניט פארשאטנ"...

עס קומט אויס ווי ערשט איצט וואָלט א שלאָג געטאָנ זײַנ שאָ.

— וואָס? — פרעגט ער איבער בא פרויעמ טשערנאָבילער, — צי איכ וועל ארויסרופנ אהער מײַנ ווײַבל? ניט נאָר מײַנ ווײַבל וועל איכ ארויסרופנ, נאָר אלע מײַנע ליבע, ווו איכ האָב ערגעצ א פרײַנטל, וועל איכ שרײַבנ בריוו — קומט אונ גענוג. ארבעט וועט זײַנ פאר אלעמענ, ערשט דאָ וועט מענ אָנהייבנ צו וויסנ פונ א לעבנ.

נו גוט, זאָל מענ נעמענ א שרײַב־פענדזל אונ אויסמעקנ שימקענ זײַנ גאנצ פריערדיק לעבנ — אימ, זעט אויס, וועט עס ניט ארנ, אבי עס זאָל בלײַבנ דער פלאצ אינ וואלד, פונ אָדעמ פלאצ אָנ זאָל מענ אימ, שימקענ, אָנהייבנ פארעכענענ זײַנע יאָרנ. פרויעמ טשערנאָבילער פארהיקעט זיכ אוש פונ וועלנ זאָגנ א כאָכמע:

— קי-קי־קי — מאכט ער צו די אויגנ אונ הייבט קוימ-קוימ אָנ צו שמייכלענ, — אויב שימקע בע-בע-ברענגט שוינ זײַנ ווײַבל, איז א סימענ: סע גוט!

נאָר שימקע הערט ניט. קיינער הערט ניט, אלע קוקנ אינ גרויס וואַרטעניש צו דער לײדיק־געוואָרענער קאָנטאָר־טיר. די בעראטונג איז דאָרט געענדיקט. אינ דער טיר האָט זיכ באוויזנ דער פארוואלטער מיט דער רעגיסטראטור — פעסטמאנ — א רויטלעכער, א געפאקטער, אזא, וואָס וויפל צאָרעס זאָלנ אינ אימ ניט ארײַנ, וועט ער אלצ איבערטראָגנ אונ וועט נאָכ דערבײַ צושמייכלענ. ער האָט איצט, נאָכ דער בעראטונג, געפאקט בא עמעצנ א פאפיראָס, כאָטש ער רייכערט ניט. דער פאפיראָס איז זייער א פײַכטער. פעסטמאנ האלט דעמ אָנגע-

צונדענעם פּאַפּיראָס אין מויל און צעסמאָקעט אים, בייס ער דערנעענטערט זיך צום וואַרטנדיקן אוילעם, און שמייכלט דערביי צו, ווי א פּסורע־אָנזאָגער:

— באַשלאָסן: מע גיט די קרעדיטן, מאַזלטאָוו...

5

אַף יענער זייט בירע, נאָענט צום דאָרף טיכאָנקע, איז גרייט דער צונויפגעשפּאַנטער „צוג", וואָס דאַרף אָפּגיין אין בירעפעלד.

דער „צוג":

צוויי פּאָשעטע וואָגנס, וואָס זיינען שווער אָנגעלאָדן מיט פּראָוויאַנט, און א שפּאָגל־נייער מאַסע־אויטאָמאָביל—אַן אַמעריקאַנער גאַסט, וואָס זעט אויס, ווי א צוכט אין פּליטקע קאַלאָשן און וועט דאָ אין די בלאָטעס ניט קאָנען אליין זיך אויסהעלפן. אַף אים זיינען איינגעריכט זיץ-פּלעצער פאַר פּאַסאַזשירן. אין שפּיץ פונעם „צוג" איז איינגעשפּאַנט אַרקעס טראַקטער. שטיל און אומגעדולדיק בעלעמעטשעט ער מיט זיין מאָטאָר—א לוסטיק־געזונטער באַהעלפער, וואָס האָט שוין פאַרקאַשערט די פּאָלעס און איז גרייט. זיין שטיל-פּולסירנדיקע מאַשין—מאַמעש זי כאַזערט מיט א זינגעוודיקן טאַקט:

— היידאַ! היידאַ!

— אין דער בלאָטע.

— אין דער טייגע!

ס'איז אַרום צוועלף אַזייגער באַטאָג.

אונטער דער הייסער זון פּילט זיך א רייעך ווי פון הייסן שניידערשן פּרעס־אייזן. דורכזיכטיקע הימלען הייבן זיך אויף אַלץ העכער און העכער פון די אַרומיקע בערג. קאַרג איז פאַר זיי דער אַרומיקער רוים און זיי צעשפּאַרן אַרום זיך די האָרי־

זאָגט. זיי האָלטן אין איין צושלעפּן ראַכוועס בא דער וועלט. פון טיכאָנקע האָבן זיך נאָך ניט אַלע פּאַסאַזשירן אַהער אַרײַ־בערגעקליבן מיטן פּאַראָם.

דער קאָמיוגיסט אַרקע באַסקער האָט שוין דערווײַל אָפּ־געטאָן דעם טראַקטער אַלע זײַנע „רעכט״—אים באַוואָרנט מיט ברען־שטאָף און אָנגעטרונקען מיט וואַסער און אים אַרומגע־טאַפּט ווי עפּעס לעבעדיקס, צי האָט ער כאָלילע ניט קיין איבעריקע וואָרעמקייט. אַלעמאָל הייבט ער אויף בא דער זײַט א בלעך און קוקט אין געדערעמדיקן מאָטאָר אַרײַן, רעדט צו אים פון מאָל צו מאָל פאַרטראַכטערהייט, ווי צו א באַרדאָס:

— נו, גוטער ברודער...

— דיר שטייט פאַר נישקאָשע פון א בלאָטיקן וועג.

— אַריבער פופציק קילאָמעטער.

— זע, זאָלסט ניט פאַרשעמען.

— פון מײַן זײַט דיר, דאַכט זיך, געטאָן אַלץ, וואָס דיר קומט.

— כ׳וואָלט דיך אַרומגעוואַשן אויך...

— נאָר סײַוויסײַ.

— וועסט באַלד קריכן אין בלאָטע אַרײַן.

— זע, אָן דאָרט אָנטקעגן: גאַנצע טײַכן—טוואַניעס.

אָפּ דעם אַלץ ענטפערט דער טראַקטער מיט א שטילן בלוי־דער פון זײַן אָוועקגעלאָזטן מאָטאָר. אַרקע האָט ליב אָ־דעם מאָטאָר־גאַנג, ווי דעם ריינעם קלינגענדיקן טיק־טאַק פון א פריי־לעכן זייגער. ער האָט א שאַרפן אויער אָפּ צו דערהערן דאָרט נאָך פונוויַיטנס יעדן מינדסטן כריפּ. פון אַזא כריפּ טוט בא אַרקען א ריס אין האַרצן, ווי בא א פאָטער, וואָס דערהערט א כריפּ אין אינעם ברוסטל פון זײַן איינציק קינד.

נאָר אָט האָבן אָפּן צוגעשפּאַנטן מאַסע־אויטאָמאָביל זיך שוין אויסגעזעצט כאַווער טאָדי, כאַווער שטיין, די קאָמיוגיסטן וועלוול און מאָטל, דער יונגער אָדעסער בוי־אַרבעטער פּריס־

קער, ביילע הירשקע פעקערס, עטלעכע נײַע איבערוואנדערער. ארקע זיצט שוין אפן טראקטער. די קעפּקע אפּ זײַן געקרײַזלטן קאָפּ איז אָנגעוואָרפן לײַכט און שעלמיש, זײַנע בוילעטע אויגן באקומען א נײַעם בליק, ווי ער וואָלט אפּ זיי אָנגעטאָן פאַר־הוילענע ברילן אפּ צו פאַרשטארקן די ריע. פון צווישן אוילעם וואָס אפן מאסע־אווטאָמאָביל גיט וועלוול גוט־ברודעריש א געשריי:

— ארקע, פּאָשאָל!

פאר ארקענען אָבער, בייס ער זיצט אפן טראקטער, זײַנען, זעט אויס, ניט פאראן קיין שום גוטע ברידער. זײַנע הענט האָבן מיט די פינגער זיך שטײַף ארומגעקלאמערט ארום קײַ־לעכיקן רול־רייפל. זײַנע באשטיוולטע פיס טוען ארום זיך א צייל איבער אלע פיס־פעדאלן. זיי זײַנען גרייט זיך א וואָרפּ צו געבן מיט דער פינקטלעך־נייטיקער קראפט פון איין פּעדאל אפן אנדערן. זײַן רעכטע האנט נעמט אָן א זײַט־הייבער, זײַן רעכטע פוס טוט א קוועטש, און דער טראקטער האָט זיך מיט מאזל גערירט, א צי געגעבן נאָך זיך דעם גאנצן „צוג". אויב די פּאסאזשירן אפן מאסע־אווטאָמאָביל האָבן בא אָ־דעם „צי" זיך ניט צעבוצקעט מיט די קעפּ, אויב זיי זײַנען דערבײַ אָפּ־געקומען בלויז מיט א רײַב־געבן איינער דעם אנדערן די זײַטן, טאָ זאָלן זיי דערפאר זאָגן ארקען א דאנק. דאָס ווייסן כא־ווער שטיין און כאווער טאָדי, וואָס זײַנען שוין ניט איין מאָל מיט אזא „צוג" געפאָרן. כאווער טאָדי זאָגט טאקע:

— ס'איז נאָך מיט כעסעד.

וועלוול וויל, אז ארקע זאָל אפן טראקטער דערהערן זײַן קאָל:

— ס'האָט געקאָנט זײַן ערגער!

ארקע ענטפערט ניט און לאָזט קריכן דעם טראקטער א ביסל גיכער. אפן מאסע־אווטאָמאָביל מאָסטעט מען זיך אלע באנײַס איין — איצט פאָרט מען.

דערווײַל ציט זיך דער וועג לענגויס דער בירע, נאָך אַלץ ארוף וואסער, עפּעס פּידרעכ — גאָרניט אינ יענער זײַט, ווו עס דארפנ זיך אינ פלוג געפינענ די בירער פּרווו־פּעלדער. עס קומט אויס, ווי מע וואָלט צילנ ארויסצופּאָרנ גלײַכ אפ דער אנטקעגנדיקער ריזיקער אונ קײַלעכיקער סאָפּקע. יענע איז ביז איר הויכנ שפּיצ שיינ אונ האָנערדיק באוואָקסנ מיט גרינע ביימער, אזוי האָנערדיק, אז זי בלאָזט, דאכט זיך, א גוידער. וואָס מער מע דערנעענטערט זיך צו איר, אַלץ העכער, שענער אונ ברייטער וואקסט זי אויס. מאמעש זי נעמט זיך איבער:

— כ׳ב׳ינ יאָנטעוו!

כאָטש מע זעט זי כאָגטעגלעכ פונעם דאָרפּ טיכאָנקע, פונ־דעסטוועגנ קאָנ איצט דער אוילעמ פונ איר קיינ אויג ניט אָפּרײַסנ. עס דאכט זיך: אָט־אָט וועט דער „צוג״ מיטנ טראַק־טער אינ דער שפּיצ אָנהייבנ אפ דער סאָפּקע זיך ארופצור־דראפּענ. דאָכ, הארט לעבנ איר פּארקערעוועט דער וועג לינקס פונ דער סאָפּקע, וואָס בלײַבט אָנ א זײַט. קאָנ נאָכ אַלץ זײַנ בליק ניט אָפּרײַסנ דער אינזשעניער טאָדי. ער ווײַזט אָנ אפ איר שטיינער:

— זי קאָנ געבנ שטיינער אפ אויסצובויענ א האלבע שטאָט ניו־יאָרק — דערופּ וועלנ קלעקנ בלויז אירע ארומיקע ווײַטע שיפּועס, די סאָפּקע אליינ וועט בלײַבנ.

לויט זײַנ פּלאנ קומט אויס, אז די קומענדיקע שטאָט וועט דאָ מוזנ וואקסנ ניט אזוי אפנ לינקנ ברעג בירע, ווו עס געפינט זיך איצט טיכאָנקע, נאָר דעריקער אפנ רעכטנ ברעג ארומ אונ ארומ דער סאָפּקע. די בירע מיט אירע קאנאלנ וועט דאָ דורכשנײַדנ די קומענדיקע שטאָט, ווי די שפּרע שנײַדט דורכ בערלינ, ווי די סענע — פּאריזש. די סאָפּקע וועט דאנ בלײַבנ אינ סאמע מיטנ שטאָט־צענטער. אהינ וועט, ווי אינ די

שווייצארישע בערג, פירן א פוניקוליארע (א צאָנרעדער-באַן). היינט שטעלט איך פאָר א גרויסע, רווישיקע שטאָט מיט א סאך פאבריקן אין די עקן, א דורכויס סאָציאַליסטישע שטאָט אין א קלאסנלאָזער געזעלשאפט און אין איר סאמע צענטער — די הויך־הויכע גרינע סאָפּקע. אפן שפיץ פון דער סאָפּקע, אַרט ניט דעם אינזשעניער, זאָל שטיין א גרויסע ארבעטער-סאַ-נאַטאָריע...

דער שוויַגנדיקער אגראָנאָם שטיין כאפט זיך דאָ צוצוגעבן:

— און נאָך העכער פון דער סאנאטאָריע, — זאָגט ער, — וועט שטיין אַף א ריזיק־הויכן פּיעדעסטאל לענינס א דענקמאָל: לענין מיט אן אויסגעצויגענער האנט... באנאכט וועט דער דענקמאָל זיך אזוי שטארק באַלויכטן, אז מע וועט אים אַרויס־זען אַף יענער זייַט גרענעץ. איז מאָנעפּשעכ: אויב אַף יענער זיַיט גרענעץ וועט שוין זיַין נאָך דער סאָציאַלער רעוואָליוציע, וועט לענינס האנט דאָרט אָנווייַזן דעם וויַיטערדיקן וועג, אויב דאָרט וועט נאָך אַלץ זיַין אימפּעריאַליזם, וועט לענינס אויס־געשטרעקטע האנט אהין וואָרענען:

— קריכט ניט...

— היט די ביינער!

7

מיטן אינזשעניער און מיט שטיינען אַפן מאסע-אווטאָ-מאָביל, צווישן עטלעכע ניַיע איבערוואנדערער, זיצט, ווי איימיק־אַליין, דער איבערוואנדערער יודל ליפּשיץ.

ער איז פארזאָרגט. ביטער איז אים דעריקער, אַלעמיַי ער קאָן פונדאנעט ניט שריַיבן די בריוו קיין אמעריקע.

אין טיכאָנקע האָט ער צום ערשטן מאָל אין לעבן גע־נומען א לאָפּעטע אין די הענט, געארבעט עטלעכע טעג מיט די קאָמיוגיסטן וועלוול און מאָטל באַ אָנלאָדן וואָגנס מיט ברעג־

שטײנדלעך. די לאָפּעטע האָט אים דאָרט געגעבן אין די הענט אַרײַן טאָדי אַלײן, און צװישן זײ ציִען זיך פון הענסטמאָל אָן מאָדנע פּאַרהױלענע פעדעמער. װי טאָדי זאָל ניט זײַן פּאַרנומען, געפינט ער דאָך צײַט אָפּ צו האַלטן דאָ יודלען אין אױג, װי ער װאָלט זיך אָפּ אים לערנען, װאָס קאָן אין בירעבידזשאַן װערן פון אַזעלכע טױזנטער יודל ליפּשיצעס.

— נו? — פרעגט ער בײַ יודלען, װי אָפּ טשיקאַװעס, װעגן דער קומענדיקער שטאָט, — געפעלט אײַך דער פּלאַן, צי איר האָט אַן אַנדערן?

יודל טוט אַ לעק די װאָנצעס און ענטפערט מיט אַ בליק פון אַ מענטשן, װאָס װאָלט שױן דאַפקע געקאָנט געבן אײנמאָל אַן ענטפער, נאָר װאָס קומט אַרױס? — אַז די צונג איז אין גאָלעס. זײַן אָפּגן מױל בלײַבט האַלב געלײמט, פול און פול מיט גליװער. אײן אױג ציט זיך בײַ אים אַ ביסל צונױף און באַטראַכט טאָדין און שטײנען: שױן, דאַכט זיך, דערװאָקסענע מענטשן, אַ גלאַװנער אינזשעניער און אַ גלאַװנער אַגראָנאָם און רײדן זײ װי אַ ײנגל — אַ גװאַלדאָװנע גרױסע שטאָט, „סיגניטאָריע“, „פּופּאָדיקאָלעריע“... װוּ מיר שטאָט, װאָס מיר „פּאָמפּעדיקאָלעריע“, אַז ס׳איז דאָ דורכױס װיסטעניש, אַן אומקומעניש און שױן...

יודל טראַכט:

— זע, מיט װעמען מע האָט זיך דאָ סקאָמפּאַניעט!

— אַז אָך און װײ...

— מיט ײנגלעך האָט מען זיך דאָ סקאָמפּאַניעט.

און נאָך טראַכט ער:

— אײַ, װאָלט מען װעגן דעם געקאָנט אָנשרײַבן קײן אַמעריקע... אײַ װאָלט עס געװען אַ בריװעלע...

אײנמאָל, אַרבעטנדיק אײנעם מיט מאָטלען און װעלװלען אין טיכאָנקע בײַ די ברעג-שטײנדלעך, האָט ער געפּרוּװט אַרױסזאָגן אײנעם אַזאַ געדאַנק און האָט שיר ניט מיִעס אָפּ-

געשניטן. ס'איז געווען אין דער אָפּרו־שאָ, ווען די יאטן האָבן זיך צערעדט וועגן בירעבידזשאן מיט דער קאָמיוגיסטן פּעסל, וואָס האָט דאָרט באַם טײַך געוואשן סטאָלאָווקע־וועש. יודל האָט זיך דענסטמאָל אַרײַנגעמישט אין זייער שמועס:

— די גאַנצע מײַסע מיט בירעבידזשאַן—האָט ער געזאָגט—קאָן צו גאָרנישט ניט פירן... פאַרוואָס?.. טאָקע דערפאַר, וואָס גאַנץ בירעבידזשאַן איז אַ סקאָמפּאַניעניש מיט ייִנגלעך, מיט באָלשעוויקעס, הייסט עס, און אַלע באָלשעוויקעס, זיי מעגן אַלט זײַן מעשושעלעכס יאָרן, בלײַבן זיי, ווי ייִנגלעך—דערי־קער—גיב זיי „פאַנטאַזיע": „וואָלכעסטרוי", „דניעפּרעסטרוי" און אַלע אַנדערע מיט די נעמען מיט זייערע.

די יאטן האָבן אָנגעקוואָלן:

— וואָרט—וואָלכאָווסטרוי איז דאָך שוין אויסגעבויט.

דערויף האָט יודל געענטפערט:

— איך בין דאָרט ניט געווען...

ווען, פּעסל און מאָטל האָבן דענסטמאָל אויפגעהויבן יודלען אַפּ געלעכטער. פּעסל האָט געזאָגט:

— שוין די עמעסע „סאַמאָקריטיקע"... מיר ווייסן פונוואַנען זי קומט...

יודל איז בייז אַנשוויגן געוואָרן, וואָרעם די דאָזיקע כעוורע האָבן דיר אַ וואָרט „קלאַסנסוינע"—ס'איז ערגער ווי געשאָלטן אין טאַטן אַרײַן... און כוץ דעם—אַ כוש האָבן די־אָ כעווירע אַ נישקאָשעדיקן... זיי קאָנען דאָ עפּעס אָנשמעקן.

אויך איצט אַפן מאַסע־אַוטאָמאָביל שווײַגט ער צו, אַפּילע ווען מע רעדט צו אים, כאָטש ער האָט שוין אַ ביסל געאַרבעט אין טיכאָנקע און איז פון דעם יאַקאָס ניט אומגעקומען—פּאַרקערט, עסן, זעט ער, גיט מען, עס בלײַבט נאָך אַ קערבל אַפּ צו שיקן אַהיים. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך באַ זיך ווײַט ניט געפּויעלט, אַז ער בלײַבט אַ בירעבידזשאַנער. די געבליבענע פּאָר קערבלעך שיקט ער ניט אַפּ זײַן ווײַב — זאָל אַפּ

אלע פאלן זיך אָנקלײַבן אין קעשענע אף א בילעט אוועקצו־פאָרן אין, ווי זאָגט מען דאָרט, אז מ׳ן פרעגלט מאלינעס־אײַנגעמאכטס:

— האלעוויי זאָל מען ניט דארפן...

אויב ער פאָרט איצט צו די ארבעטן וואָס ארום בירער פרווו־פעלדער, איז דאָס נאָר אף א קוק צו געבן:

— עפּעס פאָרן אהין א סאך מענטשן — עפשער איז דאָרט בעסער ווי אין טיכאָנקע.

אין טאָג אָבער קוקט ער דאָ נאָך אלץ ארום זיך מיט אויגן, וואָס האָבן צו קיינעם קיין גלויבן ניט. ער הערט, ווי שטיין רעדט מיט טאָרין וועגן די מיטלען און די הויצאָעס, וואָס מע גיט אויס אף די פארשיידענע ארבעטן ארום בירער פרווו־פעלדער און אף די ערשטע איבערוואנדערער. טאָדי טוט דערבײַ ווי א ווונק אף יודל ליפשיץ:

— ט׳האָט איר — זאָגט ער צו שטיינען, — דאָס מיין קאָסט אייך געלט — א לעבעדיקע פּרווו־סטאנציע...

יודלס אָפּן מויל בלײַבט האלב געליימט, פול און פול מיט גליוער — ער וויל זיך אָנשטויסן, וואָס מיינט מען מיטן וואָרט „א לעבעדיקע פּרווו־סטאנציע".

— אף וועמען זאָל עס גיין, — טראכט ער — אף מיר?..

8

— סטאָפּ!

— ט׳האָסטו דיר...

דער גאנצער „צוג" שטייט, ווי אײַנגעגראָבן אין דער ערד, קאָן זיך ווײַטער פון אָרט ניט רירן.

פארן אָפּגעשטעלטן „צוג" שפרייט זיך א ברייט־ברייטער וואסער־אויסגוס, קימאט א יאם. קיין ברעגעס זעט מען ניט ארויס. דער קאָמ׳וגיסט ארקע באסקער מיטן טראקטער האָבן

מיטאמאָל ווי אָנגעווירנ זייער גאנצע קראפט. קאָלזומאנ זיי האָבנ געהאט צו טאָנ מיט בלאָטע — ווי טיפ אונ גריבלדיק זי זאָל ניט זײַנ — האָבנ זיי געטאָנ זייערס, געשלעפט נאָכ זיכ אָנ שום טײַנעס־אומײַנעס דעם „צוג". וויבאלד אָבער ער איז אײַנ־געשלונגענ אינ אנטקעגנדיקנ וואסער־אויסגוס אונ מער זעט מענ זײַנע שפורנ ניט ארויס, שטעלט ארקע פאר די פאסאזשירנ א הארבע קאשע:

— ווארט נאָר — פרעגט ער, — א טראקטער איז געמאכט געוואָרנ נאָר צו שלעפנ אפ דער יאבאָשע, צי אויכ אפ צו שווימענ?

צו ארקענ שרײַט מענ פונעם צוגעשפאַנטנ „צוג":

— נו?

— וואָס שטייסטו?

— ס'איז ניט טיפ — פאָר!

ארקעס לינקע האנט האָט אָפּגעלאָזט דאָס קײַלעכיקע רול־רייפל אונ קראצט מיט זאָרג דעם אייגענעמ האלדז אונ נאקנ אונטער דער געקרײַזלטער פאטלע. ער ענטפערט:

— גרינג צו זאָגנ „פאָר".

— אונ אז ניט טיפ איז וואָס?

— כאכאָמימ!

— קיינ סימענ פונ קיינ וועג זעט מענ ניט ארויס. מע קאָנ ארײַנ אינ א גרוב. מע קאָנ אָנטרעפנ אפ א זומפ. איר וועט מיר געראנטירנ? — דער טראקטער איז אפ מײַנע אכרײַעס.

בא ארקענ פרעגט מענ:

— וועט מענ שוינ אזוי שטיינ?

— וואָס־זשע וועט מענ טאָנ?

ארקע, אינ שפיצ „צוג", ענטפערט דערופ:

— קוקט דערווײַל אפ דער „פרירעדע".

אליינ שפרינגט ער בעריעש אראָפּ פונעמ טראקטער — מיט ביידע באשטיוולטע פיס אינ וואסער.

— מעשוגע? — שרײַט מען צו אים — זע ווי דו האָסט זיך אָפּגעשפּריצט.

— נישקאָשע — ענטפערט ער און הייבט זיך אָן ארומצוקוקן. — אז ס׳איז באשערט נאס צו ווערן, וועט עס קומען פון זיך, אפילע אָפּאָרטוניזם וועט דאָ אויך ניט העלפן.

דער וואסער-אויסגוס — שירײַים פון פארפלייצונג, שטעלט זיך ארויס; איז ווירקלעך ניט טיף, דערגרייכט בלויז ערטערווײַז ביז די מײַלער פון ארקעס שטיוול-כאַליעוועס. ארקע שפּאנט אָפּ א צען-צוועלף קלאפטער ווײַטער פון טראקטער, טאפּט די גאנצע צײַט אַפ רעכטס און אַפ לינקס מיט די פיס און בלײַבט שטיין:

— ער איז דאָ, — שרײַט ער וועגן דעם פארטרונקענעם וועג, — כ׳פיל אים אונטער די פיס, ט׳אהער גייט ער.

ער קוקט זיך אום צום „צוג“.

— נו? — פרעגט ער — ווי געפעלט אײַך די „פרירעדע“? שטיינס אויגן קוקן צו אים שמייכלענדיק, ווי באם וועלן זאָגן:

— „מיט אזוינע כעוורע איז גוט צו ארבעטן — שטענדיק איז דאָס פריילעך“.

— א סאָפּ! — שרײַט דער אינזשעניער צו ארקען — גענוג מיט דער „פרירעדע“.

די „פרירעדע“ איז ווירקלעך פײַן — מע קאָן צו איר קיין טײַנעס ניט האָבן. דער וואסער-אויסגוס זילבערט זיך, ווי ברייט ער איז, גלאנצט און פינקלט אַפ דער זון מיט א מין זאָרגלאָזיקײַט, אז ס׳איז שווער אויסצומאָלן. די קליין-קליינע גנוסן שווײַגן אויך ניט — פילן זיך גאנץ היימיש דאָ אַפן וואסער-אויבערפלאך און לאָזן זיך פילן. מער ווי אלע היטן זיך פון זיי די עטלעכע נײַע איבערוואנדערער וואָס אַפן מאסע-אווטאָמאָביל. מע זעט, אז אַפ דעם געביט זײַנען זיי פּאָשעט זייער שטארק אָנגעשראָקן נאָך פון דער היים — איטלעכס מאָל, וואָס צו זיי דערנעענטערט זיך א פליגעלע, מאכן זיי אזעלכע צע-

קרימטע און דערשראָקענע האָווײַעס, ווי צו זיי וואָלט זיך דער-נעענטערט א טיגער — זיי זײַנען דאן גרייט צו שרײַען:

— קאַראַול!

זיי איז בלויז א וווּנדער, פאַרוואָס שווײַגן אַרום זיי די אַנדערע, יענע, וואָס זײַנען שוין א לענגערע צײַט אין בירעבידזשאַן. טאָדי און שטיין, זעען זיי, נעמען בלויז אַרויס זייערע נאָזטיכלעך און שטעקן זיי אַרײַן אונטן בא די היטלען, קעדיי צו פאַרשטעלן דעם האַלדז און נאַקן. וואָס איז שייַעך צו וועלוולען און מאָטלען, טוען זיי אפילע דאָס אויך ניט און הערן דעם קליינעם גנוס, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי — זיי שפּרינגען גאָר אַראָפּ פונעם צוגעשפּאַנטן מאַסע-אַוטאָמאָביל, שפּאַנען צו מיטן וואַסער-אויסגוס ביז צו אַרקען און כאַפּן דאָרט אַלע דרײַ אַפּ א רעגע א געשווינדע קאָמיוגישע באַראַטונג, טיילן זיך אײַן איינס און צוויי מיט דער אַרבעט, ווי לויט א בליץ-שנע-לער קאָמאַנדע — אַרקע זעצט זיך צוריק אויף אַפן טראַקטער און מאָטל מיט וועלוולען שפּאַנען פּאָרויס, טאַפּן מיט באַ-שטיוולטע פיס אין וואַסער און ווײַזן דעם טראַקטער דעם וועג — דער „צוג” גייט ווײַטער. דאָס וואַסער ציט זיך ניט אַזוי ווײַט, ווי מע האָט געמיינט, דערנאָך קומט א בלאָטע, פאַרגאָסענע גרי-בער. מע איז שוין אַזוי אָפּגעפּאָרן א קילאָמעטער אַכט-נײַן, דער וועג איז אַרײַן אין א וואַלד. וועלוול און מאָטל זעצן זיך צוריק אַפן מאַסע-אַוטאָמאָביל. טאָדי און שטיין ריידן וועגן דעם וועג, וואָס מע וועט דאָ דורכפירן:

— א ברייטן.

— א שטענדיקן.

— אַן אַוטאָמאָביל-וועג.

דער „צוג” הייבט אָן גיין גיכער, קימאַט ער לויפט אונ-טער. יודל ליפשיץ — אי סע שלעפּערט אים דאָ אַפן מאַסע-אַוטאָ-מאָביל אי ער האַלט זיך אין איין אָפּרוקן פונעם דערבײַ־זיצנ-דיקן דורכגענעצטן וועלוולען.

— וואָס איז, — פרעגט בא אים וועלוול — וואָס דרייט איר זיך?

יודל ענטפערט ניט, ווארעם ס'איז א פּאַשעטע זאַך — ניט בלויז ער וויל דאָ ניט קריכן אין וואסער, נאָר אפילע נאס ווערן לעבן וועלוולען וויל ער אויך ניט. וואָס איז שייַעך צום וועג, וואָס כאוער טאָדי זאָגט, אז מע וועט דאָ דורכלייגן, האָט יודל צייַט:

— ער וועט לעבן, וועט ער זען...

9

באַם דרייַ־און־צוואַנציקסטן קילאָמעטער שטעלט מען זיך אָפּ. צופוסנס פון א בערגל אונטער לינדן־ביימער שטייען א סאַך בינשטאָקן. דאָרט ווערט דער אגראָנאָם שטיין מיטאמאָל זייער לעבעדיק, באגעגנט זיך מיטן בינענציכטלער — אַן אָרטיקער אייַנוווינער, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן. ביידע טוען אָן נעצן אַף די פּענעמער און לאָזן זיך אוועק צו די בינשטאָקן. די נייַע איבערוואַנדערער דערוויסן זיך:

— די בינען־ווירטשאַפט קער צו דער בירעפעלדער קרע־דיט־געזעלשאַפט.

די עטלעכע נייַע איבערוואַנדערער קוקן אהין מיט דערע־כערעצ. יודל ליפשיץ, זעט מען, האָט פּאַרדרוס — טאַקע דער־פון, וואָס יענע קוקן אהין מיט דערעכערעצ.

— מע קאָן מיינען — זאָגט ער צו זיי, — די בירעפעלד איז א גאַנצע סטאָליצע...

— א קלייניקייַט? — א קרעדיט־געזעלשאַפט!.. אַן אייגענע בי־נען־ווירטשאַפט...

— בעהיימעס! פונוואַנען זאָל זיך דאָ נעמען עפּעס א רעכטע שטאָט? בירעפעלד איז א העק — מ'איז שוין פון דאָרט געלאָפן אויך...

פון קיין זאַך האָט דאָ יודל ליפּשיץ אַזוי ניט האַנאָע, ווי פון דערציילן נײַ-געקומענע איבערוואַנדערער, אַז אין בירע-בידזשאַן איז גאָרנישט ניטאָ — אומעטום איז פּוסט, וויסטעניש...

בא דער זײַט שטייען פּריסקער, וועלוול, מאָטל און ביילע, הערן צו, וואַרפן אַף יודלען בייזע בליקן, ריידן צווישן זיך:

— זע נאָר, זע נאָר...

— ער לאָזט די גיפט...

— ווי אַ בין...

פון די בינשטאָקן קערט זיך אום שטיין און טאָדי. זיי האַלטן אין די הענט שטיקלעך פרישן בינען-וואַקס און אַ פּראָבע-סלויעקל מיט ליטערן דורכזיכטיקן ווײַסן האָניק. שטיין דער-פרעגט זיך בא די יונגע יאַטן:

— וואָס איז געשען?

— ניין, — זאָגט פּריסקער — גאָרנישט, — דערבײַ ווינקט ער אַף יודלען. — זי אַרבעט, די „לעבעדיקע פּרווו-סטאַנציע“, — זי איז אין פולן גאַנג...

דער אינזשעניער לאָזט דאָס דורך פאַרבײַ זײַנע אויערן און זעט אויס אופגעלייגט. ער ווײַזט אָן די איבערוואַנדערער, וואָס רינגלען אים אַרום, אַפן האָניק אין פּראָבע-סלויעקל:

— פון דאַנען וועט עס גיין איינער פון די בעסטע סאָרטן האָניק אין דער גאַנצער וועלט. אין ניו-יאָרק, אין פּאַריזש וועט מען אַרײַנקומען אין געשעפטן און מע וועט זאָגן: גיט מיר, איך בעט אײַך, אַ סלויעקל בירעבידזשאַנער האָניק.

שטיין אָבער רעדט מיט פיל ווייניקער פאַנטאַזיע. ער זאָגט:

— דערווײַל אַרבעט נאָך בא דעם בלויז אַן אָרטיקער אײַנוווינער, גייט אַרום איינער אַליין אַרום אַלע בינשטאָקן. מע מעג זיך לערנען בא אים ליבע צו דער זאַך. ער בעט, מע זאָל אים געבן מענטשן. מירן עפענען קורסן פאַר בינען-צוכט. די אַרבעט איז אַ רויִקע, אַן אָנגענעמע און ניט קיין

שוערע. מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געארבעט, קאָנען זיך לײַכט צו איר צוגעוווינען.

דאָ קוקט ער זיך אום אף יודל ליפשיצן, — ער איז א שטי־לער, א שטילער, אָ־דער שטיין, און צינדט זיך פּלוצעם אָן:

— צי עפּשער, — פרעגט ער בא ליפשיצן, — האלט איר נאָר פון לעקן האָניק און ניט פון מאכן האָניק? אויב אזוי, זײַט איר געוועזן און קאָנט בלײַבן אף אייביק א לעקער. אָט שטייט איר דאָ און שרעקט אָן די נײַע איבערוואנדערער. און צוליב וואָס טוט איר דאָס? וואָס האָט איר דערפון? — איר לעקט די סאָנים פון דער ארבעטער-רעגירונג, וואָס האָט אויסגעטיילט בירעבידזשאן פאר יידישע ארבעטנדיקע און האָט אײַך אף אירע הויצאָעס אהער געבראכט. גלײַכער ווערט א בירעבידזשאנער בירגער, הערט אוף צו לעקן... נו, צײַט צו פאָרן. מע דארף זיך נאָך אָפּשטעלן אפן אכט-און-צוואנציקסטן קילאָמעטער בא דער טראקטער־באזע — הײַדא!

וועלוול, בא דער זײַט, טוט זיך אזש אליין א ריס פאר די אייגענע האָר, ווי טאָמער, בייס עס צענעמענע אים די גע-פילן.

— אײַ — קוועלט ער אָן, — גוט ארײַנגעזאָגט — אזא יאָר זאָל איך האָבן!

— דער קאָמיוגיסט ארקע באסקער איז גרייט זיך אופצוזעצן אפן טראקטער, נאָר איידער ער טוט עס, כאפּט ער נאָך א קאָמיוגישן שמועס מיט דער יונגער כעוורע:

— מיר קומען קיין בירעפעלד, וועלן מיר עס באלד אוועק-שטעלן אף נײַע רעלסן. דאָרט זײַנען פאראן נאָך יאטן. באלד שטעלן אף די פיס די קאָמיאטשייקע, דאָס קאָמיוגיסטישע קעמערל. אויס אונטערגעצנגלעך, אויס שושקערײַ, א? פּריסקער...

— וואָס פאר א פראגע — זאָגט דערוף פּריסקער, — „די לעבעדיקע פּרווו-סטאנציע" אונטערן קאָנטראָל...

קאַפּיטל אַכט

1

אונטער דער גרופּע הײַזער, וואָס ליגן צופֿוסנס פֿון אַ באַרג און טראָגן דעם נאָמען „בירעפֿעלד", זײַנען די שפּיצן פֿון הויכע סאָפּקעס געווען אײַנגעטונקען אין גאָלד פֿון פֿאַרגײענדיקער זון. דער הימל איבער די שפּיצן — הויך, טיף-לזוריט, טיף-בלוי — אַ סימען אַף זוניק-טרוקענע טעג. דער וועג, וואָס פֿירט אין ייִשעוו, איז געווען האַלב-צוגעטריקנט, בלאָטיק, שטאַרק צע-טראָטן — אַ באַווײַז, אַז נאָך הײַנט צי נעכטן האָט דאָ שטאַרק גערעגנט. פֿינעם „צוג", וואָס דערנענטערט זיך אַהין, האָבן אַלע אַהין ווי אַף עפּעס זייער וויכטיקס געקוקט. דער קאָמיו-ניסט אַרקע באַסקער האָט דערבײַ שיר ניט פֿאַרגעסן, אַז ער מיט זײַן טראַקטער שלעפּט אַף זיך דעם גאַנצן „צוג" — אַזוי שטאַרק האָבן אים צענומען די געפֿילן צו דעם-אָ ייִשעוו:

— אַ קלײניקײַט ?..

— בירעפֿעלד — דער צענטער און דער אָנהייב פֿון דער גאַנצער בירעבידזשאַנער קאָלאָניזאַציע.

אין סאַמע סעזאָן פֿון גרויסע גוס-רעגנס זײַנען אַהער צו די ברייטע פּלאַכן אינמיטן דער טײַגע קוים דערקראָכן די ערשטע איבערוואַנדערער. ווען די פֿודן שווערקײַטן, וואָס זיי האָבן דאָ געהאַט אויסצושטיין, ווייסט שוין אַ האַלבע וועלט; אַפֿן כאַדאָשים-לאַנגן מאַבל, וואָס האָט זיי דאָ באַגעגנט, האָבן אַרטיקע אײַנוווינער געזאָגט — „אַזוינס געדענקט מען ניט". די טײַגע האָט גלײַך געגעבן צו וויסן:

— פּע! — מיט הוילע הענט וועט מען מיך ניט נעמען!
באַלד זײַנען אײנע נאָך דער אַנדערער געקומען צוויי פּאַר־פלײצונגען — בעפײרעש א „סײכל״ פון דער טײַגע: זי האָט אָפּגעריסן די ערשטע איבערוואַנדערער פון דער טיכאָנקער באַזע, פאַרגאַנגען איר סוינע אין הינטערלאַנד, ווי א פּרעג געגעבן:
— נו, וואָס וועט איר טאָן איצט?
דערנאָך איז געקומען אי א גערעטעניש אפּן גנוס אי א מאַגײפּע אַפּ פּערד — פון בירעפעלד איז מען געלאָפן צוריק, נאָר ניט אַלע — אײנער פון די געבליבענע איז לײבל, דער פאַרוואַלטער מיט דער מאַשין־סטאַנציע, וואָס איז צוריק מיט א פּאָר וואָכן געקומען אַפּ א טאָג קײן טיכאָנקע. ער האָט דאָרט אַרקען געזאָגט:
— אײַסעך... ווען ניט דאָס, וואָס די ראַטנמאַכט אַלײן האָט געשיקט, וואָלט דאָרט ניט געווען געבליבן קײנער, אפילע איך מיט מײַן כעוורע — אויך ניט.
אַרקעס אויגן האַלטן אין אײן קוקן אַהין איצט, בײס ער און זײַן טראַקטער שלעפּן נאָך זיך דעם „צוג״. בא אַרקען אין האַרצן — פאַריבל אַפּ אַלע היגע הויפּט־טוער:
— זע נאָר!..
ער האָט אומיסטן א געשרײַ געטאָן צו וועלוולען אפּן צוגע־שפּאַנטן מאַסע־אויטאָמאָביל, קעדײ כאַווער טאָדי און כאַווער שטײן זאָלן דאָס דערהערן:
— דאָס איז עס?
— כאַכאַקל?..
לויט אַרקעס קאָמיוגישן סײכל איז אויסגעקומען, אַז סע האָט דאָ פּאַרט געקאָנט זײַן א ביסל רירעוודיקער, וואָרעם מיט וואָס איז דאָס ערגער פון דורכלײגן א „טורקסיב״ ערגעץ אין א זאַמדיקן מידבער? — עפּעס ווי א קינד, וואָס מוז טראָגן אַפּ זיך דעם טאַטנס גרויס היטל. ווי דאָס שעמעוודיקע שול־דיק־שמײכלדיקע פּענעמל פון אַזא קינד, אַזוי האָבן אונטערן

נאָמען „בירעפעלד" אויסגעזוען פונוויַטנס די עטלעכע היַיזער צופוסנס פונעם בארג. דאָך, וואָס מער מע האָט זיך אהין דער־נעענטערט, אלץ מער שארף און אזעסדיק האָבן פון דאָרט גע־נומען קוקן אלע היַיזער, געבויַדעס און בויַדלעך — שוין גיכער א קריגס־לאגער, איידער א געוויינלעכער יישעוו. צווישן בא־ראקן און געצעלטן האָבן געדוליכערט צעפּייגטע פּיַיערן, וואָס טרייבן אָפּ דעם גנוס. מידלעך, פול און פול מיט שפּורן פון נאָרוואָס פארענדיקטער שווערער טאָג־ארבעט, האָבן צו איינער א געבויַדע געהאָלטן אין אומקערן זיך פיל טראקטערס און מאשינעס, די אלטע פּאָר כורוועס פון דער אמאָליקער געווע־זענער פּרווו־סטאנציע זיַינען געווען צוביסלעך אויספּאריכט און ארומגערינגלט מיט נייַע היַיזער, וואָס האלטן זיך נאָך אין בויען — צווישן זיי: א ניַי־אוועקגעשטעלטע פּרווו־סטאנציע, א גרעסערע הויז פאר א קלוב און פאר א סטאָלאָוקע, א באראק פאר די שילער פון מעכאניק־און טראקטער־קורסן, א לאגער פאר מאשין־טיילן, פאר אן אָנהייב פון אן עלעקטרישער סטאנ־ציע, א מאשין־ווארשטאט אין איינער פון די אלטע געבויַדעס.
אין איינער א טיר, וווהין מע איז געגאנגען אָפּ און אוף, — אפּאָנעמ, א שטיקל דאָרפראט, אהין האָבן איצט בא זונ־און־טערגאנג, ווי צו א פעלד־שטאב אין דער ציַיט פון מילכאָמע, זיך געצויגן די פעדעמער פון אלע ארומיקע קליינע און קלע־נערע יישווים, וואָס וואָרצלען זיך איַין דאָ אין דער טיַיגע, — פון איין זיַיט, ביז צום בארג „באָמבע", און פון דער אנדע־רער זיַיט, ביז צו ארכאנגעלסקאָיע. בירעפעלד, צו יענער ציַיט — א קריגעריש ביוואק, ארומגערינגלט פון אלע זיַיטן מיטן בייזן סוינע — טיַיגע. שוין אפילע א וווּנדער, פארוואָס באם אריַינ־פאָרן אהין שטייען ניט קיין פּאטרולן, שטעלן ניט אָפּ, פרעגן ניט וואכזאם און שטרענג:
— ווער זיַיט איר?
— וואָס דארפט איר?

אזא איז געווען בירעפעלד צו יענער צײַט — געהאט צו דערציילן קינדס-קינדער וועגן א סאך בײַגעשטאנענע פארבי-טערטע שלאכטן און סאכאקל אלט געווען קנאפע פיר כאדאָ־שים, זיי געקאָנט זייער גיך איבערציילן אף די פינגער:

— מײַ, יונ, יול, אווגוסט.

2

ס'איז שוין געווען פארנאכט נאָך אלע טאָג-ארבעטן, און א־קע מיט זײַן טראקטער האָט אָפּגעשטעלט דעם צוגעשפאנטן צוג אין אָנהייב יישעוו. פון א קוימען אף א זײַטיק הויז איז גלײַך צום הימל אופגעגאנגען א שמאָלער שפּור פון רויך. אלע פאסאזשירן זײַנען אוועק, געבליבן איז בלויז ארקע לעבן טראק־טער. ביידע האָבן אויסגעזען נישקאָשעדיק מיד און פארדריפּעט — אי ארקע אי דער טראקטער. מיט פארבלאָטיקטע הענט האָט ארקע זיך געפּאָרעט באם טראקטערס אָפּגעשטעלטן מאָטאָר, אופ־געהויבן דעם בלעך, ארײַנגעקוקט אינווייניק מיט א בליק, וואָס האָט צו זאָגן:

— נו, גוטער ברודער, ביסט געשטאנען אין די נויטן.

— פײַן הײַנט אנ אקער געטאָן!

— האָסט, דאכט זיך, פארדינט, מע זאָל דיך אוועקשטעלן אונטער א דאך, א?

ער האָט זיך ארומגעקוקט, א זוך געגעבן מיט די אויגן, צי געפינט זיך נאָענט דער נייטיקער דאך, און האָט דערזען די עטלעכע יונגע יאטן, וואָס שטייען ארום דעם צוגעשפאנטן נײַעם מאסע־אווטאָמאָביל און באטראכטן א'ם, ווי באלעבאטים א נײַ־צוגעקומענע שטיק מעבל. איינער פון די יאטן — א יונגער, א באָרוועסער, אין עמעצנס א פרעמד לײַבל — האָט מיט זײַן שמאָלן ברוין־אָפּגעברענטן־פּאָנעם און מיט זײַנע קרום-שמייכל־דיקע ברייטע אויגן אויסגעזען צו זײַן אי מאמזעריש-קלוג,

דורכגעטריבן אי אזוינער, וואָס וועט דער ערשטער קומען צו הילף, אויב מע וועט דאַרפן. בא אים האָט ארקע א פרעג געטאָן:

— ווו איז דאָ דער מעכאַניק לייבל?

דער יאַט מיט די ברייטע קרום-שמייכלדיקע אויגן האָט א קוק געגעבן נאָך מער מאַמזעריש-קלוג, געענטפערט מיט א ברוסטיק ווייכער באַזונדערער שטים, זיך אַליין פאַרשעמט, אַלעמען זיין שטים איז אַזוי פריינטלעך-האַרציק:

— לייבל? — אָדער אין סטאָלאָווקע, אָדער אָן — דאָרט-אָ.

ער האָט אָנגעוויזן אף דער טיר, וווהין מענטשן גייען אָפּ און אויף — אַפּאָנעם, א שטיקל דאָרפראַט.

— און איר? — האָט ארקע וועגן יאַטל און וועגן די אַרומיקע א פרעג געטאָן, — פון די טראַקטער-קורסן? קורסאַנטן?

— יאָ, — האָט דער יאַט געענטפערט.

און ווי ניט וועלנדיק, מע זאָל מיינען, אז ער איז צו א יונגער און צו א ווייכער מענטש, האָט ער קאַלט צוגעגעבן:

— פונקט... ווי דאָס האַרץ זאָגט אייך.

ארקע איז אוועק אין דער סטאָלאָווקע, נאָר לייבלען דאָרט ניט געטראָפן. עס איז שוין געווען א גוטע האַלבע שאָ נאָך דעם, ווי אַלע אָרטיקע האָבן אָפּגעגעסן. דער צופאַלנדיקער פאַרנאַכט האָט פון דרויסן פאַרקלעפּט די פענצטער. אין סטאָלאָווקע איז געווען טונקל. געלויכטן האָט זיך בלויז אינעם אָפענעם פענצטערל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אף צו דערלאַנגען עסן פון דער קיך. מיט איינגעזונקענע פענעמער אין דער שיין זיינען דאָרט האַרט לעבן פענצטערל געשטאַנען צוויי טראַקטעריסטן, וואָס זיינען שפּעטער פון אַלע געקומען צוריק פון פעלד-אַרבעט — צוויי געזונטע בעוורעלייט. איינער פון זיי האָט אַריינגערוקט זיין קאָפּ אין באַלויכטענעם פענצטערל און געהאַלטן אין איין רייסן די הויט:

— נו, סאָרע...

— דו ווערסט אמאָל געבן עסן?
— א? סאָרע!
— גיב די קארטאָפליעס מיט א ביסל קנאָבל.
— הערסט? סאָרע.
— גאָט זאָל שוין דיר געבן א נײַע נעשאָמע, סאָרע...
פון יענער זײַט באַלויכטענעם פענצטערל האָט געענטפערט א מויל פול און פול מיט ביז גאָר בייזער פרויען־שטים:
— עסן וועל איך אײַך געבן!..
— א מאקע וועל איך אײַך געבן!
— א קרענק וועל איך אײַך דערלאנגען!
— א באָליאטשקע וועל איך אײַך צוטראָגן!
— פויליאקעס!
— לאָדערס!
— פראָגולשטשיקעס!
— איר האָט מיר צוגעזאָגט פאריכטן דאָ דעם דאך.
— שוין א מײַסע פון א וואָך און פון צוויי!
— נאָך יעדער רעגן האָב איך דאָ אין סטאָלאָוועקע א פארטרינקעניש.
— איך צעלייג זיך מיט עמערס און מיט שמאטעס אויס־ווישן דאָס וואסער.
— דער גאנצער אוילעם שטייט מיר אוןווארט—קאָן ניט ארײַן אין סטאָלאָווע.
— גאנצע פּאָמפּעס דארף מען דאָ האָבן.
— סאָרע—האָט געבעטן דער כעוורעמאן—מאטער ניט, מיר זײַנען הונגעריק, מיד פון דער ארבעט. מיר זײַנען טראַק־טעריסטן זײַנען מיר—לאטען א דאך זאָל עמעצער אן אנדע־רער. גיב די קארטאָפליעס, סאָרע... נו גוט, מאָרגן וועט דער דאך זײַן פאריכט, סאָרע.
יענע, וועמען מע רופט סאָרע, האָט טאקע ווי נאָר דערופ געווארט:

— אָ, „מאָרגנ"... מיכ שוינ גענוג געקאָרמעוועט מיט „מאָרגנס", געווענ א טערעצ: „נישטאָ מיט וואָס דעמ דאכ צו פאַריכטנ". איצט נאָ: ט'האָסטו בלעכ, ט'האָסטו טשוועקעס — כ'האָב שוינ אלײנ צוגעגרייט, אָט ליגט עס־אָ!.. פּויליאקעס, לאָדערס! „סאָציאליזמ, זאָגט עס, איז עס געקומענ אהער בויענ". אוועק פונ מײַנע אויגנ, לאָמיכ כאָטש דײַנ מיעס פּאָנעמ דאָ ניט אָנקוקנ!

ארקע איז געשטאנענ גאָר נאָענט לעבנ די צוויי אָרטיקע טראַקטעריסטנ, פּאמעלעכ ארײַנגערוקט זײַנ קאָפּ אינ באלויכ־טענעמ פענצטערל אונ באטראכט די טשיקאווע שרײַערקע, וואָס הייסט סאָרע. יענע איז דאָ, אפּאָנעמ, געווענ ניט בלויז די קעכנ, נאָר אויכ די געפעס־וואשערנ אונ די דערלאנגערנ. א פעסטע, ניט קיינ באזונדערס ווּקסיקע, איר פּאָנעמ פארבונדנ מיט א שאלכל, קעדיי דער „גנוס" זאָל ניט בײַסנ, האָט זי בא דער אָנגעהייצטער פּליטע געהאלטנ אפּ איינ מאָל אינמיטנ דרײַ אָדער פיר ארבעטנ. זי האָט זיכ אומגעקוקט, דערזענ ארקענ. פונ אונטער איר שאלכל האָבנ זיכ ארויסגעשלאָגנ בייזע, שוואַרצע האָר. איר פארקאשערטע רויטלעכ־נאסע הענט האָבנ א זוכ געגעבנ ארומ זיכ א האנטעכל אפּ אָפּצוטריקענע זיכ.

— אָט — האָט זי געזאָגט וועגנ ארקענ, — שוינ עפּעס א נײַער רועכ! וואָס איז?.. וואָס קוקט איר!

— גאָרנישט — האָט געזאָגט ארקע, — איר געפעלט מיר... גיט אהער דעמ בלעכ מיט די טשוועקעס, קומט, ווײַזט מיר, ווו רינט דער דאכ.

יענע האָט זיכ אפּילע קיינ האָר ניט געוווּנדערט. גלײַכ גענומענ ארויסשלעפּנ פונ א ווינקל א פּאָר צונויפגעקוליעטע שטיקער בלעכ אונ דערבײַ ניט אופגעהערט בייז צוצוזאלצנ:

— אלע זײַט איר דעמ ערשטנ טאָג ווּילינקע...

— כאָטש לייג אײַכ צו א מאקע!

— איכ קאָנ אײַכ ניט?..

דאָס איז געווען אַרקעס ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט סאָר־קען. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן:

— נישקאָשע פון אַ ברען, אָ־די סאָרע.

זי האָט דאָ אַרײַנגענומען די קיך אין אירע הענט אַרײַן און איז געוואָרן אַ שטיקל הערשערן — ווי נאָר זי דערוויסט זיך וועגן אַן איבערוואַנדערער, אַז ער וויל אַוועקפאָרן, אַזוי באַלד הייבט זי זיך אָן אונטערצופוילן באַם אַרויסגעבן אים עסן. יענער מעג זיך אַפּ איר קלאָגן, זי ענטפערט דערויף ביז גאָר בייז:

— ס'איז דאָ בא מיר ניט קיין אײַנפאָר-הויז.

פאַרקערט, יעדן יאַט, וואָס אַרבעט דאָ גוט, לייגט זי אַרײַן אַ בעסערן כיילעק אין טעלער. אונטערכאַנפּענען זיך לאָזט זי ניט. איינער אַ באַיאָרטער איבערוואַנדערער — פון די ערשטע דעזערטירן — האָט דעריבער דאָ אַפּ איר אויסגעטראַכט, אַז אין שטעטל, פונוואַנען זי קומט, האָט זי מיידלווײַז געהאַט אַ מאַמ־זער און קאָן דאָרט איר נאָז ניט באַווײַזן — אַניט, וואָדען זיצט זי דאָ? סאָרע האָט דערויף גאַנץ קורץ געענטפערט:

— סאָבאַקאַ ברעשע, וויטער נעסע.

און זי האָט זיך ווידער געטאָן אַ ירס.

— ווער עס אַרבעט ניט — האָט זי געזאָגט, — וועט בא מיר קיין עסן ניט קריגן. — אַ מאַקע!

וואָס שײַעך צום נײַ־געקומענעם איבערוואַנדערער יודל ליפשיץ, האָט ער מיט סאָרען זיך שיר ניט צעבוצקעט נאָך דעם ערשטן אָפּדערנאַכט, ווען אַלע טיכאָנקער האָבן זיך אויסגעזעצט אין סטאָלאָוועקע באַם טיש און זיך גענומען צום דערלאַנגענע עסן. יודלס אויגן האָבן באַלד אַ מעסט געטאָן זײַן טעלער מיט די אַרומיקע טעלערס. זײַן בליק האָט זיך אָנגעצונדן — בא אים אין טעלער איז געווען מיט אַ פּאָר קאַרטאָפליעס ווייניקער, ווי בא אַנדערע, און דעריקער: עפּעס געפּאַלענע, גאָר קיין קאַר־טאָפליעס ניט... ס'איז אויסגעקומען, אַז סאָרע מיט איר פאַר־הוילענעם כוש וואָלט גלײַך אָנשמעקן, אַז דער־אָ יודל ליפשיץ

וועט דאָ זײַן ניט פֿון די גרויסע ארבעטער. באַם טיש, ווי טאָמער, ווען עס קומען אָן נײַע מענטשן, זײַנען געזעסן עט־לעכע אָרטיקע, זיך וועגן סאָרען געוואָרטלט:

— זי איז בא אונדז א מאזיק!

— לערנט מיט אַלע דערעכערעצ.

— מישט זיך דאָ אין דער גאנצער באַלעבאטישקײַט.

— איר וועט שוין זען אפֿ די פֿארזאמלונגען.

סאָרע איז צוגעקומען צום טיש מיט נײַע פֿולע טעלער, עמעצער האָט בא איר א פֿרעג געטאָן:

— איאָ? סאָרע...

סאָרע האָט זיך ניט אומגעקוקט. יענער האָט געזאָגט אומיסטן הויך:

— נו, ווי דען? „יעדער קוכנע דארפֿ קענען פֿראווען מיטן לאנד“, — אזוי זאָגט לענין.

סאָרעס פּאָנעם, פֿארוויקלט אין שאלכל, האָט זיך אויסגע־דרייט צו יענעם, וואָס זאָגט עס.

— וואָס־זשע?.. שטייט אײַך עפּשער ניט אָן?

זי האָט מיטן ארבל ניט אָן האָנער אויסגעווישט איר מויל און האָט דערבײַ שיר־שיר ניט א שמייכל געטאָן:

— זאָלט איר טאקע וויסן, — האָט זי געזאָגט, — טאקע מיך האָט ער געמיינט — לענין...

זי האָט באקומען נאָך מער האָנער און האָט צוגעגעבן:

— אָט, ווי איר קוקט מיך אָן...

3

די געזאנגען האָבן ביז שפּעט אין דער נאכט זיך גע־טראָגן פֿונעם באראק, ווו עס וווינען די טראקטעריסטן און קורסאנטן, געבלאָנדזשעט איבערן שלאָפֿנדיקן יישעוו בירעפֿעלד, זיך געלאָשן מיט געלעכטער און זיך באנײַס אָנגעצונדן, ווי

פּלאַקער־שוועבעלעך — זייער פּלאַם זעט מען ניט אַרויס, נאָר מע פילט אים.

און ווידער האָט דער קליינער ישעוו דערמאָנט אָן אַ קריגס-לאַגער דאָ אינמיטן דער טײַגע. די עלטערע איבערוואַנדערער זײַנען, אַפּאָנעם, שוין געווען צו דעם געוווינט — רויִק געשלאָפן.

די געזאַנגענע האָבן זיך פֿאַרייניקט אין אַ כאָר, זיך פֿאַר־צילעט, ווי אַ סאַך פֿעדעמער אין איין נאָדל, אויסגעניייט אַף שוואַרצער נאַכט-קאַנווע אַ פֿריילעכן אוזאָר.

אַ ביסל אָן אַ זײַט פֿון די געזאַנגענע, אַרום דעם מעכאַ־ניקער לייבלען — אַ בלאָנדן און גרויס־גופּיקן — זײַנען אין ווײַטן באַראַק־ווינקל געזעסן אין דער פֿינצטער די נײַ־געקו־מענע אַרקע, מאָטל און פּריסקער, זיך דערפֿרעגט בײַ אים וועגן די אָרטיקע פּאַרטיי־ און קאָמיוג־קעמערלעך, געהערט, ווי יענער ענטפֿערט קאַלטלעך, מיט אַ האַלב מויל:

— דער סאַכאַקל?..

— וואָס פֿאַר אַ סאַכאַקל?

— אײַנגאַנצן איז מען דאָ אַ טאָג מיט אַ מיטוואָך — פֿיר כאַדאָשים...

אין פֿאַרגלײַך מיט דער פּאַסיווקײַט פֿון לייבלס פֿיגור איז זײַן אַרט ריידן געווען צו גרינג, אָן יונג און לעבער — זײַן מויל לאָזט פֿויל אַרויס ווערטער און אַליין, דאַכט זיך, טראַכט ער גאָר דערבײַ וועגן עפּעס אַנדערש:

— גוטע ברידער, זײַט דאָ אָפּ אַ ביסל.

— אין איין שפּײַ־דריי ווילט איר אַלץ וויסן?

פּונקט אַזוי קאַלטלעך האָט ער צוריק מיט עטלעכע טעג, בײַ זײַן וויזיט אין טיכאָנקע, געענטפֿערט אַף אַרקעס פֿאַרלאַנג איבערצופֿאָרן קיין בירעפֿעלד:

— נו? פֿאַרוואָס ניט?

— נישטאָ אין בירעפֿעלד קיין אַרבעט?

— פֿאַראַן דאָרט וואָס צו טאָן.

אויך אזוי גרינג, אָן שום שפּורן פון האכאָנעס, האָט ער איצט פאַר די ניי־געקומענע געגעבן א לייג-אויס דעם קיצער, וואָס ער האָט וועגן איצטיקן בירעפעלד צו זאָגן:

— ס'איז דאָ א ביסל ווי נאָך א יאריד...

פיל מער טעמפּעראַמענט, האָט זיך געדאַכט, ווייזט ארויס זײַן נאָגל, וואָס קלאַפּט דערבײַ אָן די אייגענע געזונטע ווייַסע ציין.

— ווער ס'איז געקומען אהער „האנדלען", — האָט ער גע-זאָגט, — יענער איז פונדאַנען אוועק, אָדער ער וועט איינגיכן אוועק — דאָס איז מיקויעך די עלטערע, נו, און די יונגע יאטן ?..

ער האָט א טראַכט געטאָן, ווי איינער, וואָס היט זיך פון ארויסגעבן ווערטלען:

— נו אָט — מע זינגט...

די זינגענדיקע יאטן אין באַראַק האָבן ווירקלעך געליאַרעמט מיט אזא פריילעכער ברייטקייט, ווי עס וואָלט זיי ניט אָנגיין קיין שום שמועסן און קיין טאַכלעס — מיטן געזאַנג זייערן זײַנען זיי איצט, נאָך א טאָג שווערער ארבעט, ווי אויסגן געוועזן צו זאָגן סײַ ליבלען סײַ די ניי־געקומענע טיכאָנקער יאטן:

— דולט ניט א מויעך מיט אײַער ריידן.

— אלע קאָפּ־דרייעניש זײַנען ווערט א שמעק טאַבעק.

דער ניי־געקומענער וועלוול האָט זיך שוין געפונען טיף אין באַראַק צווישן די זינגענדיקע. אלע מאָל, ווען דער גע־זאַנג אין דער פינצטער איז אנשוויגן געוואָרן, האָט ער דאָרט באַנײַס פריילעך אויסגעשריען:

— אײַ, סי גוט!

— נאָכאַמאָל..

דאָך. די אייגענע יאטן האָבן אָפּ מאָרגן, אָפּ דער פאַר־זאַמלונג, געגומענע אפּן צימבל אי כאָוויר טאָדין אי כאָווער

שטיינער, געדעקט פֿאַר קריכנדיקע טעמפּן אין די אַרטיקע פּי־רערשאפט אי זיך אליינ. פֿון אלע זייערע ארויסטרעטונגען איז געווען קלאָר: אויב מע וועט דאָ ניט בויען קיין סאָציאַליזם, האָט מען דאָ ניט וואָס צו טאָן.

4

ס'איז געווען פּאַרנאַכט, באַלד נאָך דער אַרבעט.

אף דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען איבערוואַנדערער פֿון אלעקסאַנדראָווקע, פֿון די נייע קליינע יישובים בירושקע און סטעפּנאָיע, פֿון אַלע ערטער אַרום בירעפעלד, ווו די ער־שטע איבערוואַנדערער־כוואַליע האָט צעשלאָגן אירע געצעלטן און באַראַקן.

אין „רויטן ווינקל" — מער מענטשן, ווי עס קאָנען אַריין. אַרום בירעפעלד האָבן קאָמאַנדעוועט דעם טאָגס לעצטע שיי־נען, געקראָכן אף די שפּיצן פֿון די סאָפּקעס. קיינער קוקט אף זיי ניט — געכיינדלטער זון־פּאַרגאַנג איז א פּוסטע מייסע מיט דעם, וואָס מע האָט אף דער פאַרזאַמלונג אויסצולייגן. נאָר גיכער, זאָל מען אָנהייבן, — א פּאַרזיצער, א פּרעזידיום אַרום כאָווער טאָדין און כאַווער שטיינען באַם טישל מיט די פּאָר פּרי־אָנגעצונדענע לאָמפּן, אבי וואָס גיכער צוטרעטן צום איקער — צום וויטערדיקן אַרבעט־פּלאַן. דערווייל ווערט א באַריכט גע־לייענט מיט אַן איינטאָניק קאָל. די לאָמפּן אפן טישל — ווי פּרי־אָנגעצונדענע וואַקסענע ליכט, בייס מע לייענט עמעצן אַן אורטייל. שטיל־שווייגנדיקע פאַרזאַמלטע — מע ווייסט נאָך ניט, ווער פֿון זיי ווערט געמישפּעט און ווער וועט מישפּעטן. מע נעמט ווערטער, ווי גלאַט אַזוי זיך, ווי אף פּאַרצושטעלן און דערעסן דער פאַרזאַמלונג, ווי אף אונטערצורייסן זי מיט „גלאַט־ריידעניש".

— אנטקעגן דעם, וואָס מע זאָגט „ערשטע טריט", „שווער"... הערט מיך אויס...

דער פאַרגעסענער דרויכן אַף יענער זײַט װענט גאַנװעט, דאַכט זיך, שאָען — אַפּצולאַכעס מאַכט ער דאָרט נאַכט פֿריִער װי אַלע טאָג, אַף צעפּיקעניש דער פֿאַרזאַמלונג. עס רעדט אַ באַיאָרנטער שמיד — שוין געװען אין אַרגענטינע, פּאַלעסטינע, אורוגוויַ, געקומען אַהער מיט דרײַ זין: אַ מעכאַניקער און צװײ טראַקטאַריסטן, און ער אַלײן זאָגט:

— מאַכט ניט אױס, װאָס ס'איז דאָ שװער... מע קאָן מאַכן אַ לעבן, נאָר װאָס-זשע דען...

ער געפינט זיך דאָ סאַכאַקל עטלעכע טעג, װײס נאָך אַפילע ניט, װאָס פאַר אַ טײַנעס זאָל ער האָבן. זײַן „נאָר װאָס-זשע דען" איז מער ניט װי אַן אױסרײד — ער װיל בלױז, מע זאָל װיסן, אַז ער איז דאָ, און ער רײַצט בלױז אױף די פֿאַרזאַמלונג, רופט בלױז אַרױס מער היץ.

אונטערן אױסרײד „צו באַהאַנדלען דעם באַריכט" האָט זיך אַף זײַן װאָרט קוים דערװאַרט אײנער, װעמען זײַן קלײנער קאָלעקטיװ האָט אַרױסגעװאָרפן און װיל אים צוריק ניט אַרײַנעמען און װיל אים „דאָרט עפּעס" אַרױסצאָלן — טאַקע בלױז דאָס װיל ער: צוקלאָגן זײַן קאָלעקטיװ צו דער פֿאַרזאַמלונג:

— װאָרעם מע זאָגט מיר: „ביסט אַנטלאָפן אַהער פֿונעם „פֿינינספּעקטער", איז װאָס פאַר אַ מאָשל „פֿינינספּעקטער"...

ס'האָט זיך אױפגעשטעלט אַ װײַבל פֿון סטעפּנאָיע, געהאַלטן אַן אַנשלאָפן געװאָרן קינד אַף די הענט, געפּאָדערט אײן זאַך:

— אַ דירע און שוין.

װי פֿון דרעמל אַרױס האָט צו זײַן פֿאַרשריבן װאָרט זיך אױפגעכאַפּט דער יונג-גראָער איבערװאַנדערער סימכע קאָראַליװקער, אַ קוק געגעבן אַרום זיך מיט שלעפעריקע אױגן, װי אַ פֿאַרשפּעטיקטער, געהאַט צו דערצײלן זײער פֿיל — װיִאַזױ ער האָט פֿון קלײנערהײט אָן געאַרבעט באַ ערד, באַ אַ פּאַ-רעץ, „זײער אַ גרױסער מאַיאָנטעק" אַאױ. ער האָט ניט פֿאַר-

שטאנען, פאַרוואָס האָט מען דאַפקע צו אים אָנגעהויבן שרײַען פון אַלע זײַטן: „גיכער!״ „בעקיצער!״. ווי אַ ווייכער מענטש גלײַך נאָכגעגעבן:

— געפּויעלט, זאָל זײַן בעקיצער...

און דאַפקע באַלד אָנגעהויבן פון אָנהייב:

— האָב איך אַלע יאָרן געאַרבעט אין אַ גרויס מאַיאָנטעק באַ אַ פּאָרעצ. ווייס איך, אַז פון קליינע באַלעבאַטישקײַטן קאָן גאָרנישט ניט זײַן, און דאָ איז ראַק קליינע קאָלעקטיוולעך. מע זאָגט שוין: „מעט זיי פאַרייניקן", איז וויאַזוי וועט מען פאַרייניקן? וועלכע וועט מען פאַרייניקן? איך מיין עס ניט צוליב זיך אַליין, וואָרעם מײַן גרופּע, וואָס איך בין מיט איר געקומען, און איינער, מענדל זאַקס, פון „נײַ-קאַזאַנ", האָבן, הער איך, גאָר געפונען ערד אין וואַלד, ניט ווײַט פון טי־כאָנקע, און איך — ווען מע גיט מיר אַזוי, לאָמיר זאָגן... איך ווייס די זאַך, כ'האָב געאַרבעט פון קליינערהייט באַ אַ פּאָרעצ אין אַ גרויסן מאַיאָנטעק...

ס'האָט גערעדט אַבע קאָטליאַר — אַ געוועזענער פאַרמעג־לעכער קאַצעוו, וואָס בויט זיך אין אַלעקסאַנדראָווקע בעפּיי־רעש ברייט, און אַז מע פרעגט אים, „ווו נעמט ער געלט", ענטפערט ער: „וואָס אַרט אײַך? — כ'האָב צוויי טעכטער קראַ־סאַוויצעס און ביידע שיקן מיר זייערע אַלימענטן". ער האָט אָנ־געהויבן מיט די ווערטער, וואָס „אָט... איך אַליין":

— איך אַליין, איידער איך בין אַהער געקומען, האָב איך געוווינן זיבן פּוד נעוויילע, דאָ אין בירעבידזשאַן האָב איך שוין קנאַפּע צוויי פּוד נעווײַלע פאַרלאָרן...

און ער איז אַוועק ווײַטער. שוין געווען אַפילו אַ כי־דעש — ער רעדט אָפּן לאַנד גאָלע גוטס:

— מיר לעבן שוין דאָ פיר כאָדאָשים און ווייסן שוין אַפּ וואָס פאַר אַ וועלט מיר זײַנען, מיר האָבן דאָ געהאַט צוויי פאַרטרינקעניש און רעגנס און „גנוס" און אַ פּאַדי אַפּ

פערד, זיך געגוג אָנגעלײטן, און אז מיר זאָגן „דאָס לאָנג האָט די ווערט", ווייסן מיר, וואָס מיר זאָגן. נאָר לאָמיר צ ווײַט ניט קריכן... אָט בין איך ניט לאַנג געווען — ער האָט אָנגערופֿן אַן אַלט־אײַנגעזעסענעם ייִשעוו לעבן אַמור — האָב איך דאָרט געזען באַלעבאַטישקײַטן, ווי רופט מען עס — „פּעס־טע פּויערים" מיט אַ גרויסן הויף, מיט שפּײַכלער, און בײַ אונדז — איז מען ניט אין קאָלעקטיוו, איז מען טרייף און געגוג... וואָרעם, זעט איר דאָך, בײַ אונדז...

מע האָט אים איבערגעהאַקט, ניט געלאָזט ווײַטער ריידן:

— וויף ער אויך!

— קלאָר...

— אהא!

— דאָס האָט ער זיך אַזוי שיין צעזונגען...

קויפֿעס האָבן זיך געטראָגן פֿון די רייען, ווו עס געפֿינען זיך די יוגנט־טראַקטעריסטן און קורסאַנטן. מע האָט ניט גע־קאָנט ווײַסן: מע לאַכט דאָרט, צי מע פֿײַערט? — דאָס האָט צעטומלט די נײַ־געקומענע אַרקען, פּריסקערן און מאָטלען, און דעריקער אַרקען — פֿאַר אים איז קיין נײַס ניט, אַז אַ פֿאַרזאַמלונג איז אַ שלאַכט מיט צוגעגרייטע סטראַטעגישע גענג — ניט קיין „קרישמע־לייענען", מע פֿירט דורך די פּאַרטיי־ליניע. נאָר דאָ איז אַלץ נאָך אַזוי רוי, און ווער וועט דאָ דעם ניי־טיקן שלאַכט געבן? און מיט וואָס זײַנען אָפּ אָט דער פֿאַר־זאַמלונג געקומען די יונגע יאַטן? מע זעט בלויז, אַז זיי זידן, די יאַטן, — אַלע אַרויסטרעטונגען רופֿן בײַ זיי בלויז אַרויס פּאַרדרוס. דאָס וואָרט נעמט דער מעכאַניקער לייבל, און אויך דאָס, זעט מען, שטילט ניט אײַן די יאַטן. עס ווערט פֿונדעסט־וועגן אַ שטיקל שטימונג, אַקוראַט ווי ערשט איצט הייבט זיך אָן די פֿאַרזאַמלונג. מע הערט ווי לייבל הייבט אָן קאָלט:

— די ערשטע פֿיר כאַדאָשים אין בירעפֿעלד און אַרום בירעפֿעלד האָבן געלערנט מיט אַלעמען באָלעק.

פון צווישן דער יוגנט שרײַט עמעצער היציק ארויס:
— סע געווען צו געזונט!

ארקע קוקט זיך אום — ס'איז דער מאמזעריש-קלוגער יאט מיטן לענגלעכן ברוין־אָפּגעברענטן פּאָנעם און מיט די שמאָלע אויגן. וועלוול האָט עפּעס צו זאָגן ארקען. יענער שטויסט אים אָפּ פון זיך — אָט־אָט־אָט הייבט אים אָן קלאָר ווערן דער גאנג פון דער פארזאמלונג. לייבל איז קאלט מוידע:

— יאָ, סע געווען צו געזונט. מ'האָט געגעבן א „זאר־יאדקע" ווען מע דארף, ס'האָט אויסגעניכטערט ווען מע דארף...

ארקע זעט: די יאטן — קימאט זיי הערן שוין ווידער ניט. לייבל רעדט וועגן פארשיידענע איבערוואנדערער, וואָס זײַנען אהער געקומען מיט פארשיידענע „דומקעס":

— געווען אזוינע, וואָס האָבן נאָך אלץ געגלייבט: „מע בײַט דאָס אָרט, בײַט מען דאָס מאזל". געקומען מיט אימפּעט א פּאָר שאָוויניסטן — „מעט איבערקערן וועלטן".

צווישן די יונגע יאטן, וואָס שעפּטשען זיך און גרייטן זיך צו עפּעס, האָט דאָך איינער צײַט א געשריי צו געבן:

— ווו זײַנען זיי איצט?

לייבל ענטפערט:

— זיי האָבן א קוק געטאָן, ס'איז שווער, זײַנען זיי לאנג דאָ ניט געבליבן.

צווישן די יאטן לאכט מען:

— זיי וועלן זיך באגיין אָן א יידישער נאציע?

לייבל מוז צוגעבן:

— אפּאָנעם, זיי וועלן זיך באגיין...

פון דעם אלעם ווערט ארקען קלאָר: די יאטן ווילן איינס פון די ביידע: אָדער לייבל זאָל ריידן שארף און קלאָר, אָדער ער זאָל אינגאנצן ניט ריידן. איינער פון זייערע שליכים דאָ אפ דער פארזאמלונג, זעט מען שוין, וועט זײַן דער יאט מיט

די שמאָלע אויגן און מיטן לענגלעכן ברוין-אָפּגעברענטן פּאָ־
נעם. ער נעמט דאָס וואָרט דער פּערטער נאָך לייבלען און
הייבט אָן דאַפּקע פון דעם, וואָס לייבל האָט געזאָגט, אַז פונ־
דאַנען זיינען שוין אַוועק אַלע שאָוויניסטן און אַז די שווערע
פּיר כאַדאָשים האָבן אויסגעניכטערט באַלעגופּישע און ספּעקו-
ליאַטיווע עלעמענטן:

— ט'האָט מען ערשט דאָ אָפּ דער פאַרזאַמלונג געהערט
קולעס וועגן „פינינספּעקטער" און וועגן „פּעסטע פּויעורים".
נאָר דעריקער איז דער אויסגעהערטער באַריכט — אַ סקאַנדאַל,
ניט קיין באַריכט. נישטאָ דאָ וואָס צו פאַרשוויגן — ס'איז אַ
דורכרייס איבערן גאַנצן פראָנט, אָנגעהויבן מיט די ניט-פּאַסיקע
עלעמענטן, וואָס מע שיקט אַהער פון די ערטער, און אויס-
געלאָזט מיט דער ניט־צוגעגרייטקייט צו דער בויונג. ווי עס
פירט זיך דאָ, און פאַרוואָס? ווייל עס פירט זיך ניט קיין
אופקלערערישע אַרבעט אָפּ די ערטער, פונוואַנען מע שיקט
די איבערוואַנדערער, און דאָ אָפּן אָרט איז נישטאָ ווער עס
זאָל רופן די טוער צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ווו זיינען פאַר־
טיי־קעמערלעך? ווו איז קאָמיוג? ווער בויט דעם גאַנצן פאַר־
באַנד? — די פאַרטיי בויט. וואָס איז בירעבידזשאַן? ניט קיין
אויסנאַם, אַ טייל פונעם פאַרבאַנד.

מאָטל טוט לעבן זיך אומיסטנע אַ טאָרקע דעם וויניק-
איוורעדיקן וועלוועלען, כּדי ער זאָל זיך אָראָפּנעמען אַ
מוסער:

— הערסט, ווי אַ יאַט רעדט? קימאַט אַלע האָבן זיי
געענדיקט אַ פאַרטיי-שול.

וועלוועל וויל זיך ניט קאַליע מאַכן די האַנאָע, וואָס ער
האָט פונעם יאַטס ריידן — ער קוועלט אָן:

— פייער!

ער הערט ווי דער יאַט זאָגט:

— מע האָט דאָ קאָנסטאַטירט: פון די אויסגעטיילטע ראַ-

יאָנען אין אוקראַינע און קרים גייט די יוגנט אוועק און אהער קומט זי — וואָרעם קליינע אינדיווידועל־פויערשע ווירטשאפטן באַגייסטערן ניט. מיר זיינען געקומען אהער בויען אין דער ווילדער טייגע דעם אַלפאַרבאַנדישן סאָציאַליזם — גיט גרויסע קאָלכאָזן, סאָווכאָזן, זאַוואָדן, פאבריקן. די באשטימונג פון צאַק איז א גרויסע, א ברייטע, ווי וועגן קוזבאס און „דניעפּראָסטרוי", קומט אראָפּ פון מאָסקווע א ייִד־טוער, זיצט דאָ אָפּ א פּאָר וואָכן און ברעכט זיך דעם קאָפּ: ווי גרויס דארף דאָ זיין דאָס שטיבל באַם אינדיווידועלן פּויער? אזוי גרויס, צי אזוי גרויס? מע זאָגט „שווערוקייטן" — שוועריקייטן זיינען פאראן אין גאנצן פארבאנד, מ'איז זיי גוויוער...

פּריסקער האלט זיך אַן אייצע מיט ארקען, צי זאָל ער אַפּ איין וועג דאָ אַפּ דער פארזאמלונג שוין א דעק טאָן פאר ניט־פארגעזעלשאפטלעכן די בויונג, פאר ניט איינאָרדענען באַלד בוי־קורסן. סע בלייבט, אז יאָ — פארוואָס ניט? אדעראבע.

ס'איז שוין אָבער רעכט שפּעט, און די יונגע יאטן האָבן זיך אָקאָרשט צעווארעמט. פּריסקער האָט פאר זיך נאָך פינפזעקס פארשריבענע. דער סאָף פון דער פארזאמלונג וועט מוזן איבערגעטראָגן ווערן אַפּ נאָכאמאָל סייוויסיי. האָט מען נאָך אפילע ניט באוויזן צו באהאנדלען דעם ווייטערדיקן ארבעטפּלאן. אזוי איז טאקע געווען — מע האָט איבערגעריסן די פארזאמלונג שפּעט נאָך האלבער נאכט. ארקען האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן, וואָס דאָ אדום בירעפעלד טוט זיך. די קאשע בלייבט, ווי מאָטל פרעגט זי:

— וואָס־זשע הערט זיך טאקע מיט פארטיי־קעמערלעך? מיט קאָמיוג?

אין דרויסן, באַם ארויסגאנג, צווישן די ארויסגעקומענע, שטייט א לאנג און דין מיידל און ווארט אַפּ עמעצן. אירע גרויסע אויגן גלאנצן ווי צוויי ביז־גאָר שווארצע פלעקן, שווארצער פון דער נאכט, און קוקן מיט פייערלעך, ווי באַ איינעם,

בא וועמען די געפילן זײַנען סײַווי שטאַרקער פון אַלע ווער־טער, מיט וועלכע מענטשן קאָנען ריידן. דאָס איז ביילע הירשל פּעקערס, וואָס איז געקומען אהער פון טיכאָנקע אף די טראַק־טער־קורסן. צו איר גייט עס צו פּריסקער, און ביידע טוען זיך אַ שאַר ערגעץ אין דער זײַט אַרײַן, ניט האָבנדיק. גע־זאָגט איינער דעם אַנדערן קיין איינציק וואָרט — מאָדנע, ווי די־אָ צוויי מענטשן פאַרשטייען זיך דאָ שטום, אפן ווונק. אַרקע קוקט זיי אַ ווײַלע נאָך — ער האָט באַם אַרויסגיין פון דער פאַרזאַמלונג פאַרלוירן וועלוולען מיט מאָטלען און איצט, נאָך האַלבער נאַכט, בייס ער קוקט נאָך די אַוועקגעגאַנגענע פּריסקערן מיט ביילען, פילט ער זיך אַ קאַפּל איינזאַם. באַלד דערהערט ער אַ סאַך פריילעכע קולעס פונעם באַראַק, ווו עס וווינען די טראַקטעריסטן און קורסאַנטן, — די יאַטן, ווי ניט זיי וואָלטן עס געווען קאָמאַנדעוועט היינט אף דער פאַרזאַמ־לונג, — פאַרן שלאָפן כאַפּן זיי נאָך אַ זינג, זייערע שטימען נייען אויס אף שוואַרצער נאַכט־קאַנווע אַ ליכטיק־פריילעכן אוזאָר.

קאפיטל נײַן

1

די גרויסע פאבריקן, הידראָעלעקטרישע סטאנציעס, אינ־דוסטריעלע גיגאנטן, וואָס בויען זיך אומעטום אין גאנצן לאנד, לאָזן זיך הערן אויך דאָ, אין בירעבידזשאַן.

זיי לאָזן ניט רוען — ניט אלע, פארשטייט זיך.

קיין בירעפעלד „אין רויטן ווינקל" קומען אָן צײַטונגען פון מאָסקווע, לענינגראד, כאבאראָווסק, כארקאָוו. זיי קומען אָן ניט אָפט, פארשפעטיקטע, אָבער דאָך — זיי קומען. פון מאָל צו מאָל ברענגט מען זיי אהער פעקלעכווײַז פון טיכאָנקע, מע צענעמט זיי, מע לייגט זיי אויס אין „רויטן ווינקל" אפן טיש — ס'איז א ווונק:

— ווייסט, אז סע טוט זיך — און שלאָפט ניט...

יונגע כעווורע — טראקטעריסטן, קאָמונארן, מעכאניקער, קורסאנטן — קערן זיך אום פון דער טאָג־ארבעט, גייען צו צום טיש מיט די אויסגעלייגטע צײַטונגען שטיל, קוקן מיט הונ־געריקע אויגן. די צײַטונגען, דאכט זיך, זײַנען הייס, אָטעמען מיט פלאַם, מע קאָן זיך לעבן זיי אָפבריען — דאָס איז דער־פאר, וואָס אלע דערציילן זיי וועגן אומגעפלאקערטער סאָצ־בויונג, וועגן גרויסן שטורעם פון באָלשעוויסטישער ווירקלעכ־קײַט; דער שטורעם טראָגט זיך פון פארטייישן הויפּט־צענטער אין אלע זײַטן פון גרויסן לאנד, שטארקער פון אלערליי שטור־מיקע ווינטן, וואָס יאָגן זיך נאָך אים, געזינטער פון אלערליי

נאטור-קרעפטן, וואָס ער באזיגט און שפּאנט אין זיך איַין. דער שטורעם לעכערט דורכ־די ערד, פאררייניקט יאמען, שלייַ־דערט איבער בערג פון איין אָרט אפן אנדערן, ענדערט דעם פלוס פון טייַכן, דעם כאראקטער פון מענטשן, דאָס פּאָנעם פון דער ערד, ער, דער סאָד פון נאטור־געזעצ, און נוצט זיי אויס — ער איז די עמעסע גרעסטע פרייַהייַט.

ארקע באסקער, אז ער לייענט זיך אָן אין בירעפעלדער „רויטן ווינקל” מיט די־אָ צייַטונגען, צעפלאַמען זיך בא אים די באקן, ווי אין פיבער, און עס שפּארן זיך אים ארייַן פיל געדאנקען אין קאָפּ. אין זייַנע בוילעטע אויגן באזעצט זיך א שיקערלעכער גלאנצ. ער ווערט פול מיט אימפּעט אפ עפּעס צו טאָן. ער קלייַבט איבער די עטלעכע פּענעמער ארום טיש, געפינט צווישן זיי דאָס פּאָנעם פון מאמזעריש-קלוגן יאט — פון יענעם, וואָס האָט אנומלטן געשטורעמט אפ דער פארזאמלונג די אָרטיקע פירערשאפט, גערעדט אין נאָמען פון אלע טראקטע־ריסטן און קורסאנטן — ער הייסט קאָפּל.

— איַי — מע שלאָפט ניט — זאָגט דאָ צו אים ארקע און רוקט אים אונטער א צייַטונג מיט באריכטן וועגן די שטור־מישע בוי־פּלענער.

קאָפּל פארגלאָצט די לענגלעכ-שמאָלע אויגן צום שטערן, קוקט מיט זיי ניט אפ דער דערלאנגטער צייַטונג, נאָר אפ אר־קען. עס זעט אויס, ווי דאָס, וואָס ארקע וויל אים אין דער צייַטונג ווייַזן, איז פאר אים קיין נייַס ניט, אָדער ער האָט עס שוין געלייענט פריִער. ער איז גראָד דורכ אן אנדער צייַטונג טיף פארטאָן אין דער סאָצבויונג וואָס ערגעץ אפן אור־ראל. און כוץ דעם — פאר אָ-דעם יאט, קאָפּלען, איז עפּעס גאָר קיין וווּנדער ניט, וואָס איבערן גאנצן לאנד בויט מען הייס, פארקערט, אים איז גאָר א ווונדער, פארוואָס דאָ, אין בירעבידזשאן, בויט מען אזוי קנאפּ — אזוי זאָגט ער צו ארקען:

— קוים וואָס מע רירט זיך.

און דאָס דערנעענטערט צו אים ארקען. ארקע הייבט זיך אָן ארומצוקוקן, וואָס דאָ אין בירעפעלד טוט זיך. ארקע האָט געזאָגט פריסקערן — דעם יונגן אָדעסער בוי־ארבעטער:

— יאָ, מע טוט דאָ עפּעס, נאָר ווי מיט האלבע הענט.

פריסקער האָט אָפּגעשוויגן. ער איז פריִער ארומגעפאָרן אין שליכעס פון „געזערד", שוין געווען א פּאָר מאָל אין בי־רעפעלד און שוין געוווּסט, וואָס ער האָט דאָ צו טאָן, — אָן שיִעס איז ער דאָ צוגעשטאנען צו די אָנדערהאלבן צענד־ליק יאטן, וואָס האָבן זיך גערופן „קאָמוּנע" און האָבן ניט ווײַט פון בירעפעלד געגרייט פאר זיך א גרעסער הויז מיט א שטאל אפ א שטיקלעכ צוועלף בעהיימעס. מיט פריסקערס הילף — הילף פון א געניטן בוי־ארבעטער — איז די בויונג אוועק היימלעך־לעבעדיק. פאר פריסקערן איז דאָ געלעגן א ביסל אויסבאהאלטענע קאוואָנע — ס'איז א שטיקל אָנהייב פון זײַנע פארטראכטע בוי־קורסן. ער האָט געלערנט יונגע יאטן האלטן אין האנט א טעסלער־האק, א זעג, אן עקבויער, א דאָלעטע. די יאטן האָבן געוואָלט צו ווינטער־צו זיך אין הויז באזעצן און זיך געלאָזט לערנען. אזא איז פריסקער — טאָמער זוכט ער דעם קירצסטן וועג. אפילע אפּ ווערן מאן־און־ווײַב מיט בײַ־לען האָט ער דאָ אויך געפּאטערט זייער ווייניק צײַט און זיי־ער ווייניק ווערטער — זיך בעסער צונויפגערעדט אפן ווונק. ער האָט וועגן ˙דער אָפּעראטיווער קאָנטאָר געזאָגט ארקען:

— ווייסטו זען: איך וועל זיי אוועקשטעלן פאר א פאקט און געגנוג.

— איידער זיי וועלן זיך ארומקוקן, וועלן זײַן בוי־קורסן.

— איך וועל גיין מיט זיי אייביק טײַנען?

ארקע האָט אויסגעהערט, באקומען בוילעטע שטרויס־אויגן — א סימען, אז ערגעץ בא זיך אין קאָפּ פארזוכט ער פריסקערס

געדאנק, ווי איינער פארזוכט דעם טאם פון א מײַכל, וואָס האלט זיך נאָך אין קאָכן.

— ס'א גאנג — האָט ער געזאָגט, — ס'איז באָלשעוויסטיש.

און ער האָט א קוק געטאָן מיט א נאָך מער בוילעטן בליק, ווי ער וואָלט דערבײַ קלערן, וואָס אף דעם געביט האָט צו טאָן ער, ארקע אליין.

ארקען האָט מען דענסטמאָל פאָרגעלייגט אופהייבן עטלעכע צענדליק העקטאר ערד לעבן א ווײַטלעכ ניט־יִדיש דאָרף: בירעפעלד האָט דעם דאָרף צוגעזאָגט אויסלײַען דערופ א טראקטער, און אויב א טראקטער, איז, פארשטייט זיך, אויך א טראקטעריסט. ארקע האָט געשטעלט א טנאַי.

— יאָ, נאָר מיט מײַן טראקטער.

ארקען האָט געענטפערט דער מעכאניקער לייבל, וואָס האָט אָנגעהויבן פון יונגע יאָרן נאָך דער לעצטער פארזאמלונג:

— אלע טראקטערס קערן צום היגן טראקטער־פארק.

ארקע האָט די לעצטע טעג געהאט א כשאד — עפּעס דאכט זיך, אז אָט דער לייבל פארשטייט צו ווייניק אין דער ארבעט... עפּעס זייער א קנאפער מעכאניקער. ארקע האָט געזאָגט:

— איז דאָך אוואדע גוט... איך וועל מײַן טראקטער ניט איבערלאָזן אף פרעמדע הענט — כ'האָב שוין געזען, וואָס פאר א טאכלעס מע מאכט דאָ פון טראקטערס.

קיין סאך צו טײַנען וועגן דעם איז ארקען ניט אויסגעקומען — לייבלען, צו וועמען ער האָט גערעדט, איז באלד געוואָרן אלציינס, וואָס פאר א טראקטער ער וועט ניט נעמען. דאפקע דאָס האָט ארקען עפּעס מאָדנע טיף באליידיקט, אזוי, אז צו דער ארבעט איז ער מיט זײַן טראקטער אוועקגעפאָרן א שווײַגנדיק-בארויגעזער, מיט זייער בוילעטע אויגן. ער האָט לעבן ווײַטלעכן דאָרף אָפּגעארבעט געשמאקע עטלעכע טעג, געזעסן פון גאנץ פרי אָן ביז שפּעט פארנאכט אפן טראקטער,

אופגעהויבן איינע צענדליק העקטאר ערד נאָכן צווייטן און דער-
ווייַל זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס ארום אים טוט זיך. אין
דאָרף, מיט די פּאָר צענדליק פּויערשע הויפן, איז ניט געווען
צו זען קיין שום שפּורן פון געזעלשאפטלעכן לעבן. ערשט
דעם לעצטן זומער האָט מען דאָרט אָנגעהויבן בויען א שול,
נאָר ניט דערבויט. ארקע האָט געפּרוווט א פרעג טאָן:
— ווען וועט מען די שול ענדיקן?
מע האָט אים דערויף קאַלטלעך געענטפערט:
— איבעראיאָר.
— דעם נייַעם זומער, הייסט עס.
ארקע האָט באוווּנדערט דעם אוילעם:
— זע נאָר!.. „מירצעשעם, אז מע וועט דערלעבן און
געזונט זייַן" — מע האָט צייַט...
כ'איז געווען אין ארקעס אן אָפּרו-שאָ, בא קייַען ברויט,
בא ארייַנקוקן אין די פּאָר מיטגעבראכטע צייַטונגען — די גרוי-
סע סאָצבויונג, האָט זיך געדאכט, קומט פאָר ערגעץ זייער ווייַט,
אין אן אנדער לאַנד, אפּ אן אנדער וועלט. ארקע טראכט
וועגן זיך אליין:
— כאפּט מיך א שווארציאָר!
ער מיינט, ער וועט נעמען און וועט ווערן אן ארבקאָר —
ער וועט וועגן דעם אָנשרייַבן קיין מאָסקווע, אין כאבאראָווסק,
אָדער כאָטש אין בירעפעלדער „רויטן ווינקל" אין דער וואנט-
צייַטונג.
— צו וואָס איז מען אהער געקומען, אויב ניט צו פאר-
טראָגן אהער דעם גרויסן בוי-שטורעם? צו וואָס זיצט מען דאָ?

2

אין עק דאָרף, באזונדער פון די הויפן, איז א שפּאָגל-
נייַ הויז געווען נאָך ניט אינגאנצן דערבויט, געהאט אונטער

זיך א פריש־אָפּגעצוימטן גאָרטן, א נײַעם קליינעם שטאַל. די פענצטער באַם הויז — נאָרוואָס אַרײַנגעשטעלטע און נאָך אפּי־לע ניט גוט אויסגעווישט, פול מיט פּרעטענזיעס, מע זאָל זיך צו זיי אומקוקן. די פּאַראַדנע פּריצ׳ע פון הויז־טיר איז נאָך געווען נאַ־קעט, אָן א טרעפּל. דאָרט האָט זיך אָפּגעשטעלט א יידישער יונגערמאַן פון א יאָר עטלעכע און דרײַסיק — א רויטלעך־בלאָנ־דער מיט א צעשיילט פּאָנעם, מיט אויגן, וואָס באַהאַלטן אין זיך א האַלב־לײַטיש גלענצל. איינעם מיטן יונגנמאַן האָבן אין הויז געוווינט זײַן ווײַבל — א שטענדיק צעכראַסטעטע מיט א גאַנצן בעזעם זייער צעשויבערטע און זייער שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ — און דעם ווײַבלס א ייִנגערער ברודער — א ברייט־צעוואַקסענער באָכער אין זייער קורטקע ווײַסע הויזן און מיט זייער א צוגעפּוצטער, יונג־שוואַרצער כּיראָמאַנטישער באָרד. ארקע האָט וועגן זיי געפרעגט בײַ וואַסעקן — דעם אָרטיקן מיטל־יאָריקן פויער, בײַ וועמען ער האָט דאָ געהאַלטן סטאַנ־ציע:

— ווער זײַנען זיי?

וואַסעק — א ווײַס־האָריקער, טאָמעד־שמייכלדיקער, א גע־וועזענער פּאַרטיזאַנער — האָט פריילעך זיך א כאַפּ געטאָן ענטפערן:

— א־א?.. פון דײַניקע דאָך, א קאָלאָניסט, הייסט עס.

ארקע האָט געוואָלט וויסן:

— זיי האָבן אַליין אויסגעבויט די שטוב?

ארויסגעוויזן האָט זיך: דער יונגערמאַן מיט זײַן ווײַבל און מיט זײַן שוואָגער זײַנען אַהער געקומען מיט די ערשטע איבערוואַנדערער. נאָר באַזעצט האָבן זיי זיך דאָ אין דאָרף אויף אייגענע אַכרײַעס, געדונגען אָרטיקע אײַנוווינער אויף אויס־צובויען דאָס הויז. וואַסעק האָט צוגעמאַכט איין אויג און א שמייכל געטאָן, ווי איינער, וואָס איז זיך מודה אין א שטיקל עוווירע:

— איך אַליין אויך — האָט ער האַלב־כאַראַקטעדיק צוגעווונ־

קען, — געארבעט באַם הויז... זיך ניט געקאָנט איַינהאַלטן... פאַרדינט א קאפּל...

פאַרנאַכט, ווען ארקע איז איינמאָל לעבן הויז דורכגעגאַנגען, האָט אים דאָרט אָפּגעשטעלט דער יונגערמאַן, געוואָלט בא אים וויסן, צי קאָן ער ניט אין בירעפעלד איינעם א יונגן איבערוואַנדערער מיטן נאָמען „זיוזיא":

— זיוזיא בראָדסקי..

ארקע האָט ערשט איצט רעכט באַטראַכט דעם יונגנמאַן:

— וואָס איז דען?

יענער האָט האַלב פאַרשעמט זיך א קנייטש געגעבן:

— ניין, גאָרניט... געוואָלט אים איבערגעבן א גרוס. זיַין פאָטער, זיַיוול בראָדסקי, זאָגט מען, איז שוין צוריק אַוועקגעפאָרן, און ער, זיוזיא, הייסט עס, איז געבליבן... איך בין מיט זיי פון איין שטאָט...

ארקע האָט זיך דערמאָנט אָן אָט דעם זיוזיא בראָדסקי נאָך פונעם איבערוואַנדערער־צוג, אין וועלכן ער איז אַהער געקומען. אין בירעפעלד האָט זיוזיא זיך צוגעזוכט א שטיקל טועכץ ערגעץ אַרום דער פּרווו־סטאַנציע, דערעסן דאָרט מיט זיַין צושטייַן צו יעדן נייַעם מענטשן:

— ווי מיינט איר? בירעבידזשאַן וועט לייזן די ייִדישע פראַגע?

יאַטן האָבן אים טאַקע דערפאַר א נאָמען געגעבן:

— דער „יעוורייסקי וואָפּראָס".

פון דעם, וואָס דער יונגערמאַן האָט דאָ אין דאָרף זיך אָפּ זיוזיא בראָדסקי נאָכגעפרעגט, האָט ארקע געדרונגען:

— מיסטאַמע פון יענעמס „כיידער".

טאַקע אַזוי האָט ער אַפן יונגנמאַן א קוק געטאָן — ווי אַפּ א גאַנצן שטיק „יעווריייסקי וואָפּראָס". אויך אַזוי, אַפּאָנעם, האָט דער יונגערמאַן געקוקט אַפּ זיך אַליין — אים איז געווען א וווּנדער, פאַרוואָס ארקע האָט ניט קיין באַזונדערן כיישעק

ארײַנצוגײן צו אים אין הויז און אין־שטאַל א קוק געבן, וויאַזוי ער האָט זיך דאָ אײַנגעאָרדנט.

— ס'הײסט, דאָס הויז איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרטיק — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט, — נאָר עס ווערט צו ביסלעך א באַלעבאַטישקײט — דער שטאַל, צוויי בעהײמעס, א ביסל אײַנוועטאַר.

און ער האָט גענומען פירן אהין ארקען אים אויסווײַזן זײַן פאַרמעגן מיט אזא אויסזען, ווי גלײַך בא ארקען, וואָס האָט דאָ ארויס דאַרף אָפּגעאַרבעט א שווערן טאָג, מוז דאָס אַלץ זײַן זײער אָנגעלייגט — ארקע דאַרף זיך שעצן מאַמעש גליקלעך, וואָס אָט:

— סאַכאַקל געצײלטע כּאַדאָשים, פינדעסטוועגן — מע האָט שוין עפּעס...

ארקע האָט אָנגעקוקט די פּאָר בעהײמעס, דעם הויף, דעם שטאַל. אין שטוב האָט זיך אים ניט געגלוסט ארײַנקומען. דאָס צעכראַסטעטע ווײַבל האָט זיך באַוויזן אין הויף — באָרוועס, שטאַרק צעפּאַטלט, אומיסטן א קוק געטאָן צוערשט זײער שאַרף, דערנאָך זײער ווײך, דערלאַנגט מיט א הײמיש כײנדל די האַנט. פאַרבײַ, מיט עפּעס א ביכל אין האַנט איז אין אײן העמד און אין קוריטקע ווײַסע הויזן דורכגעגאַנגען דעם ווײַבלס ייִנגערער ברודער — דער צעוואָקסענער, מיט דער שוואַרצער כיראָמאַנטישער באָרד. פאַרבײַגײענדיק האָט ער זיך ניט אומגעקוקט, ווי בײזלעך, — אַלעמײַ מע האָט פאַרופן א גאַסט. דער יונגערמאַן האָט אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דעם, וואָס אָט:

— ייִדן ווערן צוביסלעך זעמלײַעדיעלצעס...

פון דעם אַלעם האָט ארקען אָנגעכאַפּט א שטיקל מלויעג אָפּן האַרצן — עפּעס ווי א מין מידקײַט וואָלט זיך אים צעגאָסן איבער אַלע גלידער — ס'האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט וואָס גיכער אוועקגײן צוריק אהין, ווו עס געפינט זיך זײַן נאַכטליג, זיך גלײַך אוועקלייגן און זיך גוט אויסשלאָפן.

דערפֿאַר איז אַרקען טאַקע דאָרט אין דערפֿל פֿיל גרינגער אָנגעקומען זיך צונױפֿריידן מיטן געװעזענעם פּאַרטיזאַנער װאַ־סעקן און מיט נאָך אַ פּאָר װײניק־פֿאַרמעגלעכע פּויערים. אַלע האָבן גלײַך מוידע געװען:

— אַװאַדע װאָלט מען דאָ געקאָנט עפּעס אָנהייבן טאָן.

— װאָס איז דאָ פֿאַראַן צו ריידן.

— שוין צײַט.

— פֿאַראַן דאָ נישקאָשעדיקע באַלעגופֿים.

װאַסעק האָט אױסגעזאָגט אַרקען דעם סאָד:

— דאָס האָבן מיר אַ פּרוּװ געטאָן מיט אַנטלײַען פֿון אַלעמענס װעגן באַ בירעפּעלדער פּאַרק דעם טראַקטער — עפּ־שער װעט פֿון דעם אַרױס אַ שטיקל קאָלעקטיװ.

— שלעכט איז, װאָס דער ראַיאָן איז װײַט און די דערפֿ־לעך שטאַרק שיטער.

— סע קומט זעלטן אַהער אַ מענטש.

— די יוגנט? פֿאַראַן צװישן זיי, פֿאַרשטייט זיך, אַזעלכע, װאָס װאָלטן מיטגעגאַנגען.

— נישטאָ װער סע זאָל זיי דאָ אַ פּאָמפּע טאָן.

ס׳איז געבליבן:

װאַסעק פֿאָרט מיט אַרקען קיין בירעפּעלד, דאָרט װעט מען זען, װאָס מע האָט צו טאָן.

ס׳איז געװען קיל און װינטיק, װען אַרקע האָט געענדיקט זײַן אַרבעט אַרום דאָרף און זיך אַװעקגעלאָזט צוריק קיין בי־רעפּעלד. אײנינעם מיט אַרקען איז אױפֿן טראַקטער געזעסן װאַ־סעק — אַ פֿרײלעך-צעדרעכטער, אַ באָרװעסער, אָן אַ היטל און פֿול און פֿול מיט נײַע האָפֿענונגען. ער האָט אָנגעװיזן דעם קירצסטן װעג, אױסגעזען דערבײַ זייער יאָנטעװדיק און געדאַכט האָט זיך: ער שמעקט מיט אַלע רייכעס פֿון דער טײַגע. דער װעג איז געגאַנגען פֿאַרבײַ שטאַרק צעשאָקלטן װאַלד. דער װינט האָט געבלאָזן אַנטקעגן, צעשױבערט װאַסעקס

פלאַקסענע האָר, געפּאַכעט מיט זיי איבער זײַן פּאָנעם. דעם טראַקטערס הירזשערײַ האָט זיך אײַנגעשניטן אַלץ טיפער און טיפער אינעם רויש און אינעם געבריל פון דער טײַגע. אַר־קע האָט אים געלאָזט קריכן אַף זײַן גרעסטער שנעלקייט — אָט־אָט ווערט דאָ ער מיטן טראַקטער אַרײַנגעפּלאָכטן אין דער גרויסער אופגעפלאַקערטער סאָצבויונג, א טיילעכל פונעם שטור־עם, וואָס טראָגט זיך פון פּאַרטייִשן הויפּט־צענטער אין אַלע זײַטן פון גרויכן לאַנד.

3

מאָטל שקלאָווער איז קליין געוואָקסן, זייער יונג אַפן פּאָנעם. עס העלפט ניט, וואָס זײַן בלאָנד בערדל וואַקסט פיל גיכער, ווי בירעבידזשאַנער גראָז נאָך א רעגן — זײַן מויל איז יונג, זײַן שטערן איז יונג, זײַנע קליינע אויערן זײַנען יונג. בלויז מיטן ערנסטן בלאָולעכן בליק דערגרייכט ער זײַן על־טער. אַזא אויסזען האָט מאָטל — ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן אין איין יאָגן נאָך זײַנע אייגענע דרײַ און צוואַנציק יאָר און וואָלט זיי בעשומויפן דעריאָגן ניט געקאָנט.

איצט געפינט ער זיך אין אַלעקסאַנדראָווקע, ווו א גרעסערע צאָל ערשטע איבערוואַנדערער האָט זיך באַזעצט. ער האָט זיך אונטערגענומען פּאַרייניקן אַרום בירעפעלד, ווי אַרום א באַזע, עטלעכע קליינע קאָלעקטיוולעך. זײַן וואָפן איז די פּאַרטיי־שול, וואָס ער האָט געענדיקט, און די אַרבעט אין א בײַ שטעטלדיקן קאָלעקטיוו, וואָס ער האָט געפירט נאָך איידער ער איז גע־קומען קיין בירעבידזשאַן. פון בירעפעלד יאָגט מען אים און־טער, ער זאָל עס מאכן גיכער, ווײַל ס׳איז שוין נאָכן זומער, ס׳איז שוין אָסיען, אָט־אָט קומט דער ווינטער און ס׳איז א קלאָל — באַ יעכידים ווערט דער ווינטער צעקראָכן, א קאָלעק־טיוו נוצט אים אויס אַף בויען. פון בירעפעלד קומען מאָטלען אָן אײַליקע צעטעלעך:

— „ווּ האַלטסטו אין ציילן?"

כאָטש מאָטל האַלט ניט, אַז בירעפעלד איז אַף אים דער אויבער־באַלעבאָס, פונדעסטוועגן דערגייען אים דאָ די צעטעלעך די יאָרן, וואָרעם פון זיי דרינגט ער, אַז אומעטום איז שוין דאָרט די אַרבעט אוועק אַ גאַנג. טאַקע דעריבער באַנוגנט זיך דאָ מאָטל ניט מיט צונויפּרופן פאַרזאַמלונגען. ווי צוויי איבערוואַנדערער — איז ער דער דריטער. ער פאַלט ניט אַראָפּ בא זיך, ווען מע פּרוּווט אים דאָ מאַכן זײַן פּלאַן אויסצודרייען, נאָר פון יענעם סאָרט מענטשן, וואָס לאָזט זיך אָפּקומען מיט „בע-מע", איז ער אויך ניט — ער וויל, מע זאָל אים ענטפערן מיט אַ זין — דאָס טײַנעט ער מיט די עטלעכע איבערוואַנדערער, וואָס האָבן זיך איצט אָנגעזאַמלט לעבן נײַעם ניט־דערבויטן געזעלשאַפטלעכן הויז:

— אָט איז ער, מייער רימער, געבליבן אָן אַ שטוב אַף ווינטער...

מייער רימער איז נישקאָשעדיק פאַרצאָרנט — דאָס איז צו זען סײַ אין באָרוועסן הייזלעך סײַ אין דעם, וואָס דאָ, אין בירעבידזשאַן, האָט ער שוין לאַנג אופגעהערט זיך אַרומצושערן און עפּשער אויך זיך אַרומצוואַשן. דער עמעס איז, אַז מייער איז אַהער געקומען ניט צוליב קאָלעקטיוון און ניט צוליב „אַנדערע מײַסעס דאָרטן". אויב מע וויל, קאָן עס מייער זאָגן אָפן:

— איר ווילט וויסן דעם עמעס? — מע האָט געהערט, אַז אין בירעבידזשאַן קאָן מען פאַרדינען דריטהאַלבן און דרײַ קערבלעך אַ טאָג — אָט צוליב וואָס ער איז אַהער געקומען.

אַזוי זאָגט ער, בייס ער זעצט זיך דאָ אַוועק אַפן טיש, וואָס איז פריִער געווען אַ סטאָליער־וואַרשטאַט, און שאָקלט ערנסט צו מיט די באָרוועסע לאַנג ניט־געוואַשענע פיס:

— און זאָל מען מיר ניט דערציילן קיין מײַסעס — אַנדערע האָבן באַלד באַם אַראָפּקומען געגומען די „קרעדיטן", זיך געשטעלט בויען, האָבן זיי איצטער הײַזער, און איך האָב

ניט ווהין אראָפּצוברענגענ מײַנ פאמיליע, אלעמײַ האָב איך א גאנצנ זומער אָפּגעארבעט אפנ געזוערד, ווי א רימער, געארבעט אפ אלעמענ, הייסט עס... אונ אפ מיר — קיינער ניט.

אָט־אָט, טאקע די־אָ טײַנע דארפ מאָטל, ווי מע דארפ לעבנ:

— אינ א קאָלעקטיוו ארבעטנ אלע אפ יעדערנ אונ יעדערער אפ אלע. ווי וואָלט געווענ, ווענ מייער רימער זאָל געווענ אָפּארבעטנ דעמ זומער מיט דער יונגער קאָמונע, וואָס בויט זיך איצט אונטער בירעפעלד, אינ „סטעפּנאָיע"? ער וואָלט אויך דענסטמאָל געווענ געבליבנ אָנ א דאך פאר זײַנ פאמיליע?

די פראגע שטייט איצט בקיוז פאר מאָטלענ: צו וואָס האָט מענ דאָ באדארפט צעברעקלענ די ארבעט? — קעדיי מע זאָל איצט זי דארפנ צונויפנעמענ?

ווענ מאָטל קומט צוליב זײַנע איניאָנימ קיינ בירעפעלד אונ לייגט דאָרט אויס די פראגע פאר קאָפּלענ, שטעלט קאָפּל פאר אימ א צווייטע פראגע:

— אמײַ, פארוואָס האָט מענ שוינ די ערשטע איבערוואנדערער באדארפט פאנאנדערוואָרפנ איבער א גאנצנ שטיק בירעבידזשאנ, איבער אזויפיל פונקטנ? וואָס איז מענ מיט דעמ אויסנ געווענ? — עמעצער זאָל ניט אויסכאפּנ דאָס לאנד? סע וואָלט, דאכט זיך, געווענ פיל בעסער אונ פראָדוקטיווער, ווענ מע האָט די עטלעכע הונדערט איבערוואנדערער אפ איינ פלאצ.

אונ ביידע באשליסנ:

— אײַ, וואָלט מענ דאָ באדארפט האָבנ א צײַטונג.

— שוינ איצט.

— באלד!

4

גוט איז, וואָס דער ווינטער אײַלט זיך ניט צו קומענ.

דער אָסיענ אינ בירעבידזשאנ — א לאנגער, א רייב־גאָלדענער — גלעט דאָס פּאָנעמ, די האָר, ווי א ליבהארציקער פרײַנט

בעט, מע זאָל קיינ פאַריבל ניט האָבנ, וואָס דער זומער איז געוועזנ א רעגנדיקער. דער אָסיענ איז דאָ אַליינ פאַר זיכ א שפּאָגל־נייער לאַנגער זומער. זיינע וואַרעם־לויכטיקע טעג שפּי־ענ גאָלד פונ קאַיאָר אָנ ביז שפּעטנ זונ־פאַרגאַנג אונ גיבנ די מעגלעכקייט זיכ גוט אַרומקוקנ נאָכנ זומער אונ קומענ צו זיכ.

גוט איז, וואָס אינ טיכאָנקע אַרום דער הויפּט־באַזע האָט מענ די לעצטע צייט זיכ געגעבנ א גאַרטל אונטער אונ מע שיקט פאַנאַנדער פונ מאָל צו מאָל צו די פּונקטנ כאָטש א קליינעמ טייל פונ דעמ, וואָס מע דאַרפ.

גוט איז, וואָס פונ שימקעס גרופּע — אינ דער טייגע, אינ א זייט פונ טיכאָנקע — קומענ אָנ גוטע גרוסנ אונ מע האַלט פונ דאָרט אינ איינ בעטנ:

— „איי, גיט אונדז נאָכ מענטשנ".

— „שיקט צו אונדז וויפל איר קאָנט, אבי רעכטס".

שווערט זיכ טאַקע דאָ אינ אַלעקסאַנדראָווקע דער שטענ־דיק־ריידנדיקער סימכע קאָראָליוועקער, וואָס האָט שוינ אַלעמענ דערעסנ מיט זיינ „ווענ מע גיט מיר":

— לאָמיכ אַזוי לעבנ אונ געזונט זיינ, ווי איכ טו א שפּיי אפ האַקל אונ שעלאַקל אונ לאָז זיכ אַוועק צו זיי אינ וואַלד וואָס לעבנ טיכאָנקע. ווי איר זעט מיכ לעבנ — צופּוס וועל איכ אַהינ אַוועקגיינ, איכ וועל דאָ מער קיינ איינ רעגע ניט בלייבנ, איכ וועל דאָ זאָגנ „באָרעכ שעפּאָטראַני", איכ וועל נאָכ צוצאָלנ, אבי לאָזט מיכ אָפּ, וואָרעמ, וואָס טו איכ דאָ? וואָס האָט מענ מיכ דאָ געמאַכט פאַר א קאַפּעליושמאַכער אי־בער א קאָלעקטיוול, וואָס איז די גרייס ווי א גענעצ אונ האָט ניט געקאָנט אָנשניידנ פאַר זיכ אפילע גענוג היי אפנ ווינטער אונ האָט ניט אויסגעבויט גענוג הייזער אונ מע ווייסט ניט, וואָס וועט מענ טאָנ ווינטער, אונ א „קאָלעקטיוו" איז מענ נאָר דערפאַר, וואָס אַלע אינייגעמ קרעכצנ.

סימכע איז איינער פונ יענע, וואָס זיינענ געבליבנ אָנ א

שטוב אפֿ ווינטער, כאָטש ער האָט שוין דאָ זײַן פֿאַמיליע. אים איז דערפֿון נישקאָשעדיק אָנגעזאָלצן אפֿן הארצן, דעריבער רעדט ער, און אַז סימכע באַקומט אומעטיקע אויגן און לאָזט פֿאַנאַנדער זײַנע צעשאָקלטע ליפּן, איז דאָס אַ מײַסע אפֿ אַ שאָ און אפֿ מער, מע קאָן לעבן אים אויסגיין, און ער וועט נאָך אַלץ ריידן. עס דערגייט דערצו, אַז מאָטל אַליין הייבט זיך באַ אים אָן צו בעטן:

— נו, מע ווייסט שוין, איר זײַט פֿאַר אַ גרויסן קאָלעק־טיוו, נו, הערט שוין אַמאָל אוף צו שיטן.

גוט איז, וואָס די יונגע יאַטן, וואָס רופֿן זיך „קאָמונע", האָבן מיטאַמאָל זיך אַ נעם געטאָן צו דער בויונג אין „סטעפּ־נאָיע" — אַ קילאָמעטער דרײַ אונטער בירעפֿעלד — עלטערע אי־בערוואַנדערער, וואָס גייען דאָרט פֿאַרבײַ, האָבן נאָכדעם אין אַלעקסאַנדראָווקע צו דערציילן און דערציילן:

— זיי וועלן האָבן אַ הויז.

— זיי וועלן האָבן אַ שטאַל.

— זיי אַרבעטן, ווי די רוכעס.

דאָס איז געווען מאָטלען צו דער האַנט — אַזוי איז געווען באַשלאָסן אפֿ אַ קלײנער פֿאַרזאַמלונג פֿון יוגנט אין בירעפֿעלד: „קאָמיוג מוז אונטערוואַרעמען די אומפּאַרטײיִשע איבערוואַנדע־רער, ווײַזן אַ בײַשפּיל מיט אַרבעט".

געזאָגט און געטאָן — אונטער פּריסקערס קאָמאַנדע האָבן דאָרט די יאַטן גענומען אַרבעטן מיט היץ, וואָס וואָלט גע־לעקט אפֿ בויען באַריקאַדן.

5

אין וואַלד האָט געאַרבעט דער קאָמונעס אַ בריגאַדע. מיט דער בריגאַדע האָט אָנגעפֿירט אַרקע באַסקער — געשלעפּט די געהילצן פֿון וואַלד צו דער בויונג אין „סטעפּנאָיע". די גע־

טרעפּלטע רעדער פון זײַנ טראַקטער האָבן געלאָזט קאַרביקע סימאָנים אפ אַלע אַרומיקע װעגן. אַרקע האָט זײ ניט געציילט, די נײַע װעגן, װאָס ער האָט דאָ אין דער טײַגע דורכגעלייגט. אופּגעשטאַנענע איז ער באַגינען, אַנשלאָפן געװאָרן אינאָװנט א מידער, װוּ עס האָט זיך געמאַכט, אַמאָל אין קלײנעם איבער־געפוּלטן באַראַקל, אַמאָל בא עמעצן אין א געצעלט — אַזאַ, װאָס האָט לעבן זיך א רױכערדיקן שײַטער און איז אַרומגעשאַרט מיט צעגראָבענער ערד, קעדיי דער „גנוס״ זאָל ניט אַרײַנ. אי־בער עפּעס איז ער דאָ קײנמאָל קײנ צװײ נעכט אפ אײנ אָרט ניט געשלאָפן, זיך זעלטן אױסגעטאָן, װי אומיסטן, װי אפ אָפּצוטרײַבן פון זיך אַלערלײ אומרויִקע באָכערישע געפילן, ניט געהאַט פאַר זיך קײנ שטענדיק אָרט. אָט אַזױ — צו א געצעלט קערן זיך אום אינאָװנט עטלעכע שטענדיקע נאַכט־ליגער און דערזעענ: אינװײניק פאַרוקט אין א װינקל שלאָפט שױנ עמעצער א ברױנ־פאַרקוילטער, קימאַט ניט אױסגעטאָן, שמעקט מיט זונ און מיט גערוך פון זומערדיק־דערהיצטע נאָדל־בײמער. מע קוקט זיך צו — ס'איז אַרקע.

מע רעדט דענסטמאָל צװישנ זיך:

— ניט — װעקט אים ניט.

— זאָל ער שלאָפן.

א ביסל מאָדנע איז דאָך מיט אים, מיט אָט דעם אַרקען — אפ צו נעמען די אַרבעט נאָענט צום האַרצן איז ער דאָ אײנער פון די ערשטע, און אין אַלע אַנדערע זאַכן פירט ער זיך דאָ אוּפ װי א צוגעבלאָנקעטער. װען אין אָרטיקן קע־מערל האָט מען אַרױסגעשטעלט זײַנ קאַנדידאַטור אפ סעקרעטאַר, איז עס געװען װי אָנגעמאָסטן. ער אַלײנ האָט, פאַרשטײט זיך, אױך ניט געהאַט גאָרנישט אַנטקעגן, בלױז א קוק געגעבן מיט מער בױלעטע שטרױס־אױגן, פון דענסטמאָל אָנגעהױבן רײדן נאָר אין יענע פאַלן, װען אָן זײַנ װאָרט קאָן מען זיך שױנ ניט באַגײנ, און דאָס האָט אים צוגעגעבן מער װאָג. קײנער

האָט ניט געהערט פון אים, ער זאָל זיך דאָ אַפּ עפּעס קלאָגן, און ווײַטער — עפּשער האָט ער דאָך עפּעס בא זיך אפן הארצן — ניט ארקע איז דער מענטש, וואָס וועט וועגן אייגענע מײַסעס גיין יענעם דערציילן.

טעג זײַנען געשטאַנען גינ־גאָלדענע. אין די וועלדער, פון־וואַנען ארקע שלעפּט געהילצן, שמעקט שארף מיט באָד-בעזעמל. בערעזע-זאפט שפּאַלט ארום זיך די קאָרע, טריפט טראָפּנסווײַז, שפּארט ארויס, ווי מילך פון פול־אָנגעגאָסענע ברוסטן. ביימער אין געדיכטעניש — אָט־אָט פּלאצן זיי פון אָנגעגאָסענער קראפט. מיט יעדן מינדסטן ווינטל איז פארפלאָכטן זייער שעפּטשערײַ — הייזעריק געזאַנג פול און פול מיט ציַטיקער גלוסטעניש, און פון אויבן צעגיסן זיך נאָך אלץ העלער און העלער די זוניק־ליכטיקע אָסיען־טעג — וואָס א טאָג, אלץ גרעסער די ליכטי־קײַט. זאָל זײַן, אז ערגעץ־ווו איז שפּעטער א פארוויינטע נאָגעניש, א פארכוישעכטע, צעיאָמערטע קלאָגמוטער. דאָ איז יעדער טאָג נאָך אלץ ווערט גאָלד — אזוי זאָגן די איבערוואנ־דערער:

— מע מעג אויספּאָרן א גאַנצע וועלט...

— שוין אמאָל געזען ערגעץ אזא אָסיען?

6

אין איינעם אזא העל־ליכטיקן זוניקן אָסיען-טאָג איז בא־טאָג אין דער סטעפּנאָיער קאָמונע אָנגעקומען צופוס א שטיקל אומגעריכטער גאסט — אַן אומבאקאנט רוסיש מיידל פון א יאָר נײַנצן — זייער א שלאנקס, א ברוין־פּארקוילטס, געשוירן, ווי א ייִנגל, און מיט א כיינעוודיק קנייטשל אין שיינעם נעזל. זי איז געקומען באָרוועס, געטראָגן אין די הענט די אייגענע שיך און נאָך א קליין פּעקעלע דערצו. איר שמאָל ציצן קליידל האָט שוין דערגרייכט צו אירע קני. אפּ די אקסלען האָט זי

געטראָגן א קרעם־פארביק שאלכל, באזעצט מיט געמאָלטע גרינע און ראָזע קווייטן — אפּאָנעם, געקויפט ניט לאנג אין א קאָאָפּעראטיוו פאר אייגענע פארדינסטן. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אף ארקען. מע האָט איר געענטפערט:

— ארקע איז נישטאָ.

— ער איז ערגעץ אין וואלד.

— ער שלעפט קלעצער.

דענסטמאָל האָט זי א טראכט געטאָן, באקומען א האלב־פארגלאָצטן אומזיכערן בליק, וואָס קוקט ניט צו קיינעם. דאָס קנייטשל אף איר נעזל איז געוואָרן אומרויִק און נאָך מער כיינעוודיק. זי האָט ווידער א טראכט געטאָן און געפרעגט אף וועלוולען. מע האָט איר אָנגעוויזן:

— אָן דאָרט, אונטער יענער געביידע.

און יאטן האָבן איר נאָכגעקוקט ווי זי גייט אהין — אלץ איבער איר יונגער שלאנקייט און איבערן כיינעוודיקן קנייטשל וואָס אין איר נעזל. וועלוול האָט געארבעט טיר און פענצטער פארן גרויסן קאָמונע־הויז, געארבעט אליין, געהאט דעם אופזיכט אף יונגע יאטן, וואָס לערנען זיך לעבן אים ארבעטן. דערזען דאָס מיידל, האָט ער זיך מעסוקן דערפרייט, אזש אונטערגעשפרונגען:

— זע! פּאלאשע!..

נאָר פון וועלוולען איז געווען א קליינע רייע — ער האָט זיך געפרייט מיט א סאך מענטשן.

— רועכל דו...

ער האָט אָנגעקוואָלן קוקנדיק אפן מיידל:

— זאָג שוין גיכער...

— ווי קומסטו אהער?

— שוין ווידער א מייסע מיט ליפען?

ער איז אוועק אופזוכן פריסקערן, אויסגעזוען ווי א וואַזשנער באל־סאָד און נאָכדעם דאָך ביסלעכווייז פיין צעפּויקט,

וויאזוי, פאַרנדיק נאָך אין איבערוואנדערער צוג, האָט מען אָט דאָס היימלאָזע מיידל מיטגענומען מיט זיך פון מיטן סיביר, וויאזוי זי האָט אין טיכאָנקע געארבעט איינענעם מיט פעסל פרויעם טשערנאָבילערס, וויאזוי אין איר האָט זיך דאָרט ביז איבער די אויערן פארקנאקט ליפע סימכע קאַראָליוקערס, וואָס ארבעט אין דער בוכהאלטעריע:

— און ליפען האָט מע דאָרט שוין וויפל מאָל געזאָגט: „טשעפע זיך אָפּ, מע וועט מאכן אפ דיר א געזעלשאפטלעכן געריכט — דאָס מיידל וויל אפילע אין דיין זייט ניט קוקן" — דאָס איז זי פון דאָרט אנטלאָפן...

דאָס איבעריקע האָט וועלוול דערציילט בעסאָד ניט מער ווי א פּאָר מענטשן און האָט דערביי זייער אָנגעקוואָלן — נאָך אין טיכאָנקע פלעגט מען זאָגן צו ארקען:

— נאָך פאלאשען פייגערסטו דאָך. זי נאָך דיר — אויך. איז וואָס מאכסטו קונצן?

ארקע האָט דענסטמאָל געענטפערט בייז:

— הערט אויף, נאַליערן... עס וועלן זיך אָנהייבן פליאָטקעס, מע וועט זאָגן: דערפאר האָב איך געסטראשעט ליפען מיט א געזעלשאפטלעכן געריכט.

ביי לעך האָט ארקע אויכגעזען אויך איצט, ווען אָנקומענדיק פון וואלד מיטן טראקטער, האָט ער זאָ צווישן אוילעם דערזען פאלאשען. דעם טראקטער האָט ער מיטאמאָל פאר־האמעוועט און אָפּגעשטעלט, געשווינד אראָפּגעשפרונגען, אויס־געקייַלעכט די ברוסט, נאָר געבליבן א רעגע אזוי שטיין — א פארגליווערטער, מיט א ביסל צענומענע, פארקאשערטע הענט און מיט גרעסער־געוואָרענע באוועגלעכע נאָזלעכער. פאלאשע האָט פלוצעם א שפאן געטאָן צו אים האָנערדיק, ווי א מעסט צו געבן זיך מיט אים אין וווקס. נאָר גראָד דענסטמאָל האָבן ארקעס בוילעטע שטרויס־אויגן באוויגעז־לעך א זוך געגעבן צווישן ארומיקן אוילעם — דאָס האָט

ער געוואָלט וויסן, צי האָט מען שוין ניט אָנגעהויבן צו פירן פּליאָטקעס.

דאָך — פון דענסטמאָל אָן האָט מען אופגעהערט צו געפינען ארקען א שלאָפנדיקן אין פרעמדע געצעלטן. און ווייטער — גיי וויס, צי האָט עס ניט געהאט א שייכעס צו דעם, וואָס ארקע האָט די גאנצע צייט געהאט בא זיך אפן הארצן — ארקע איז ניט פון יענע, וואָז וועלן גיין דערציילן פון אייגענע מייסעס, דערהויפּט נאָך איצט, ווען ער איז שוין באשטימט אלס סעקרעטאר פון אָרטיקן קעמערל, און דורך דעם, וואָס ער רעדט נאָר דאן, ווען אָן זיין וואָרט קאָן מען זיך ניט באגיין, באקומט ער אלץ מער און מער וואָגיקייט. איינמאָל אפ א זיצונג פון קעמערל, ווען פאלאשע האָט שוין גלייך מיט אנדערע געארבעט אין דער קאָמונע, האָט מען בא אים אין צעטל, צום סאָף פון די פראגן, דערזען צוגעשריבן די ווערטער:

— „די פראגע וועגן פאלאשען".

מע האָט געמיינט: דאָ וועט עפּעס ארויסשווימען, נאָר ארויסגעלאָזט האָט זיך:

— ניין, גאָרנישט...

די זאך באשטייט אין דעם, וואָס אין טיכאָנקע האָט מען מיט פאלאשען אָנגעהויבן צו ליקווידירן איר אמעראצעס אפ רוסיש, נאָר ניט דערפירט די זאך ביז צום סאָף — מע דארף אָנהייבן נאָכאמאָל. נאָר אזויווי פאלאשע ארבעט איצט צווישן יידיש־ריידנדיקע, פרעגט זיך דעריבער, אפ וואָס פאר א שפראך זאָל מען איצט מיט איר ליקווידירן די אמעראצעס: אפ יידיש, צי אפ רוסיש? — טאקע דערפאר שטעלט איצט ארקע די פראגע פארן קעמערל, וואָרעם ס'איז ניט קיין לייכטע זאך, — אזוי זאָגט ער:

— ס'איז א פראגע פון אויסגעהאלטענער נאצפּאָליטיק.

קאַפּיטל צענ

1

טעג האָבנ א פלי געגעבנ, ווי אויסגעשאָסענע ראַקעטנ מיט פריילעכ אָנגעצונדענע לויטערע פרימאָרגנס. אינ דער טײַגע אָנ א זײַט פונ טיכאָנקע, ווו צו דער ארבעט האָבנ זיכ גע־שטעלט שימקע, מענדל זאַקס מיט זייער גרופּע, גיט מענ זיכ ניט אָפּ קיינ כעזשבנ, ווער וועמענ וועקט אלע טאָג אופ: די פרימאָרגנס — די גרופּע, אָדער די גרופּע — די פרימאָרגנס. מינ די טיכאָנקער פורנ, וואָס האָבנ געבראַכט אהער ציגל, האָט מענדל זאַקס איבערגעשיקט א צעטל אינ קאָנטאָר:

— „בא גראָבנ דעם ברונעמ ארבעט איכ, פּרויעמ טשער־נאָבילער און אנדערע, די איבעריקע קאָרטשעווענ. אפּ צווי הײַזער זײַנענ פּלעצער צוגעגרייט. אפּ איינעמ לייגנ דעם פונ־דאַמענט ביידע ברידער פּעקער און פּיאָטער אקסענטיעוויטש וועמענ איר האָט אונדז צוגעשיקט. שיקט אונדז וואָס גיכער נאָכ מענטשנ, אניט וועט אונדז דער ווינטער פארכאַפּנ אינמיט דער ארבעט".

די ליידיקע פורנ זײַנענ צוריק אוועקגעפאָרנ, געלאָזט ד טײַגע, ווי מיט א צעשפּאָלטענעמ בויכ, וואָס איז אָפּנ אי דער זײַט צו טיכאָנקע־צו — ערשטע סימאָנימ פונ א וועג. דאָרט ווו די ארבעט גייט, האָט זיכ געדאַכט, איז א שטיקל סאַמ באַטיענ — עס וואָרפט ווי מיט שטיינער.

בא אויסקאָרטשעווענ דעם פּלאַצ פארנ דריטנ הויז האָב

געארבעט שימקע און דער געוועזענער בעדער בעני פרינצ. דער ערשטער ברענט אין דער ארבעט, ווי א ספירט, דער אנדערער האָט צײַט. מענדל זאקס רופט אָפּ שימקען אפ א סאַד. מיט שימקען טוט דענסטמאָל א מאָרדעווע, ווי אים וואָלט רופן זייער א גרויסער נאטשאלניק. ער ווארפט אוועק אלצ, וואָס ער האלט אין די הענט, טראָגט צו מענדלען זײַן אויער, א האלב־דערשראָקענער:

— הא ?..

מענדל, אן אײַנגעטונקענער אין בלאָטע און אין ליים פון גראָבן דעם ברונעם, זאָגט אים עפּעס—אפּאָנעם, ווידער וועגן דעם, וואָס מע דארף מער מענטשן. שימקע בלײַבט שטיין א דערהארגעטער, ענטפערט שוין אפילע ניט, ווי איינער זאָגט:

— נו, וואָס קאָן איך העלפן ?

דאָס איינציקע, וואָס ער קאָן טאָן, איז ווערן נאָך מער ברענענדיק בא דער ארבעט. אזוי טוט ער טאקע,—ער קערט זיך אום, רוקט ארונטער א פארשפּיצט דרענגל אונטערן שווערן ארומגעגראָבענעם בוים-וואָרצל. ער איז דערהיצט. זײַן שטערן און זײַן פּאָנעם—באדעקט מיט אָן א שיר פּיצעלעך שוויס־טראָפּנס. מיט אלע קויכעס לייגט ער זיך אָן אפן דרענגל, אלע בלוטן גיסן זיך אים ארײַן אין פּאָנעם. זײַנע אויגן פאר־גלאָצן זיך צו בעניקן:

— נו ?!..

ער עקט זיך שיר:

— וואָס האָסטו אופגעהערט צו האקן מיט דער קירקע ?

בעני האָט די שווערע קירקע פון די הענט ניט ארויס־געלאָזט—אָט־אָט וועט ער זי א הייב געבן, זי אונטערוווארפן אין דער לופט און וועט מיט איר א האק טאָן אינעם הארטן הילצערנעם אָדער, וואָס באהעפט דעם וואָרצל מיט דער ערד. סע וועט שוין זײַן איינמאָל א „האק טאָן", פאר קיין פוילן האלט ער זיך אין קיין פאל ניט, נאָר זאָל אים קיינער ניט

לערנען, וויאזוי ארומצוגיין ארום דער גוורע, וואס פילט אָן אלע זיינע גלידער. אין דעם זינען, מיינט ער, איז ער שוין א געלערנטער. קויעב, גייט ער מיטן גאנג, איז א זאך, וואס ווער עס האָט, האָט, און ווער עס האָט ניט, איז פארפאלן.

— אין מארק,—זאָגט ער,—וועט דיר היינטיקע צייטן קיי־נער קיין געזונט ניט פארקויפן, שענקען—אוודע און אוודע ניט.

פונדאנען נעמט זיך זיין פאמעלעכקייט אפילע באם ריידן. זיין קלאַל איז—האָסט א ביסל געזונט, בא דיר בלייב עס, איז גיב עס ניט אויס מיטאמאָל, זשאלעווע עס, ווי קרעפל־פלייש.

דערצו איז אים נאָך אלץ אינגאנצן ניט קלאָר, וואָס זשובט מען דאָ אזוי—ווער יאָגט דען דאָ אין האלדז־און־נאקן? ער איז אָנגעשטעלט א ביסל פילאָסאָפיש נאָך פון די פריער־דיקע יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען א בעדער און זיך צו־געקוקט צו די פאָסטעמקעס פון נאקעטע מענטשן. אין טיכאָנקע אפ א פארזאמלונג האָט ער איינמאָל געהערט, ווי מע זאָגט: „די רעוואָליוציע האָט מיט אלע א דריי געטאָן הארע־קאָרע, אָפּגעטאָן אין איין טאָג מער, ווי מע האָט ביז איר אָפּגעטאָן אין גאנצע שאָקן מיט יאָרן“. ער האָט א טראכט געגעבן וועגן דעם, וואָס די רעוואָליוציע האָט אים אָפּגעטאָן אין דער היים, און האָט מאסקים געווען: „יאָ, ס׳איז עמעס“. איז מען דאָך איצט אָבער אוועקגעפאָרן אזוי ווייט פון דער היים, מע געפינט זיך טיף אין דער טייגע אין א וואלד—שוין גע־זען, אין א וואלד זאָל מען זיך אזוי כאפן? ער פרווט פא־מעלעכקע צו שימקען א זאָג טאָן:

— וואָס איז? דער בוים־וואָרצל וועט אנטלויפן?

היינט וואָס וועט זיין מיט בעניו?—ווי־ארום וועט ער זיך דערוויסן, פארוואָס מע דארף דאָ אין דער טייגע אינדער־גיך בויען און פארוואָס מע מוז דאָ צוהאָרעווען און אָניאָגן?

פונוואַנען וועט צו אים דערגיין, אז אין אויסלאנד אפ יענער זייט אמור, פון צווישן די פרעמדע פארשלאָפענע בערג,

קוקט אהער אָן אופהער אַן אויכבאהאלטענע בייזע כיַע. באטאָג. ווער ווייס, וואָס זי טוט דאָרט, אַן באנאכט צינדן זיך אָן מיט זכּרונות ... די בייזע פיַערלעך וואָס אין אירע וועלפישע אויגן, און זי שטשירעט אין דער פינצטער די ציין און וואָלט גוייט זיַן א שפרונג טאָן אהער איבערן אמור — זי וויל און האָט מוירע...

אין בירעפעלד זאָגן דערוף יונגע יאטן גאנץ קורץ:

— צווישן די עלטערע איבערוואנדערער פירט זיך דערוויַל ניט קיין שום אופקלערערישע ארבעט.

פאראן צווישן זיי אזוינע, וואָס זיַנען גוייט אופצוהייבן וועגן דעם גוואלדן אף אלע פארזאמלונגען.

2

פון בירעפעלד האָט מען אהער אריבערגעוואָרפן די איבערוואנדערער: מייער רימער, סימכע קאָראָליוקער, יודל ליפשיץ און איינעם א געוועזענעם אָרעמען הענדלער פּייסעכאָוויטש.

סימכען האָט דאָ שימקע גליַיך געזאָגט:

— ביסט א זאווערוכע.

— טו, וואָס מע הייסט דיר, און פארגרעסער ניט דעם טומל, הער אוף מיט דיַין „ווען מע גיט מיר“...

וואָס שיַיך צו יודל ליפשיץ, האָט אים פון אָנהייב אפילע ניט אָנגעהויבן צו ארן, וואָס קיינער זאָגט אים דאָ גאָרניט — טיף בא זיך אין הארצן איז ער אהער געפאָרן ניט מער, ווי אף א קוק צו טאָן:

— וואָס פאר א מעציע האָבן זיי דאָרט אין וואלד געפונען?

— וואָס מאכן זיי אזא ראש?

ער וועט זען, אז סע גאָרנישט, וועט ער א באַרויקטער געפינען א טערעץ אף אוועקצופאָרן צוריק קיין בירעפעלד און

שוין. זײַן אויג האָט באַלד א שאַץ געטאָן אַלץ, וואָס מע האָט דאָ אָן אים אָפּגעטאָן:

— אײַסעך...

— די עמעסע גליקן...

— מע האָט נאָך ניט אופגעשטעלט אפילע קײן אײן שטוב.

ער האָט געזאָגט צו שימקען:

— אָ-דאָס הײסט געבויט?

שימקע האָט אים געענטפערט:

— טאַקע דעריבער האָט מען דיך אהער צוגעשיקט—דו וועסט שוין ווײַזן, וויאַזוי מע בויט בעסער.

און מער גאָרנישט ניט צוגעגעבן, בלויז מיטן בליק געגעבן יודלען צו פילן:

— מע געדענקט דיך נאָך פונעם איבערוואַנדערער־צוג, מע ווײסט ווער דו ביסט...

טאַקע דאָס האָט יודלען א ביס געטאָן—ער, יודל, האָט שוין א ביסל געאַרבעט אין טיכאָנקע און אין בירעפעלד, ווי א שוואַרצאַרבעטער, און דאָ נעמט עס עפּעס גאָר קײנער ניט אין כעזשבן. ער האָט באַגלײט שימקען מיט א לאַנגן בײזן בליק. יענער האָט זיך ניט אומגעקוקט—ס'איז געווען טכילעס אָוונט. מע האָט זיך געלײגט שלאָפן.

אינדערפרי האָט מענדל זאַקס איבערגעוואָרפן פּרויעמ טשערנאָבילער צו דער אַרבעט באַם לײגן דעם פונדאַמענט פון א צווײטן הויז. אף פּרויעמס אָרט האָט ער לעבן זיך באַם גראָבן דעם ברונעם אוועקגעשטעלט מײער רימערן. סימכען און פּײסעכאָוויטשן האָט מען אנידערגעשטעלט בא דער אַרבעט, וואָס ביז אהער האָט אײנער אַלײן געטאָן דער געקײפלט גרויסער קאָפּל גרײַעווער—געשפּאָלטן אומגעוואַלגערטע בײמער אף בערוועגעס. פּיאָטער אקסענטיעוויטש האָט זײ געוויזן, וויאַזוי דאָס צו טאָן, צוגעקליבן פאַר זײ פּאַסיקע בײמער. בלויז וועגן יודל ליפשיץ האָט מען ווי פאַרגעסן—קײנער איז צו אים ניט

צוגעגאנגען, צו קיין שום ארבעט ניט גערופן. דאָס האָט גע־קאָנט הייסן:

— גיי אהין, פונוואנען דו ביסט געקומען.

יודל האָט זיך ארומגעשארט אהין — אהער, זיך פאמעלעך גענומען ארומקוקן אין אלע זייטן.

— וואָס זאָל עס זיין? — אומיסטן?

— א פּאָליטיקע אזא?

אים איז גלאט טשיקאווע, ווער קאָן עס דאָ זיין דער טאטע פון אָ־דער פּאָליטיקע—מענדל זאקס? שימקע? ציביידע אינײנעם?

זאקס קאָן אים ניט פון פריער, הייסט עס: ס'איז שימקע.

יודל איז א באלן צוצוגיין צום אָרט, ווו שימקע און בעני קאָרטשעווען—מאָנעפּשעך: אויב שימקען שטעכט אין די אויגן, טאָ זאָל אים שטעכן פון דער נאָענט. שימקע און בעני, זעט ער פונוויטנס, האָבן ארומגעבונדן א שטריק ארום א שווערן בוים־וואָרצל און ווילן אים ארויסשלעפּן פון דער נעסט.

יודל גייט אהין צו, שטייט א ווײַלע און קוקט.

— אפּ ארויסצושלעפּן דעם־אָ בוים־וואָרצל — טוט ער א זאָג, — וואָלט מען געדארפט האָבן כאָטש צוויי פערד.

יענע קוקן צו אים ניט, ענטפערן ניט—ביידע כאפּן בלויז איבער דעם אָטעם און ציִען באנײַס פארן שטריק. דאָס הייבט שוין אָן יודלען נישקאָשעדיק צו פארדריסן—ער, אז ווערט האָנאָריסטע, באקומט ער קימאט אן אײַנגעפאלענע נאָז און די אויגן גיסן זיך אים אָן.

— מע וואָלט באדארפט — גיט ער אן אייצע, — כאָטש אונטערשפּארן דאָ־אָ דעם וואָרצל מיט א דרענגל. אָט אין דער־אָ זײַט.

יענע זײַנען ווי טויב, קוקן ניט צו אים, ציִען דעם שטריק אפּ העפּקער. דאָס פארדריסט שוין יודלען טאקע גאָר־גאָר שטארק. יודל, אז מע רירט אים אָן זײַן האָנער—א בין, וואָס

וועט אָט־אָט לאָזן די גיפּט. פון פּאַרדרוס און בּיזויען מישן זיך אים אזש די געדאַנקען, און עס כאַפּט אים אָן גרויס ראַכ־מאָנעס אַף זיך אַליין:

— וואָס טוט זיך דאָ? — כ'בין שוין טאַקע גאָר קיין מענטש ניט?

אַפּצולאָכעס הייבּט ער אויף פון דער ערד אַ פאַרשפּיצט דרענגל, ער איז אין קאַס, זײַנע הענט ציטערן. באַם אַרונ־טערוקן דאָס דרענגל אונטערן בוים-וואָרצל טרעפט ער ניט צו דער נייטיקער טיף. בעני, זעט ער, האָט אופגעהערט צו שלעפן פאַרן שטריק און טוט אַהער אַ פאָר שפּאַן. וואָס וויל בעני טאָן? — ער וועט אויסרײַסן בּאַ יודלען דאָס דרענגל? ער וועט מיט דעם שפּאַלטן יודלען דעם קאָפּ? יודל פאַר־קריצט די ציין, פאַרקלאַמערט די הענט אַרום דרענגל, אָטעמט זייער גיך און שווער. בעני אָבער שטופּט גאָר אַרײַן דאָס דרענגל אַף דער נייטיקער טיף און קערט זיך אום צוריק, גרייט צו שלעפן איינינעם מיט שימקען דעם שטריק. בלויז מיטן בליק רופט ער אַרויס יודלען ווי אַף אַ דועל:

— אָן שטוקענציעס... ווײַז וואָס דו קענסט...

אַ ווײַלע קוקן זיי אָן איינער דעם אַנדערן פון איבערן גרוב — בעני און יודל. מיט אַלע קויכעס טוט יודל אַ ריס דאָס דרענגל צו דער ערד־צו. דער בוים־וואָרצל האָט זיך דערפון קוים־קוים אַ ריר געטאָן. אָט־אָט וועלן אים אויסלאַכן ביידע — אי בעני אי שימקע — זיי קוקן אַף אים, ווי אַף אַ מיעס פּיקסל. פאַרסאָפּעט מיט אומעטיק־פאַרשמאָלטע אויגן קוקט ער אָן בע־נין, וואָס האָט אים דאָ עפּעס ווי אַרײַנגענאַרט אין אַ נעץ. בעני, זעט ער, פירט פּאַמעלעך איבער די אויגן אַף שימקען, ווי איינער זאָגט:

— כ'האָב ניט געזאָגט, איך וועל אים דאָ אַרויספירן אַף דער ריכטיקער שײַן?

דאָס צינדט יודלען באַנײַס אָן. ער שפּרינגט אונטער צום

הויכן עק פון דרענגל, כאַפּט זיך אין אים אָן און בלייבט הענגען. פון אזא אויגנבליק גייט מען ארויס „טויט אָדער רויט“ — דאָס איז אלץ, וואָס יודל פילט. דורך קורצע שטויסן, מיט דער גאנצער שווערקייט פון קערפּער און מיט אלע קרעפטן פון זיינע מוסקולן שלעפּט ער דאָס דרענגל צו דער ערד און שרייט דערביי צו יענע, וואָס שלעפּן פארן שטריק:

— נו־נו־נו — — — ראַזאָם!

— נו־נו־נו — — — ראַזאָם!

דער בוים־וואָרצל, פילט ער, הייבט זיך, רוקט זיך — עט־לעכע מאָל אזוי. יודל צעעפנט די אויגן און אָטעמט שווער — דער בוים־וואָרצל איז ארויסגעשלעפּט.

איצט איז פאר יודלען די בעסטע צייט א שפּיי צו טאָן און אוועקגיין. ער האָט דערוויזן? — גענוג. נאָר בעני האָט, אפּאָנעם, זיך פאַרגענומען צו מאכן פון יודלען דאָ אין דער טייגע א שטיקל לייט. פאמעלעך, פאמעלעך גייט ער צו צו יודלען און באטראכט אים פון קאָפּ ביז די פיס, ווי אפּ לאָנ צו הערן:

— בא מיר, גוטער ברודער, וועסטו דאָ אופהערן צו דרייען מיטן ווידל.

— קום — זאָגט ער צו יודלען.

אָן שום איילעניש הייבט ער אוף די האנט און ווייזט אָן אפּ א נאָענטן גרוב:

— אָט דאָרט ליגט א בוים־וואָרצל. מיר האָבן נעכטן אינצווייען אים ניט געקאָנט ארויסשלעפּן. קום, וועלן מיר א פּרווו טאָן אינדרייען...

און ביידע קוקן זיך א ווײַלע אָן — בעני און יודל. יודל פילט שוין: דער „דועל“ צווישן אים און צווישן דעם געזונט־קרעפּטיקן בענין הייבט זיך דאָ ערשט רעכט אָן — ס׳איז א מייסע ניט אפּ איין מאָל און ניט אפּ איין טאָג...

צום אָרט, וווּ מע גראָבט דעם ברונעם, קומט צו לויפֿנ שימקע. זײַנע אויגנ ברענען, ער אינגאנצנ ברענט — דאָס האָט ער אפּ א רעגע זיך אָפּגעריסנ פֿונ דער ארבעט באַם קאָר־טשעווע.

— נו, — פרעגט ער, — וואָס הערט זיך?

אלע, וואָס ארבעטנ ארום ברונעם, שווײַגנ. מיטנ לאנגנ שטריק — צוגעבונדנ צו עפּעס א מינ זעקסקאנטיק רעדל, וואָס מע האָט דאָ אליינ אויסגעמײַסטערט — שלעפּט מענ ארויס פֿונ גרוב א נײַע פולע באדיא ערד און שוינ — דאָס איז דער ענטפער:

— אומגליק.

— צאָרעס אפּ צאָרעס.

מע גראָבט שוינ די צווייטע וואָך. מע ציילט און מע ציילט די אויסגעגראָבענע מעטער און קיינ סימענ פֿונ קיינ קוואַל זעט מענ נאָך אלצ ניט. פארקערט, וואָס טיפער מע גראָבט, אלצ טרוקענער ווערט די ערד אינ דער ארופגעצויגענער באדיא. איז וואָס זאָל מענ דאָ שימקענ זאָגנ? — די ערד אינ דער באדיא איז שוינ אליינ אנ ענטפער:

— ווער ווייסט, צי מעט זיך דאָ גאָר דערגראָבנ צו וואסער.

נאָך פינפ טעג גראָבנ האָט דאָ דער געוועזענער פּליטנ־טרײַבער, פרויעמ טשערנאָבילער, איינמאָל א זאָג געטאָנ:

— סעט גאָרנישט ניט זײַנ.

— ממעמ־מעלקט א יאלעווע ק־קו...

ס'איז געווענ שוינ איינמאָל א „זאָג". בא אלע איז פֿונ דעם פארקילט געוואָרנ אינ הארצנ. דערפאר האָט דענסטמאָל מענדל זאקס איבערגעוואָרפנ פרויעמענ צו דער ארבעט באַם לייגנ דעם פונדאמענט פֿונ דריטנ הויז און אפּ זײַנ אָרט באַם

גראָבן דעם ברונעם אוועקגעשטעלט דעם פריש געקומענעם מייער רימער. געדולדיק שטיל, שטענדיק אין דער ארבעט, האָט מענדל זאקס דאָך פּײַנט, אז מע דרייט צופיל מיט דער צונג און מע לייגט אויס צו שלעכטן. איצט אָבער האָט דאָ ער אליין זיך שוין אויך שטארק ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס, ער שווײַגט, ווײַל זײַנס האָט ער שוין אָפּגעזאָגט נאָך צוריק מיט עטלעכע טעג:

— עפּעס, ווי בא אן אומגליקלעכער קימפּעטאָרן און געניג... אלע וויעע זײַנען שוין געווען, און דאָס קינד קומט ניט ארויס.

טאקע אזוי האָט דאָ אָנגעהויבן אויסצוזען מענדל זאקס— ווי אן אומגליקלעכע באָבע ארום א געווינערן, וואָס קאָן ניט האָבן דאָס קינד; אלץ, וואָס די באָבע ווייסט און קען, העלפט ניט, און קיין דאָקטער איז ניטאָ, און אלע מיטלען זײַנען שוין אויסגענוצט. שימקע, אז ער לויפט אהער-צו, קוקט ער אָפּ זאקסן, ווי אָפּ זײַנעם א רעבן, און קאָן דאָ העלפן סײַדן מיט וווּנדערן זיך:

— וואָס זאָל עס זײַן פאר א מײַסע?

נאָר אויך דערויף האָט זאקס שוין געענטפערט נאָך צוריק מיט א פּאָר טעג:

— אז קיין שכיינים ארום און ארום זײַנען נישטאָ.

— גיי פרעג אן אייצע בא דער טײַגע...

און ער האָט באנײַס מער ווי אלע גענומענע האָרעווען, גראָבן און גרונטעווען אלץ טיפער און טיפער דעם ברונעם. צו קיין וואסער איז מען נאָך אלץ ניט צוגעקומען. די סקע-לעטן פון די הײַזער, וואָס מע בויט, האָבן אין יענע טעג א קווענקל געטאָן, צי זיי זאָלן ווײַטער וואקסן. ווי פון זיך האָט דאָ אינמיטן וואלד די גאנצע ארבעט אָנגעהויבן גיין פּאמע-לעכער און ניט זיכער.

איבּ די צײַטן, װען זאַקס האָט אין װילנע געאַרבעט װי
א שװאַרצאַרבעטער אַף א געהילץ-סקלאַד, און אַפילע די היימ-
לאָזע מילכאָמע-יאָרן האָבן אין זײַן קליינער האַרטער באָרד
גראָ געמאַכט בלויז איינציקע שוואַרצע האָר, וועט אים איצט
די מײַסע מיטן ברונעם אין איין שטיי-דריי גראָ מאַכן אינ-
גאַנצן. אַלץ איז געגאַנגען גלאַט, ווי אַף פּוטער: ער, זאַקס,
האָט איינעם מיט שימקען געפונען דעם פּלאַץ דאָ אין דער
טײַגע, צונויפגענומען אַרום זיך א גרופּע מענטשן, געזאָגט
אין קאָנטאָר:

— „יאָ, כ'וועל האָרעווען, נאָר סע זאָל דערפון עפּעס
אַרויסקומען".

מע האָט צונויפגענומען אַרום זיך די מענטשן, מע האָט
באַקומען די „קרעדיטן", מע האָט זיך א נעם געטאָן אַלע איינעם—
מעט איבערקערן וועלטן, מע וועט אויסבויען עפּעס אַן אַנטיק
דאָ אין דער טײַגע. שימקע האָט שוין אַפילע געהאַט געזאָגט:

— „וואַרט... מע וועט וועגן אונדז דערהערן אין מאָסקווע".

— „מע וועט נאָך וועגן אונדז אַמאָל ריידן אין קרעמל".

און פּלוצלינג — נאָ... דערגראָבט מען זיך ניט צו וואַסער,
ווערט צעדרייט די גאַנצע זאַך. אויס שיינער כאָלעם. און דאָ
ווערט נאָך פון טאָג צו טאָג ערגער — ניט גענוג, וואָס מע
דערגרונטעוועט זיך ניט צו וואַסער, שטויסט מען זיך באַם גראָבן
אָפּט אָן אַף שיכטן, וואָס זײַנען האַרט, ווי שטיינער. דער
שאַרפסטער גראָבאײַזן נעמט זיי ניט. אין טיף-אויסגעגראָבענעם
ברונעם-לאָך איז דער פּלאַץ צו קליין אַף צו פאַנאַנדערגיין זיך
ווי געהעריק מיט דער קירקע. מער ווי איין מענטש קאָן דאָרט
נים אַרבעטן, און ניט יעדן גלוסט זיך אַהין קריכן — אָט-אָט
וועט מען אָנהייבן אונטערצובורטשען.

אין דער אַרויסגעצויגענער אויסגעליידיקטער באַדיא שטעלט

זיך דענסטמאָל אַרײַן זאַקס אַליין. מע לאָזט אים פּאַמעלעך אַראָפּ מיטן שטריק אין דער טיף און מע הערט נאָכדעם גאַנצע שאָען, ווי ער האַקט דאָרט מיט דער קירקע—האַקט און האַקט אָן אויפהער. סע ווערט נימאס צו הערן. מע שרײַט צו אים אין גרוב אַרײַן:

— נו?

— וואָס הערט זיך?

זאַקס ענטפערט ניט, דעריבער דאַכט זיך, אַז ער געפינט זיך זייער טיף אונטער דער ערד—אַזש ערגעץ אויף יענער וועלט געפינט ער זיך, און זאָל מען צו אים שרײַען, גוואַלדעווען — ער וועט סײַוויסײַ ניט דערהערן. אויב ער ציט דאָרט פאַרן שטריק, איז עס אַ סימען, אַז די באַדיאַ איז לעבן אים שוין פול מיט ערד, צי מיט ליים — מע הייבט זי אָן אַרויסציִען, קעדיי נאָכדעם זי ליידיק צוריק אַראָפּלאָזן. מייער רימער — איינער פון יענע, וואָס דרייען דאָס זעקסקאַנטיקע רעדל און שלעפּן דעם שטריק מיט דער באַדיאַ, — הייבט זיך אָן מעשאַער צו זײַן:

— ווער ווייס?.. מע גראָבט שוין אַזוי לאַנג.

— עפּשער וועט מען זיך דערגראָבן צו גאָלד אָדער צו טײַערע שטיינער.

— סע־אַ געלעכטער? — דאָ אין דער טײַגע האָט מען נאָך קיינמאָל ניט געגראָבן.

איינמאָל, ווי נאָר מע האָט די אויסגעליידיקטע באַדיאַ טיף אַראָפּגעלאָזט, האָט מען גלײַך באַמערקט, אַז זאַקס ציט טיף אין גרוב פאַרן שטריק — גאָר אַנדערש, ווי אַלע מאָל ציט ער. מע האָט זיך אַ כאַפּ געגעבן שלעפּן צוריק דעם שטריק. מע האָט געמיינט איינס פון די ביידע: אָדער ער האָט דאָרט פּלוצלינג זיך דערגראָבן צו וואַסער, אָדער ער האָט עפּשער ווירקלעך, ווי מייער זאָגט, אָנגעטראָפן אויף גאָלד אָדער אויף עפּעס אַן אַנדער מין אויצער. נאָר אַז מע האָט די באַדיאַ העכער אַ

האלב ארויסגעצויגן, האָט מען גלײַך דערזען — דער עמעסער „אויצער" — אין באדיא איז זייער אײַנגעהויקערט, קימאט צו־נויפגעלייגט אינצווייען געזעסן זאקס. ער האָט געכאלעשט און סע האָט א ביסל געדויערט ביז מע האָט אים אָפּגעמינטערט. מע האָט געוואָלט בא אים דערגיין:

— וואָס איז געשען?

— א שלעכטע לופט אונטן?

— גאזן אזוינע, צי עפּעס אנדערש?

נאָר זאקס האָט געשוויגן. אָפּגערוט א ביסל, האָט ער זיך ארײַנגעשטעלט אין דער באדיא און ווידער א ווונק געטאָן, מע זאָל אים אין ברונעם-גרוב ארויסלאָזן. ער האָט פארשפּאָרט צו ריידן — זײַנע מאט-שווארצע אויגן האָבן ווי אויסגעשפּריצט מיט פונקען:

— אָדער זיך דאָ דערגראָבן צו וואסער.

— אָדער דאָ וועט זײַן מײַן קייווער.

5

ארויפגעקומענע אהער פון טיכאָנקע דער הויפּט-אגראָנאָם שטיין, דערזען וואָס דאָ טוט זיך, ערשט איצט רעכט באמערקט, וויפל אקשאָנעס עס ליגט אין אָט דעם שטילן איבערוואנדערער זאקסן. שטיין האָט געפרעגט א קאשע:

— איר האָט דערזען, אז דאָ איז צו טיף צום וואסער, פארוואָס האָט איר באלד ניט אָנגעהויבן גראָבן אפ אן אנ־דער אָרט?

זאקס האָט געזאָגט מיט א האלב מויל:

— פונוואנען ווייס איך, אז דאָרט וועט צום וואסער זײַן נעענטער?

שטיין האָט אופגעקלערט:

— אייניקע געלערנטע מיינען, אז דאָ, ווו בירעבידזשאן געפינט זיך, איז פאר פיל טויזנטער יאָרן געווען א יאם. דער

פלאַכ־באָדן איז דאָ אַן אָנגעטראָגענער. אײן אָ־דעם באָדן שנײַדן זיך אַרײַן ווי אײַנדזלען די אַמאָליקע העכערע ערטער. טרעפט מען אָן אַף אַזאַ אינדזל, איז דאָרט שווער זיך דערגראָבן צו וואַסער, ווײַטער מיט עטלעכע הונדערט קלאַפטער קאָן מען שוין גאָרניט טיף צו וואַסער צוקומען.

שטײנס אײַצע איז, הײסט עס, געוועזן, מע זאָל גראָבן מיט עטלעכע הונדערט קלאַפטער ווײַטער. שימקע האָט בלויז אײן קוק געגעבן אַף זאַקסן און גלײַך פאַרשטאַנען וואָס צו זאָגן:

— און די גאַנצע אַרבעט דאָ? — אַרויסגעוואָרפן?

— מעט גײן פון אַזוי ווײַט שלעפן וואַסער?

— און דאָס געזונט, וואָס מע האָט דאָ אַוועקגעלײגט בא קאָרטשעווען?

— און די הײַזער, וואָס מע האָט דאָ שוין אָנגעהויבן בויען?

— און אַ טײל פון די „קרעדיטן", וואָס מע האָט שוין אויסגענוצט?

— אַלץ קטשאָרטו?

שטײנען איז דערופ שווער געוועזן צו ענטפערן. ער האָט דאָ גענומען פּראָבעס פון אַלערלײ שיכטן ערד, וואָס מע האָט פונעם ברונעם-גרוב אויסגעגראָבן — דאָס האָט ער געטאָן צוליב דער בירעפעלדער פּרווו-סטאַנציע. ער איז פאָרט געוועזן בלויז אַן אַגראָנאָם, ניט קײן געאָלאָג, און האָט דאָ געקאָנט וויניק העלפן — ער איז אַוועקגעפאָרן. און ווי נאָר ער איז אַוועק, אַזוי באַלד האָט זיך דערפילט, אַז אַף אַוועקצופאָרן פונדאַנען זײַנען פאַראַן נאָך אַנדערע באַלאָנים. דער אוילעם האָט אָנגעהויבן אונטערצובורטשען. יודל ליפשיץ — ווי נאָר אַף דעם האָט ער געוואָרט זײַן גאַנצע לעבן; ער האָט געזאָגט:

— ט'האָט איר די מעציִע, וואָס מע האָט דאָ אײן וואַלד געפונען...

— וואָדען ?

— מע האָט ניט געוווּסט פריִער ?..

שימקע האָט זיך צו אים א לאָז געטאָן, ווי אָפּ צו געבן קלעפּ:

— וואָס האָסטו געוווּסט פריִער ?!

דענסטמאָל איז פּלוצלינג שטארק בייז געוואָרן דער שטענדיק שטילער און שווייגנדיקער זאקס. פונעם קאָל, וואָס ער האָט פּלוצלינג פון זיך ארויסגעלאָזט, האָבן אלע אזש א ציטער געטאָן — א מענטש, וואָס האָט קיינמאָל קיין פליג אָפּ דער וואנט ניט אָנגערירט, אז ער נעמט זיך שוין שלאָגן, כאַפּט ער א האק אין דער האנט, און א מענטש, וואָס האָט קיינמאָל אָפּ קיינעם ניט געשריגן, אז ער וויל שוין אָנהייבן שרייַען, ווערט ער עס טאָן אזוי, אז אלע ארום אים וועלן פארווונדערט און פארגליווערט ווערן. אזוי איז געווען מיט זאקסן — ער איז צוגעגאנגען צו יענע, וואָס בורטשען, און האָט פּאַשעט זייער הויך געמאכט אלע איינינעם אָפּ רוסיש אין דער מאמענ אריַין. קיינער האָט זיך פּאַשעט ניט געריכט, אז באם שטענדיק שטילן זאקס זאָל זיך אָפּ אזא וואזשנע-געקייפלטער „בראָכע" גאָר לייגן די צונג. דאָס האָט די ארומיקע מיטאמאָל פון אלערליי בורטשעריַיען אויסגעניכטערט. מע איז געבליבן שטיל, מע האָט געוואַרט, וואָס וועט ער זאָגן וויַיטער. נאָר וויַיטער האָט שוין זאקס גערעדט זייער ווייניק, זייער קורץ און געלאסן:

— ווען עס לוינט ניט, יענער קאָן אוועקגיין פונדאנען.

— מע וועט נעמען פון די באקומענע „קרעדיטן" און מע וועט אים ארויסצאָלן פאר אלע טעג, וואָס ער האָט דאָ געארבעט.

— דעם ברונעם וועט מען גראָבן וויַיטער.

— נישקאָשע, מע וועט א ביסל צוטערפּען.

— מע וועט זיך דערגראָבן דאָ צו וואסער.

און איינינעם מיט שימקען און מיט מייער רימער האָט ער

גלײַך געגומענע מײַסטערװוע א גאנצ לאנגג לײַטער, קעדײ א מענטש זאל קאָנענ אײנער אלײנ אינ ברונעמ־גרוב זיכ אראָפּ־לאָזנ. דער ערשטער, װאָס האָט זיכ מיטנ לאנגג דינעמ לײטער אינ ברונעמ־גרוב אראָפּגעלאָזט, איז װידעראמאל געװוענ ער, זאקס אלײנ — פאראקשנטערהײט האָט ער דאָרט אינ דער טיפ געגומענ מיט דער קירקע פאָרפלענ אונ האקנ. דענכטמאל האָט שימקע איבערגעלאָזט בא קאָרטשעװוענ דעמ פלאצ פארנ דריטנ הױז בעני פרינצנ מיט יודל ליפשיצ אונ אלײנ זיכ אװעקגע־שטעלט באמ ברונעמ־גרוב ציִענ די באדיא. מע האָט װידער דאָרט אינ דער טיפ אָנגעטראָפנ אפ א שיכט, װאָס איז הארטער פונ שטײנער, אונ די פראגע איז געװוענ, בא װעמענ װעט קלעקנ מער אקשאָנעס אונ װער װעמענ װעט בײַקומענ:

— זאקס — דעמ שיכט?

— אָדער דער שיכט — זאקסנ?

6

יודל ליפשיצ האָט צו פרעגנ א קאשע:

— װאָס גײט עס דאָ אָ־דעמ זאקסנ אזױ אינ לעבנ ארײַנ?

װיבאלד פאר קאָרטשעװוענ דעמ פלאצ פארנ דריטנ הױז איז יודל געבליבנ אװיג אפ אויג מיט בעני פרינצנ — שימקע איז דאָ לעבנ זײ בײדע נישטאָ — קאָנ ער בײס דער ארבעט ארױסזאָגנ פאר בעניג כאָטש א טײל פונ דעמ, װאָס ער, ליפשיצ, טראכט אונ װאָלט געשריבנ קײנ אמעריקע אינ זײַנע „בריװ".

— אױ־אױ־אױ, בעני! — לאָזט ער ארױס א װארעמ זיפצ, — װעסטו מיר מױכל זײַנ, װי אנ אײגענעמ טאטנ, כאָטש דו ביסט געזונט אונ ארבעטסט אלע יאָרנ, װי אנ אָקס, פונדעסט־װעגנ ביסטו געװוענ אונ געבליבנ א בעהײמע בעצורעס פערד... מע האָט דיכ געמאָלקנ אונ מע מעלקט דיכ אונ מע װעט דיכ מעלקנ. א פארפאלענע זאכ, בעני, אזױ װעט זײַנ ביז מאָשיעכ

ווער קומען. מע פירט אונדז אין באָד אַרײַן... זאָג מיר, איך בעט דיך: דו לעבסט איצטער בעסער, ווי אמאָל?

בעני איז ניט דער מענטש, וואָס כאַפּט זיך ענטפערן. אים לוינט פריִער א טראַכט טאָן. און אז בעני טראַכט, טוט ער עס ווי איינער, וואָס בייס ער איז געווען א בעדער האָט ער זיך אָנגעזען מיט א היפּש ביסל נאַקעטע מענטשן — סײַ פּײַנע סײַ פּאַסקודניאַקעס — און קאָן זייערע פּאָסטעמקעס, און ניט יעדן איינעם גלייבט ער. פאַרטראַכטערהייט פרעגט ער איבער:

— צי איך לעב איצט בעסער ווי אמאָל?

בעניען איז נישקאָשעדיק שווער צו מאַכן אָט דעם פאַר־גלײַך, וואָרעם וויפל ער וויל זיך ניט דערמאָנען, וויאַזוי ער האָט געלעבט אמאָל, פאַר דער רעוואָליוציע, קומט בא אים אַלץ אויס ווי מע וואָלט בא אים פרעגן: „וויאַזוי האָט געלעבט בעני איידער ער איז געוואָרן בעני?" — ער ענטפערט:

— פריִער בין איך דען געווען א מענטש?

יודל צינדט זיך אָן:

— אַזוי? וואָ־דען ביסטו געווען?

בעני — נאָך אַלץ פאַרטראַכט, קאַלט:

— איך בין געווען א בעדער, בין איך געווען... א בע־דער און שוין...

יודל מאַכט צו א האַלב אויג און באַטראַכט דעם צעוואָק־סענעם ברייטן און געזונטן בעניען: א גוורע, א?.. קויעך — פון א העלפאַנד, און סייכל — אפן שפּיץ מעסער. רעדסטו צו אים האַלבע ווערטער, איז עס פּאָשעט אַרויסגעוואָרפן, נאָר ריידן צו אים אינגאַנצן אָפן איז „לוי מיט א כפּאָדעק". יודל איז גאָרנישט אַזא נאַר, ער זאָל עס וועלן טאָן.

— נו, מיילע, — זאָגט ער צו בעניען, — ניין איז ניין... האָב איך גאָרנישט ניט געזאָגט...

ער כאַפּט זיך דער ערשטער צוריק צו דער איבערגעריי־סענער אַרבעט:

— און שוין — וואָרטשעט ער — אזויווי דו האָסט ניט פארשטאנען, אזוי זאָל דיר ניט שאטן.

— ניין, ווארט — הערט בעני מיטאמאָל אוף צו טראכטן. דאפקע בעני איז איצט דערפאר, אז די איבערגעריסענע ארבעט מעג א קאפעלע צוווארטן. ער לאָזט ארויס די קירקע פון די הענט און קוקט אָן יודלען מיט דרעמלדיקע אויגן:

— וואָס — פרעגט ער, — האָסט עפעס נאָרוואָס געזאָגט? „מע מעלקט מיך", „מע פירט אונדז אלע אין באָד ארייַן" — ווער פירט אין באָד אריַין? ווער מעלקט מיך?

— ניין, — הייבט יודל אָן גיך־גיך צו ארבעטן מיטן גראָב־ייַזן, — ניין, גאָרנישט...

ער מיינט, גענוג אפ איצטיקס מאָל — ארייַנגעוואָרפן אין בעניס א פונק? טאָ זאָל דער פונק זיך צעבלאָזן פון זיך. בעני:

— וואָס האָסטו דאָ געוואָלט זאָגן, א?..

יודל ארבעט מיטן גראָבייַזן און קוקט זיך ניט אום.

— ווי איך בין א ייִד, — שווערט ער, — כ'האָב גאָרנישט ניט געזאָגט און גאָרנישט ניט געמיינט.

בעני באטראכט יודלען מיט א שטאר און בייז אויג — אזוי קוקט א מענטש, בייס מע קומט מיט פליאָטקעס וועגן זייַן ווייַב, אפ וועלכער ער האָט קיינמאָל קיין מינדסטן כשאד ניט געהאט. ער בייגט זיך פאמעלעך אָן, נעמט צו בא יודלען דעם גראָבייַזן אוןווארפט אים אוועק אָן א זייַט.

— דו וועסט זאָגן, צי ניין?

זייַן געזונטע פארקאשערטע האנט איז, דאכט זיך, גרייט זיך אויסצושטרעקן צו יודלען — אָט־אָט וועט זי יודלען אויפהייבן אין דער הייך, ווי מע הייבט אוף א הערינגל אפ א בעזעמען.

— איך וויל אויך וויסן — באקומט ער אָנגעגאָסנקייַט אי־נעם שטארן אויג, — איך בין א פראָסטער מענטש... וואָס האָסטו געמיינט? סע פאר מיר א סאָד?

— איך וועל דיר זאָגן, — קנײטשט זיך יודל, — כ'האָב ניט קיין סוידעס. סע רירט דיך אָן ניט ווייניקער ווי מיך... סע מער ניט, וואָס איך ווייס עס שוין היינט, און דו וועסט זיך עס דערוויסן שפּעטער מיט א שטיק צייט. האָסט דען קיין אויגן ניט? זעסט גאָר ניט, אז סע גייט דאָ די גאנצע צייט א באַרעניוועקע... פון אויבן ביז אראָפּ — איין גרויסע באַרע־ניוועקע... איז דיר שוין קלאָר, וואָס איך האָב געזאָגט..

— ניין — טוט בעני א קלער, — זאָג אָפּן: ווער באַרעט?

בעני פרעגט עס גאנץ שטיל. יודל אָבער צעשרייט זיך, ווי ער וואָלט צילן, אז אלע אין וואלד זאָלן דערהערן, כאָטש ארום און ארום איז קיינער נישטאָ:

— וואָסי? כ'האָב פאר עמעצן מוירע? כ'זאָג עס אָפּן!.. כ'וויל וויסן, וואָס פאר א סוידעס האָבן זאקס מיט שימקען? שימקע האָט געשיקט זיין ווייב א בריוו, זי זאָל אהער קומען. זאקס האָט שוין אויך געשריבן זיין פאמיליע, זי זאָל קומען — פונוואנען האָבן זיי גענומען אף הויצאָעס? זיי האָבן געפונען אן אויצער אין וואלד? הערסט א מייסע? — טאקע דאָס פרעג איך דאָך... האָסט ניט געזען, ווי זיי האָבן ארויסבא־גלייט דעם אגראָנאָם שטיין און זיך מיט אים עפּשער א שאָ געשושקעט? — זיי זיינען נאָכדעם געקומען דיר דערציילן וועגן וואָס זיי האָבן מיט אים גערעדט?

בעני קוקט אף יודלען שארף — שארפער קאָן שוין ניט זיין.

— נו גוט, — נעם די לאָפּעטע, קום ארבעטן.

אליין נעמט ער צוריק די קירקע אין די הענט, ווי גלייך ס'איז גאָרנישט ניט געשען. דאָך, מיט דער פריערדיקער גלאטקייט גייט די ארבעט מער ניט אוועק.

בעני בלייבט אלעמאָל שטיין און פארטראכט זיך, קוקט פון דער זייט אף יודלען. ער פרעגט:

— זיינען זיי ביידע, מיינסטו, אונטערגעקויפטע — אי שימ־

קע אי זאקס?.. נו און שטיינ? אויך א גאנעוו?.. א? אלע זייַנען גאנאָווים?..

ער טוט א טריט צו יודלען, ווי אפּ צו געבנ קלעפּ:

— אויב דו ווייסט ניט גאָרנישט, זאָלסטו ניט דרייענ מיטנ צונג. און אויב יאָ, זאָלסטו עס דערווייַזן, דו הערסט?

יודל קוקט דערשראָקנ אַפּ דער גווורע, וואָס הייסט „בע־ני״ — שוינ געווענ עפּשער בעסער גאָרנישט אָנצוהייבנ.

דער עמעס איז, אז שטיינען, איידער ער איז פונדאנענ אוועקגעפאָרנ, האָט צוערשט אפּ א סאָד אָפּגערופנ גראָד ער, יודל ליפּשיצ אליינ:

— „כאווער שטיינ, — האָט ער געזאָגט, — איך קלער: עפּ־שער זייַט איר יענער אָרנטלעכער באָלשעוויק, וועלכנ איך זוכ אלע יאָרנ... וויל איך מיט אייַך אונטער פיר אויגנ עפּעס ריידנ״...

שטיינ האָט דאנ אפּ אימ אפילע קיינ קוק ניט געטאָנ, גאנצ שטיל געענטפערט:

— „וואָס־זשע קומט ארויס? — וויל איך אָבער מיט אייַך ניט ריידנ״...

שטיינ האָט עס, מינאסטאָמ, נאָכדעמ דערציילט שימקענ און זאקסנ. יודל האָט מוירע, יענע וועלנ עס אימ דערמאָנענ אפּ א פארזאמלונג. ער וואָלט דעריבער געוואָלט האָבנ אפּ זייַנ זייַט כאָטש איינ בעניג.

פונ דער אנדערער זייַט:

יודל גייט מיטנ קלאל, אז קיינער איז ניט בעסער פונ אימ, אלע זייַנען גאנאָווים. טאקע צוריקגערעדט: וואָס גייט עס דאָ זאקסנ אזוי אינ לעבנ? וואָס לייגט ער אזוי אוועק זייַנ געזונט באמ גראָבנ דעמ ברונעמ, בא דער גאנצער בויונג דאָ אינ וואלד, אומזיסט? א מאלעכ איז ער? יודל גייט מיטנ גאנג: נישטאָ קיינ מאלאָכימ!

— האָב צייַט — זאָגט ער צו בעניג, — איך וועל כאפּנ בא דער האַנט... איך האלט אָפּנ אנ אויג... וואָס־זשע — איך שלאָפּ, מיינסטו?

אזוי טאקע טוט דאָ יודל ליפשיץ — ער שלאָפט ניט דורכ די נעכט, אפ אנ עמעס. ווענ ארומ אימ דעקנ זיכ דאָס אלע איינ אונ ווערנ פרי אנשלאָפּנ, דרייט ער זיכ מיט וואכע גע־דאנקענ פונ זייט אפ זייט. זיינע אויגנ פארשמאָלנ זיכ, ווי שווארצ־בלינדע שפּאלטנ, אונ זעענ פאר זיכ פינצטערניש, פינצ־טערניש אָנ א ברעג. אזוי ליגט ער אָפּ קימאט א גאנצע נאכט — אינווייניק קאלט, ווי א מעס, אונ פונ דרויסנ, ווי מיט געבונ־דענע הענט אונ פיס; אומרויק־שטיל ביז צו דערעסנ זיכ אלײנ דרייענ זיכ די געדאנקענ בא אימ אינ קאָפּ:

— יוישער... פיינע מידעס — דאָס איז געווענ אמאָל, ווענ מע האָט געהאט געלט... אז ניט קיינ געלט, איז צוליב וואָס זיינ א פיינער מענטש? — פונ אויפּעמהאבע ווענג...

זיינ באציִונג צו אלע, וואָס שלאָפנ דאָ ארומ אימ:

— ס'איז „סקאָט".

— וואָס האָבנ זיי דענ אמאָל געהאט?

— וואָס האָבנ זיי אָנגעוואָרנ?

— עכ־עכ־עכ...

ער דערשרעקט זיכ פאר זיינ ארויסגעלאָזט זיפצעלע, ווי ער וואָלט מיט דעמ אויסגעגעבנ אלע זיינע געדאנקענ, אונ בלייבט ווידער ליגנ, ווי מיט געבונדענע הענט אונ פיס. אינ קאָפּ דרייענ זיכ בא אימ דערווייל גאנצע שטיקער פונ די בריוו, וואָס ער קאָנ דאָ ניט שרייבנ קיינ אמעריקע:

— „בא אייכ מיינט מענ אוואדע: „בירעביִדזשאנ — גאָל־דענע בערג", איז וואָלטנ מיר זיכ מיט אייכ געביטנ".

— „זייט ווייסנ, מע האָט אונדז געצוווּנגענ אהער פאָרנ, אונ מע ארבעט דאָ מיט אונדז אווידעס פּערעכ, ווי אינ מיצראִימ".

— „אלע ווילנ זיכ פונדאנענ צעלויפנ, נאָר מע לאָזט ניט ארויס, ווי פונ א טורמע. אונ פונ אלצדינג, וואָס מע הייבט

דאָ אָן צו טאָן, לאָזט זיך אויס א בוידעם, ווי פון אלע אונ־דערע כאלוימעס, וואָס מע דרוקט בא אונדז אין די בלעטער, ווי פון אלע טורקסיבן און דניעפּראָסטרויען. ווי איר האָט זיי געזען, אזוי האָב איך זיי געזען. קיינער וואָלט דאָ גאָרנישט ניט געטאָן, ווען מע צווינגט אים ניט, ווי מע צווינגט אן ארעסטאנט. ט'וועל איך אייַך באשרייַבן דעם גאנצן אומגליק דאָ אין וואלד, אָן א ברונעם, וויַאזוי מע גראָבט דאָ שוין א לאנגע צייַט און צו וואסער וועט מען זיך טאקע קיינמאָל ניט דערגראָבן, ווייַל דער אגראָנאָם אלייַן האָט געזאָגט: ס'איז גאָר דאָ אמאָל געווען א יאם און קיין וואסער אין דער ערד איז דאָ ניטאָ!..״

הייַנט איז אויך אזא נאכט. ליפשיץ שלאָפט ניט. אין פינצ־טערן באראקל, חערט ער, האָט זיך עמעצער אופגעכאפּט און זיך אופגעזעצט — זיך אופגעזעצט שטיל, אָן א מינדסטן זיפצ צי א קרעכצ, ווי אפ צו פארטראכטן זיך, זיך געגומען אָנטאָן, שלעפן אפ זיך די שטיוול, אופגעריבן א שוועבעלע — עס איז זאקס. דאָס צינדט ער אָן דעם לאמטערן. ער וועקט אופ שימקען. טשיקאווע! — וואָס וועלן זיי טאָן? בא יורל ליפשיץ קלאפּט אזש אין הארצ: צי האָבן זאקס און שימקע זיך ניט ארומגע־קוקט אפ דער „כאסענע״, וואָס זיי האָבן מיטן „געפונענעם פלאצ״ דאָ אין וואלד אָנגעארבעט? צי האָבן זיי זיך שוין ניט דערטראכט, אז אָן א ברונעם וועט מען דאָ אומקומען און אז זיי — די אויסגעפינער פונעם פלאצ — וועט מען דאָ סאָפקאָלסאָפ צערייַסן אפ שטיקער...

יודלען טוט דערפון אזש א טיאַך אין הארצן: דאָס האָבן זיי באשלאָסן איצט, אינמיטן דער נאכט, מאכן פונדאנען די פליטע! אָט גייען זיי ביידע ארויס מיטן לאמטערן... ס'איז אן אָפּגערעדטע זאך. מע זעט ניט? זיי מאכן איצט דעם „וואַיִוּר־ראכ״... ליפשיץ שלעפט אפ זיך אין אייַלעניש די שטיוול, דאָס אלטע קורצע טולופל. בא אים ציטערן הענט און פיס — ער וועט זיי כאפּן, די גאנאָווים, מיט דער גנייווע אין די הענט...

אים, ליפשיצן, פירט מען ניט בײַ דער נאָז. איז שוין קלאָר וועגן וואָס זיי האָבן נעכטן זיך געשושקעט מיטן אגראָנאָם — דאָס, אפֿאָנעם, האָט זיי יענער געגעבן די אײַצע, זיי זאָלן באַנאַכט אַנטלויפֿן פֿונדאַנען. אויב אַזוי, איז האַלט זיך אַ קאָפּעלע אײַן...

ליפשיץ האָט מוירע, אַז ער פֿאַרשפּעטיקט — איידער ער וועט זיך רירן, וועלן יענע שוין זײַן פֿאַרשוווּנדן. נאָר נײַן... וואָס זאָל דאָס הייסן.

ווען ער יאָגט אַרויס אין פֿינצטערן דרויסן, דערזעט ער, אַז יענע מיטן לאַמטערן זײַנען נאָך גאָרניט ווײַט אַוועק. זיי פֿאָרען זיך מיט עפּעס דאָ ניט ווײַט צווישן די ביימער, זיי ריידן צווישן זיך פֿאַרשלאָפֿענערהייט מיט שטילע געצײַלטע ווערטער, ווי מענטשן, וואָס האָבן איינער פֿאַרן אַנדערן נאָך אַלץ גרויס אָפּשײַ, ניט ווי גאַנאָווים — שוין געזען, פֿאָשעטע גאַנאָווים! זאָלן „אירצן” איינער דעם אַנדערן? זאַקס ענטפֿערט שימקען:

— ...נאָקע דאָס האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט... איך כאַפּ זיך אויף און דערמאָן זיך: וואָס איז עס פֿאַר אַ מײַסע? — נעכטן פֿאַרנאַכט, איידער איך בין אַרויס פֿון ברונעם־גרוב, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אין איין ווינקל איז דאָרט די ערד פֿײַכטלעך... דער קאָפּ איז געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז כ'האָב אפֿילו רעכט קיין קוק ניט געטאָן. ערשט דאָ אינמיטן דער נאַכט, עפּעס ווי נאָך אין שלאָף, איך טו זיך אַ דרעכע — און מיר קומט אַרויף דער געדאַנק: מע דאַרף אַ קוק טאָן.

זיי נעמען דעם לאַנגן לייטער, לאָזן אים אַרײַן אין ברונעם־גרוב. זאַקס מיטן לאַמטערן אין האַנט לאָזט זיך אַהין אַראָפּ. דערנאָך שלעפּט שימקע פֿון דאָרט אַרויס דעם לייטער, לאָזט אַהין אַראָפּ די ליידיקע באַדיא און שטעלט זיך אַוועק באַם זעקסקאַנטיקן רעדל, גרייט איינער אַליין די באַדיא מיט ערד אַרויסצושלעפּן. באַנאַכטיק־ניכטער סקריפּעט ביז דאָס רעדל בײַ יעדן דריי. אין דער שטילקייט הערט זיך, ווי טיף אין

ברונעם־גרוב האקט זאקס מיט דער קירקע, גראָבט און גראָבט און טוט דאָרט אין דער מיט פּלוצלינג אַן אומקלאָרן ברום:

— נא!.. ס־ס־ס־ער!..

פון אויבן כאוערט איבער דעם געשריי שימקע:

— נאס?..

— וואסער?!

ווי אַן אָקס דרייט ער איינער אליין מיט אלע קויכעס דאָס רעדל, שפּארט זיך צו דעם אָרט מיט דער ברוסט, מיט איין זייַט, מיט דער צווייטער זייַט, מיט די אקסלען, לייגט זיך אָן אף דעם, נעמט צו הילף די האלדז־מוסקולן און שטופּט דאָס רעדל מיטן קאָפּ, ווי א ווילדער באָק. עס הערט זיך זייַן שווערער כאָרכלענדיקער אָטעם. ער בלייַבט שטיין, שפּארט זיך, ווי אין כאלאָשעס, מיטן רוקן צום רעדל, אָטעמט אָפּ און שלעפּט ווידער. אָט־אָט איז די באדיא שוין פון אויבן. אין איר כליופּעט זיך עפּעס לעבעדיקס. דאָס רעדל קרעכצט, שימקע סאָפּעט, שנאָרכעט, כאָרכלט.

ער וועט ניט באוויַזן אופצוהאלטן דאָס רעדל, ווי אונטערצוכאפּן די ארויסגעשלעפּטע באדיא. אויב די באדיא וועט זיך ארויסגליטשן פון זייַנע הענט, וועט זי מיטאמאָל אראָפּפאלן צוריק אין ברונעם־גרוב און וועט דאָרט דערהארגענען זאקסן. שימקע שפּארט זיך ווידער מיטן רוקן צום רעדל, האמעוועט און שרייַט נאָך הילף:

— ראטעוועט!

— אהער!

— בעני!..

מיט טויזנטער ווידערקוילעס צעלויפן זיך זייַנע געשרייען איבערן ארומיקן וואלד. די טייַגע איז צו זיי קאלט און טויט, ווי א יאם צו אַן אונטערגייענדיקער שיף. צום באראק איז ווייַטלעך... ניט אזוי גיך וועט מען דאָרט די געשרייען דערהערן. יורל ליפשיץ איז דערשראָקן.

— מע האָט דערגרונטעוועט וואסער!..

ער קוקט פון דער זײַט א פארגליווערטער. אים קומט אפילע ניט ארופ דער געדאנק, אז ס'איז מעגלעך, ער זאָל צו־גיינ העלפנ. אים גייט ניט אָנ, וואָס די באדיא וועט זיך אָפּ־אָט ארויסרײַסנ פונ שימקעס הענט און וועט טיפ אינ ברונעם דערהארגענענ זאקסנ, כאָטש אויך וועגנ דעם טראכט ער ניט — ער איז פארגליווערט. אינ באראקל האָט מענ שוינ דערהערט שימקעס גוואלדנ און מע לאָזט זיך אהער. מע וועט זיך דער־וויסנ, אז ליפשיצ איז דאָ די גאנצע צײַט געשטאנענ און צו־געקוקט. ליפשיצ טאָר דאָ מער ניט בלײַבנ — דאָס פילט ער פארגליווערטערהייט. ער לאָזט זיך לויפנ אינ דער אנדערער זײַט, צו דער טײַגע צו, פארטשעפּעט זיך אָנ א וואָרצל, אָנ אָנגע־וואלגערטע צווײַגנ און לויפט ווײַטער. פונ אונטנ הערט ער פריילעכע קוילעס — טאקע פונ זיי וויל ער אנטלויפנ וואָס ווײַ־טער — אפ שטענדיק, זיך מער קיינמאָל ניט אומקערנ צוריק. די לופט אינ וואלד ווערט פונ מאָל צו מאָל מער גרוי. עס הייבט אָנ טאָגנ. ליפשיצ בלײַבט שטיינ:

— ווּהינ לויפנ?..

אינ דורכגעהאקטנ וואלד, דאָרט, ווּ מע בויט די דרײַ הײַזער, ווערנ די קוילעס אלצ געדיכטער און פריילעכער. מיט זיי זײַנענ פול אלע ווינקעלעך פונ דער טײַגע, ווי מיט אָנ א שיר געקייפלטע פסורעס:

— זיך דערגראָבנ!

— געפונענ!

— וואסער!

קאפּיטל עלף

1

שטיל, ווי פאַרפֿלייצנדיקע וואַסערן, איז פון צאָפֿן געקראָכן דער ווינטער, שטעקן געבליבן ערגעץ אונטער דער סאַמע טײַגע, זיך פאַרטײַעט.

נעכט, אָנגעפּילט מיט אָטעם פון זײַנע געפרוירענע נאָז־לעכער, האָבן געגעבן צו פילן זײַן קויעך, געלאָזט וויסן:

— ראַטעווועט זיך!

אין געפלאָנטערטן געמיש האָט מען אין וואַלד באַנײַס זיך א קריג געגעבן אַרום די ניט פאַרענדיקטע דרײַ הײַזער, גע־האַט טײַנעס צו דער טיכאָנקער קאָנטאָר, געוואָרפן די שולד איינער אויף אַנדערן:

— מע האָט ניט געוווּסט פריער?

— מע האָט שפּעט אָנגעהויבן.

דעריקער שולד וואַרפט מען אויף זאַקסן:

— אויף קאַפּאָרעס זײַן ברונעם.

— מע האָט דערווײַל זיך געקאָנט באַגיין אָן אים.

— אָפּגעגעבן אַזויפיל צײַט.

— נו, שפּײַט מען מיט בלוט...

— מע וועט דאָ אומקומען.

זאַקס הערט אַלצדינג אויס און שווײַגט, ווי א ביטערער אַקשן — אָט לויפט ער מוידע זײַן, אַז ער האָט אָנגעמאַכט אַן

אומגליק; מע וועט פריִער ארום אים אויסגיין. אפּ אלע טײַנעס האָט ער איין טערעצ:

— נישקאָשע, מע וועט ניט אומקומען.

זײַן מויל טוט קוים-קוים א קײַ:

— סאכאקל צוועלף מענטשן, אונ א נאסטאָיאשטשע יאריד.

ער שפּײַט אויס ניט געכאפּט אונ גיט צו:

— אונ אויב מע וועט אומקומען, וועט מען עס דאָ קאָשער פּארדינען.

אינמיטן דער ארבעט רוימט ער איין שימקען:

— כ׳ווייס דען ניט, וואָס דאָ טוט זיך? אין יעדן טשאַדעט דאָ אן אלטע האָלאָוועשקע. יעדערער וועט דיר אויסזאָגן, וואָס ער מיינט?..

ביידע פארשטייען זיך אפן וווּנק. ביידע פילן: צוזויפגענומענע האָבן זיך דאָ אינמיטן טײַגע-וואלד ניט קיין מענטשן, נאָר צוועלף געוועזענע פּארנאָסעס אונ נאָך פּארשיידענע דערצו — ניט אזוי גרינג וועלן דיר צוועלף געוועזענע פּארנאָסעס אויסקומען צווישן זיך...

זיי ביידע זײַנען זיך מעיאשעוו — שימקע אונ זאקס — אונ שיקן אָפּ בעסאָד א בריוועלע אין דער טיכאָנקער קאָנטאָר, גלײַך צום אינזשעניער טאָדין:

„גיט אונדז אהער כאָטש איין פארטיינעם מענטשן, וואָרעם פאר א פּארטיינעם וועט דאָ האָבן אוּוואזשעניע, ווער עס דארף, אונ מוירע, ווער עס דארף".

ביידע זײַנען זיכער, אז דער מיין איז דאָ ביז גאָר טיף — אזוי טיף, אז דאָס בריוועלע וואָלט געמעגט אָפּגעשיקט ווערן גלײַך אין קרעמל. ביידע האָבן דאָ קוים צײַט אָפּצוּעטעמען — זיי וועלן אפּ לאנג געדענקען:

צו ווינטער-צו בלאָזן ווינטן אין דער טײַגע — זעלטענע, נאָר שטארקע, פּארצײַטיקע, אוראלטע ווינטן אפּ אויסצורײַסן בערג, אפּ אויסצוגלײַכן טאָלן.

אינמיטנ צעוויגטנ וואלד, פארפּאטשט פונ ווינט, שטייענ נאָכ אלצ ניט פארענדיקט די דרײַ ערשטע הײַזער — „ברע־ווענטשאטע", מיטל־הויכע מיט היפּשע לעכער פאר טיר אונ פענצטער.

אזא געפיל איז דאָ צו די הײַזער אי בא שימקענ אי בא זאקסנ — ווי צו פאראנקערטע דרײַ שיפלעכ אינמיטנ זודיק־צע־ווילדעוועטנ יאמ. זיי שלעפנ א קראָקווע אפ א דאכ. דער ווינט שמײַסט מיט קראפט אפ אראָפּצושמײַסנ פונעמ דאכ אי זיי אי די קראָקווע. זיי קוקנ זיכ ארומ — ווי פונ שווערער יאמ־קרענק קרעכצט אינ מלויעניש די טײַגע, וויגט זיכ, בייגט זיכ; אָט־אָט פאלט זי אומ.

2

פונ טינאָנקער קאָנטאָר האָט מענ אהער כאָפּקאָלסאָפ צו־געשיקט דעמ יונגנ אָדעסער בוי־ארבעטער פּריכקערנ — אימ אומיסטנ צוליב דעמ ארויסגערופנ פונ דער קאָמונע, וואָס בויט זיכ לעבנ בירעפעלד. דער הויפּט־אינזשעניער טאָדי, איידער ער האָט פּריסקערנ אהער אָפּגעלאָזט, האָט ער זייער טיפ געשנופּט די האנט אינ רעכטנ הויזנ־טאש, ווי ארויסגעקראצט פונ דאָרט די געציילטע ווערטער וועגנ די עטלעכע בעסטע איבערוואנ־דערער, וואָס געפינענ זיכ אינ וואלד:

— פעסטע, ניט קיינ פוילע...

צוגעשטעלט דעמ קאָפ צומ לינקנ אקסל אונ פונ דער זײַט א קוק געטאָנ אפ פּריסקערנ:

— זיי פאנאנדערגעטרײַבנ זײַנענ מיר, כאָטש זיכ, קיינ האָר ניט פארינטערעסירט...

געהייסנ האָט עס: „טראסקע דאָרט ניט, קריכ ניט ארײַנ מיט דײַנע מעשוגאסנ וועגנ „פארגעזעלשאפטלעכער בויונג" אונ דאָסגלײַכנ.

ווי־ניט־ווי אהער אינ וואלד איז פּריסקער אראָפּגעקומענ

ווי א בעפֿײַרעשער ענטפֿער אַפֿ שימקעס און זאַקס בריוועלע, אזוי האָבן עס זאַקס און שימקע געטײַטשט:

— נאַט אײַך א פאַרטייער!

טאַקע זאַקס האָט דאָ דער ערשטער געוויזן פריסקערן אַלץ, וואָס מע האָט מיט אייגענע קויכעס אָפּגעטאָן, אים נאָכדעם שטיל אָוועקגעפירט צו א ווײַטלעכער פֿײַכטער לאָנקע, אים אויסגעזאָגט דעם סאָד וועגן די דרײַ היפּשע סקירדעס היי, וואָס שטייען דאָרט, ווי אין אויסבאַהאַלטענער ווארטעניש:

— דאָס האָבן מיר, איך און שימקע, אָנגעקאָסעט נאָך פריִער.

פריסקער:

— פריִער?

זאַקס:

— נאָך פאַר דער „זאַווערוכע", נאָך איידער מע האָט גע־געבן די קרעדיטן. סע וועט קלעקן, קלער איך, דעם גאַנצן ווינטער אַפּ א פערד און אַפּ א דרײַ שטיקלעך בעהיימעס.

פריסקער וויל אַלצדינג וויסן זייער גיך, אַפּ איין פוס:

— און ווו איז א שטאַל?

זאַקס האָט אָפּגעזיפצט:

— דאָס איז דאָך די מײַסע...

פאַרטראַכט, ווי אַפּ ענטפערן זיך אַליין, ציילט ער וויפל ער האָט פינגער:

— האַקן וואַלד, אָנקאָסען היי, א באַראַקל, קאָרטשעווען דעם פּלאַץ פאַר די הײַזער, גראָבן א ברונעם, צוגרייטן מאַטע־ריאַל, אָוועקשטעלן די הײַזער, כאָטש אָנהייבן קאָרטשעווען אַפּ גערטנער—ווען האָט מען געהאַט צײַט צו טראַכטן וועגן א שטאַל?

ווי א פאַרטייער האָט פריסקער גיך געהערט, גיך באַשלאָסן:

— איינס פון די דרײַ הײַזער וועט דערווײַל זײַן א שטאַל, צוועלף מענטשן וועלן זיך מוטשען אין צוויי.

ווי א פאַרטייער האָט ער דאָ אָנגעהויבן זײַן אַרבעט מיט א קורצער פאַרזאַמלונג, באַגריסט דעם קאָלעקטיוו דאָ אין וואַלד

אינ נאָמענ פונ דער יוגנט-קאָמונע, וואָס בויט זיכ אונטער בי־רעפעלד, אָפּגעגעבנ א ראפּאָרט:

— מיר וווינענ שוינ דאָרט אינ הויז, מיר האָבנ שוינ א שטאַל, בעהיימעס אונ קאָרמ אויכ, מיר קאָרטשעווענ, מיר פארגרייטנ הייצונג.

צווישנ אלע, וואָס זײַנענ ארומ פּריסקערנ געשטאנענ, האָט יודל ליפשיצ שווײַגנדיק פארביסנ א וואָנצ, בלויז מיט די אויגנ א זוכ געגעבנ ארומ זיכ עמעצנ, וועמענ ער וואָלט געקאָנט זאָגנ:

— א דאנק פאר דער פּסורע... א געדולע אפ מײַנ באָבעס באָבענ.

ער טוט אזש א שטילנ קרעכצ, בײס ער דערהערט פונ פּריסקערנ די ווערטער:

— מיר אינ דער „יוגנט-קאָמונע” שאצנ די גרויסע ווערט, וואָס אײַער ארבעט דאָ קאָנ האָבנ פאר דער בויונג אינ בירע־בידזשאנ אונ דאָס הייסט פאר אונדזער גאנצער סאָצבויונג”.

אינ געדאנק קומט דערפונ ליפשיצנ צו א פּאָר שורעס, וואָס ער וואָלט געקאָנט ארײַנשרײַבנ אינ זײַנעמ א בריוו קיינ אמע־ריקע — אָ: — „אונ קיינ מינדסטע קלייניקײַט הייבט זיכ בא „זיי” ניט אָנ אָנ דער-אָ „בראָכע” וועגנ סאָציאַליזמ, אונ וואָס איז אזוינס זייער „קובאס”? מיסטאממע אויכ א קרענעצקעלע מיט א פּאָר ניט־דערבויטע שטיבלעכ, ווי דאָ אינמיטנ וואלד”.

ליפשיצעס אויגנ — ביידע ווי נאָכ א נאכט מיט א שלעכטנ כאָלעמ — באטראכטנ אלצ פּריסקערנ.

— ער האָט פארגעסנ — טוט ער לעבנ זיכ שטיל א טאָרקע דעמ געוועזענעמ אָרעמענ קרעמער פּייסעכאָוויטשנ.

— א? — פרעגט יענער טאמעוואטע.

— ניינ, שא — ליפשיצ הערט ניט אופ אָנצוקוקנ פּריסקערנ, — ט'הערסטו דאָכ, וואָס ער זאָגט: „פּאָרפּאָסטנ”, „א קראפּט דאָ אפ דער גרענעצ”, „אפ צופּיקעניש דעמ סוינע” — אָנגעלייגט בא מיר.

ער קוקט זיכ ארומ, צי קיינער אכוצ פּייסעכאָוויטשנ האָט

ניט געהערט, און באגעגנט זיך מיט א שטאר און בייז אויג — בעניס שטאר אויג. בעניס מויל איז דערביי מאָדנע אָפֿן, ווי באַם צעקנאקן א קערל מיט די באַקציינ. סע קומט אויס, ווי די לעצטע צייט וואָלט דאָ בעני היטן יעדע באַוועגונג, וואָס ליפשיץ מאכט און וויל מאכן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין יענעם פאַרטאָג, ווען מע האָט זיך דערגראָבן צו וואַסער אין ברונעם און ווען שימקע האָט געשריגן נאָך הילף.

בעני איז דענסטמאָל ניט אָפּ קאַטאָוועס צוגעשטאַנען צו ליפשיצן:

— זאָג, איך בעט דיך, וווהין ביסטו עס אינמיטן דער נאַכט געלאָפֿן?

ליפשיץ האָט דערויף געענטפערט:

— וואָס טשעפּעסטו זיך צו מיר? כ'האָב דערהערט מע שרייט, ס'איז געווען אינמיטן שלאָף, נו, האָב איך זיך דערשראָקן און בין מיר געלאָפֿן.

בענין האָט זיך אָלץ ניט געקאָנט פּאָטויפען אין קאָפּ:

— כ'פאַרשטיי ניט: האָסט דערהערט — מע שרייט באַם ברונעם, איז וואָס-זשע ביכטו געלאָפֿן גאָר ערגעץ אין דער אנדערער זייט אַריין?

אויך איצט, קוקנדיק מיטן שטאַרן אויג, האָט בעני אַזאַ אויסזען, ווי אָט-אָט וועט ער צו ליפשיצן זיך א נעם טאָן:

— געדענקסט יענע נאַכט? זאָג נאָר, איך בעט דיך: וווהין ביסטו עס געלאָפֿן?

בעני אָבער ווערט גלייך אַריינגעטאָן אין ביכערס — גראָד איצט האָט דער פלוידערדיקער סימכע קאָראָליוקער פאַרגעבן פריסקערן א פראַגע, וואָס גייט דאָ אָן אַלעמען:

— וואָס הערט זיך אויף אנדערע ערטער? — טאַקע דאָ, אין בירעבידזשאַן, מיין איך.

ווי זיין טעווע, באַקומט דערביי סימכע פאַרשמאַלטע דרעמל-

דיק־שיקערע אויגן און טוט א פליוכ מיט אַן א שיר רייד:

— איך פרעג עס ניט גלאט אזוי, פרעג איך עס. כ׳מיין די ארבעט, מיין איך. וואָרעם אויב נאָר מיר אליין דאָ אין וואלד, און וואָס זײַנען מיר דאָ אליין? און וואָס פאר א קיום קאָנען מיר דאָ האָבן, מיר אליין? וואָרעם אויב נאָר מיר אליין, איז עס—ווי זאָל איך אײַך אויסמאָלן?.. אויב נאָר מיר אליין, דאָ אין וואלד, איז עס, ווי הייצן אן אויוון אין דרויסן, איז עס: הייץ אים יאָ, הייץ אים ניט—דעם דרויסן וועסטו ניט אָנוואַ־רעמען, וואָרעם איך מיין, די ארבעט אָהולנע, מיין איך. ניט גלאט אזוי, וואָס הערט זיך נײַס, מיין איך, ניט דאָס, צי עמע־צער האָט יאָ כאסענע געהאט, צי עמעצער האָט ניט כאסענע געהאט, מיין איך...

סימכע שלאָגט מען איבער פון עטלעכע זײַטן מיטאמאָל:

— נו גוט.

— אן עק?

— מע ווייסט שוין.

פריסקער אליין איז דאפקע פון יענע, וואָס האָבן ניט לאנג דאָ אין בירעבידזשאן כאסענע געהאט. זײַן יונג ווײַבל איז אין בירעפעלד אף די טראקטער־קורסן. זײַן שווער—איינער פון די ברידער פעקער—מויערט דאָ די אויוונס אין די הײַזער. איניי־נעם מיט אנדערע שטייט ער דאָ ארום פריסקערן, און עס זעט זיך ניט, אז פריסקער זאָל זיך מיט אים באזונדער ליובען אָדער פרייען. עס קומט אויס: פעקער האָט געכאפט אן איידעם, וואָס כאסענע האָבן איז בא אים געווען א בײַזאכ, ווײַל אליין האָט ער גאָר איינגאנצן אן אנדער באשעפטיקונג. פריסקער דערציילט, ווי עס צעוויקלען זיך די ארבעטן אין טיכאָנקע און ארום בירעפעלד. אלע זײַנען שטארק פארטאָן אינעם איינהערן זיך. גאָר איינגאנצן, ווײַזט זיך ארויס, שלאָפט מען ניט אויך אין אנדערע ערטער:

— עפּעס, פונדעסטוועגן, טוט זיך.

אין טיכאָנקע:

פרעסטלעך קריכן אהין פון די ווײַטע בערג. באנאכט כאפּט מען א ציטער, באטאָג אין דער ארבעט צעווארעמט מען זיך אף דער זון ביז שוויצן. שניי שיט דערוויַיל בלויז אף יענער זײַט בירע, אף די בערג — אזוי זיך נאָר אף א פּראָבע — די זון גייט אוף, דער שניי צעגייט. און אין דער בירע ווערן די פּליסנדיקע וואסערן שווער ווי בלײַ, פארפינצטערן זיך, שטארקן זיך, פילן אָן די ברעגעס.

אין טיכאָנקער קאָנטאָר האָט מען מוירע פאר א שפּאָגל־נײַער פארפּלייצונג.

אין טיכאָנקער קאָנטאָר אף א זיצונג האָט דער אראָפּגעקומענער אגראָנאָם שטיין געשטעלט פראגן וועגן יישעוו אין וואלד:

— נאָך אין ערשטן פּלאַן האָב איך אָנגעמערקט קליינע שטאָכים צו זעקס און אכט העקטאר — אָנגעמערקט, צי ניין?

— די שטעכן זײַנען דאָרט נאָענט?

— קיין אויסוואָרצלונג און קיין מעליִאָראציע דארפן זיי ניט?

— כ'האָב פון בירעפעלד עטלעכע מאָל געשריבן אהער, מע זאָל שיקן א טראקטער, די שטעכן אופהייבן?

— פארוואָס האָט מען עס ניט געטאָן?

דעם הויפּט-אינזשעניער טאָדי — אזוי האָט זיך געדאכט — האָבן אלע די-אָ פראגן דערעסן נאָך איידער ער האָט די ארבעט אין בירעבידזשאנ אף זיך גענומען, ווײַל זיי זײַנען קליינע פראגן. ער האָט געענטפערט אומצופרידן, אָפּגעריסן-קורץ:

— קליינע צעוואָרפענע שטעכן טויגן ניט.

— כ'האָב עס געזאָגט און וועל עס זאָגן.

— כ'וועל פארטיידיקן מײַן שטאנדפונקט אין קאָמערד.

מיט דעם האָט ער געלאָזט וויסן: די גאנצע ארבעט פון דער קליינער גרופּע אין וואלד האָט דאָ א ווערט נאָר „אף אזויפיל, אף וויפל" — און שוין. א מענטש פון גרויסע מאס־שטאבן אין זיין ארבעט — אזא איז ער געווען איידער מע האָט אים פאר טראָצקיזם אויסגעשלאָסן פון דער פּארטיי, אזא וועט ער בלייבן אויך דאָ.

סאָפּקאָלסאָפּ האָט ער אין בירעבידזשאן ניט אופגעהערט זיך צו פילן ווי א קליין נאפּאָלעאָנדל אף יעלענע־אינדזל — אָנשטאָט צו מארשירן מיט גאנצע ארמייען, שפּילט ער זיך דאָ אין קאָמאנדעווען מיט פענדלעך אפן שאך־ברעטל, וואָס הייסט „טייגע".

אים איז געווען ביטערלעך.

אין בירעפעלד:

די יאטן אף די טראקטער־קורסן איינינעם מיט די טראק־טעריסטן האָבן אופגעדעקט, אז זייער הויפּט־מעכאניקער ליבל, איידער ער איז קיין בירעבידזשאן געקומען, איז קיינמאָל אף זיין לעבן קיין מעכאניקער ניט געווען. וואָס איז ער געווען פריער, איז מען דערוויל נאָך ניט דערגאנגען. פאראן קלאנגען: ערגעץ־ווו בא אים אין דער היים האָט זיין ווייב זיך דער־ווּסט, אז ער לעבט מיט איר שוועסטער, דענסטמאָל איז ער אהער אנטלאָפן פון ביידע — אי פון זיין ווייב אי פון איר שוועסטער. וואָס פאר א טאכלעס ער האָט דאָ געמאכט פונעם טראקטער־פּארק, קאָן מען זיך פאָרשטעלן. היינט גיי האָב טיי־נעס צום הויפּט־אינזשעניער טאָדין, פארוואָס האָט ער דאָ אוועק־געשטעלט אָ־דעם ליבלען אף דער ארבעט, ניט האָבנדיק געזען יענעמס פּאס־דאָקומענטן. דער אינזשעניער וועט געוויס דערוף ענטפערן:

— איך בין ניט קיין מיליציאָנער און בין ניט געקומען אהער קאָנטראָלירן דאָקומענטן — דערוף איז דאָ פאראן א רע־גיסטראטער.

אין דער יוגנט-קאָמונע לעבן בירעפעלד:

כעוורע האָט זיך באַזעצט אין גרויסן נײַעם הויז — צו צוויי־דרײַ אין א צימער. זיי האָבן א שטאַל מיט בעהיימעס, כאַזירים, עטלעכע פערד, זיי האָבן אופגעהויבן פריר-ערד, זיי פארגרייטן זיך אפ ווינטער מיט פיש. זיי ווען ווינטער האָבן א בריגאדע, וואָס וועט ארבעטן בא האָלצ-פארגרייטונג. זיי קלאָגן זיך, אז סע פעלט זיי א באָד, א מעדפונקט און אנדערע קולט־שטייגערישע באדערפענישן — און דאָס איז טאַקע דער איקער, וואָס זיי פעלט און פעלט — זיי האָבן קיין אײַנאָרע אלע נייטיקע אפעטיטן און פון זיי וועלן שפעטער ארויס אָנפירערישע קאדרען פאר בירעבידזשאַן. דערווײַל האָבן דאָרט א פאָר קאָמונארן כאסענע געהאַט מיט א פאָר קאָמונארקעס — דאָס איז אזוי זיך, אפ יעדנפאַלס.

אין אלעקסאנדראָווקע:

אייניקע ברענגען אראָפ צו ווינטער־צו זייערע פאמיליעס, אנדערע פאָרן אוועק. פאראן אזוינע, וואָס באַם אוועקפאָרן לאָזן זיי זיך די מעגלעכקײַט צו קומען צוריק — זיי האָבן שוין פאָשעט פארגעסן, ווי איז אין דער היים, עפשער איז דאָרט געוואָרן בעסער. די געבליבענע האָבן פערד, זיי פארדינען פון „איזוואָז“.

אין וואלד:

מיט פריסקערס קומען האָט מען באנײַס א האווע געטאָן ארום די ניט־פארענדיקטע הײַזער, געקאָרטשעוועט אונטער די הײַזער אפ גערטנער. מ׳האָט א כעזשבן געגעבן, וויפל טעג זײַנען נאָך געבליבן צו די גרויסע פרעסט. פריסקער האָט געצייצעט:

— רעדט קלאָר: ביז צום אָקטיאבער-יאָנטעוו ווילט איר פארטיק ווערן כאָטש מיט איין הויז?

ער צעטיילט די מענטשן אפ גרופעס, אליין זיך גענומען אויספארטיקן טיר און פענצטער. מע האָט אָנגעהויבן אונטער־צוארבעטן ביז שפעט אינאָוונט בא צעפּייגטע פײַערן.

פֿון קאַנטקאָם איז אַ קאָמיסיע אַרומגעפֿאָרן איבערן ראַיאָן אײנײנעם מיטן אינזשעניער טאָדינ און מיטן רעגיסטראַטער פּעסטמאַנען, געווען אָפּ אַלע ערטער, וווּ די בויונג האָט זיך אָנגעהויבן, געווען אויך דאָ אין וואַלד, אַרײַנגעקוקט דאָ אין אַלע ווינקעלעך, באַגיטיקט, צוגעזאָגט גרויסע קרעדיטן אָפּ סטאַ־דעס בעהיימעס און סטאַדעס כאַזײרים, העלפֿן אויסבויען דאָ אַ געזונטן קאָלווירט — אַ מוסטער פֿאַר דער גאַנצער געגנט. בעני פּרינץ האָט געפֿרעגט בא יודל ליפשיץ:

— נו?... ווער באַרעט?

אָנגעקוקט אַ ווײַלע יודלען מיט אַ שטאַר אויג און צו־געגעבן מיט אַ טיפֿן מיין:

— און אויב מע באַרעט ניט, איז וואָס וועכטו דאָ טאָן?.. דו לעבסט נאָר דערפֿון, וואָס דו לאָזט ניט, מע זאָל אָפּנאַרן מענטשן...

יודל ליפשיץ האָט געכמאָקעט אַ וואָנץ, געענטפֿערט ניט מער, ווי מיט אַ צוזאַמענגעצויגענעם דרימלענדיקן בליק. די קאָמיסיע איז אַוועקגעפֿאָרן. אין וואַלד האָט מיט נײַעם אימפּעט אַ הילכ געטאָן די אַרבעט.

איצט האָבן שוין אַלע דרײַ הײַזער אויפֿגעשטעלטע קראָקוועס. אין צווײ פֿון זיי איז דער ערדענער באָדן נאָך אַלץ גריבל־דיק און בערגיק. אין דריטן לייגט פּרויקע די פּאָדלאָגע פֿון ברעטער. די ברעטער זעגן אין דרויסן אָפּ „קאָזלעס“ צווײ פּאָרלעך: בעני פּרינץ מיט מייער רימערן, און פּרויעם טשער־נאָבילער מיט מאָרדכע פּייסעכאָוויטשן. די ברידער פּעקער שטעלן די אויוונס, זייערע ווײַבער העלפֿן זיי, פּאַרמישן ליים, טראָגן שטיינער. אונטער די הײַזער קאָרטשעווען אָפּ גערטנער זאַקס, שימקע, קאָפּל גרײַעווער, סימכע קאָראָליוקער. בלויז איין יודל ליפשיץ בלאָנקעט דאָ נאָך אַלץ אַרום פֿון איין אַרבעט צו דער צווייטער. מע קאָן ניט זאָגן, אַז ער טוט דאָ גאָרניט — ער טוט, נאָר זייער פּאַמעלעך, שווײַגנדיק. ניט ער רעדט דאָ צו

עמעצן, ניט עמעצער רעדט דאָ צו אים. אויב אַפֿ דער וועלט איז נאָך פֿאַראַן אַ מענטש, וועמען ליפשיץ וואָלט דאָ וועלן לעבן זיך זען, איז דאָס סײַדן דער אַוועקגעפֿאָרענער זײַוול בראָדסקי. כאָטש זײַוול האָט געטאָן, ווי אַ כאַזער, ניט אויסגעזאָגט זײַנע „קאָמבינאַציעס”, וויאַזוי און וווּהין. מע פֿאָרט פֿונדאַנען אַוועק, וואָלט איצט ליפשיץ צו אים דאָך מיט פֿאַרגעניגן אַ זאָג געגעבן:

— נו, זײַוול... איז דיר שוין קלאָר, וויאַזוי מע האָט אַרײַנגעשפּיגן אין דער קאַשע?

און מיטן זעלבן פֿאַרגעניגן וואָלט ער אויסגעהערט ווי זײַוול ענטפֿערט:

— שוין קלאָר, יודל, קלאָר ווי דער טאָג...

גראָד דאַן האָבן אַרום און אין דער גאָרער טײַגע געבלאָזן שטאַרקע ווינטן — פֿאַרצײַטיקע, אוראַלטע ווינטן אַפֿ אויסצורײַסן בערג, אַפֿ אויסצוגלײַכן טאָלן.

קאפיטל צוועלף

1

ס׳איז פארנאכט.

צום אָרט, ווו מע קאָרטשעוועט אפ גערטנער, פאריאָגט דער ווינט א געשריי:

— שימקע!

— גיי שוין, נו!

— האָסט א גאסט!

שימקע ווארפט אוועק די קירקע, קוקט זיך אום צום רויך, וואָס דאָס מיטלסטע מער־פארענדיקטע הויז לאָזט ארויס דורכן נייעם קוימען. אין ניי־אָנגעגלעזטע פענצטער לייכט דאָרט א פריי־אָנגעצונדן לעמפל. שימקע טוט א טראכט, א רייַב די הענט אָן די הויזן און לאָזט זיך אהין שפאנען זייער פאמעלעך מיט לייַכטע טריט, מיט געבויגענע קני — אזוי שפאנט א יעגער א מינוט פריִער איידער ער שיסט אויס. נו יאָ, ווי דאָס הארץ האָט אים געזאָגט... אין הויז טרעפט ער זיין ווייַבל — א וווּקסיקע, א מוסקולדיק-שטייפע. ער בלייַבט שטיין אנטקעגן איר אָן לאָשן, פול מיט בעקאָוועדיקן טשאד סיי צום רויטלעכן אָפּשיין פון אירע בלאָנדע, גלאַט-צוגעקעמטע האָר סיי צו איר טעווע — צוזויפצוציִען די אויגן, בייס זי דערזעט א נייעם מענטשן. איר ברייטלעך־קורצע נאָז איז צופיל אָפגערוקט פון איר מויל; אין די פלייצעס איז זי א ביסל קייַלעכיק. נאָר דאפקע אָ-די צוויי באזונדערע סימאָנים זיינען שימקען פון טאָמעד אָן גוירעמ

אָן א שיר מאנצבלשע גלוסטעניִשן. טאקע דעריבער דערלאנגט ער שוין איצט דעם ווײַבל אפילע זײַן האנט ניט — ס'איז פײַער, און מיט פײַער שפּילט מען זיך ניט. א ווײַלע איז שטיל. ארום און ארום שטייען זײַטיקע מענטשן, און מאן און ווײַב קוקן זיך בלויז אָן. בא ביידע הייבן זיך די ברוסט־טאָוולען. ווען וואָס איז דאָ שײַעך צו ריידן? — ביידע זײַנען ביז גאָר אָנ־ציקט איינער פונעם אנדערן. אָנשטאָט אויסצורײדן א וואָרט, דריקט שימקע צו ביידע דלאָניעס צום בויך און טוט מיט זיי א הארטן שאר הין און צוריק אזוי, אז דער בויך זאָל דער־פילן — ער האָט א באלעבאָס אף זיך. דאָס איז אלץ.

דערנאָך זיצט דאָס ווײַבל צוריק אף איר פריִערדיקן פּלאץ, ווי זי וואָלט נאָך אלץ זיצן אין טרייסלדיקן וואגאָן. זי איז א סאך וווּקסיקער פון שימקען — דאָס פילט זיך אפילע, ווען זי זיצט. לעבן אירע פעסטע קני רײַבט זיך די גאנצע צײַט א מיד יינגעלע פון א יאָר פיר, א פּארטשאדעטע פון לאנגן וועג — א קליין שימקעלע. שימקע האָט דאָס קינד שוין א פּאָר מאָל געהאלטן אף די הענט, שוין צוריק אראָפּגעלאָזט, און דאָס ווײַבל הערט אים נאָך אלץ ניט אוף צו דערציילן וועגן אירע לעצטע טעג אינעם קאָלווירט אונטער מינסק, פונוואנען זי קומט:

— טוט מען מיך מיטנדערינען א רופ קיין מינסק, ווען איך בין שוין אײַנגעפּאקט אין וועג ארײַן: א נײַס! — אלעמײַ פּארלאָז איך דעם קאָלווירט, אן אומפּאראנטוואָרטלעכקײַט — „סטײַטש ? !" „איר, די ערשטע אקטיוויסטן", „געגרינדעט דעם ליקבעז", „אָנגעפירט מיט די מעלקערנס, מיט די יאסליעס". „אָט ערשט האָט איר דאָך אונדז געטאָן אין טויט ארײַן: איר ווילט א שול, אונדז געשטורמעוועט וועגן א ביבליאָטעק, וועגן א מעד־פּונקט"...

זי האָט געהאט א פול מויל מיט יונגע יידישע צײַטונג־ווערטער:

— „אונדזער שעף, דער הויפּט־טעקסטיל־צענטער".

אין צײַטונג זײַנען די־אָ װערטער געװען האַרטלעך, װי גרינע אַגרעסן, און בײַ איר אין מױל — באַדעקט מיט סאַמעט. פֿון דער אַרבעט האָבן זיך שוין געהאַט אומגעקערט פּרויעם טשערנאָבילער, בעני פּערינצ, מענדל זאַקס. צװישן זײ איז דאָ, װי אײנער אַלײן, געשטאַנען שימקע, זיך אַרומגעקוקט שעמעװ־דיק, װי ער װאָלט די גאַנצע צײַט זוכן אַ װינקעלע אַף צו בלײַבן מיטן װײַבל אונטער פֿיר אױגן. פֿון זײַן לינקער באַק איז צום מױל־צו געקראָכן אַ געקרומטער שמײכל, אַזאַ, װאָס האָט װעגן װײַבל צו זאָגן:

— „מיט צען קעפּ העכער פֿון מיר, לאָמיך אַזױ לעבן... טאַקע אַ װוּנדער, װאָס זי זוכט זיך ניט צו אַ בעסערן... זי װאָלט באַדאַרפֿט לאַנג זוכן?..“

פֿון מיטגעפֿיל צו שימקען האָט דער געװעזענער פֿליטן־טרײַבער פּרויעם טשערנאָבילער אױפֿגערעגט פֿאַרױכערט אַ ציגאַר־מאַכאָרקע און, װי טאָמער בײַ זאָגן אַ כאָכמע, גלײַך אָנגעהױבן זיך פֿאַרהיקען:

— נ־נ־נישקאָשע — האָט ער אַ װוּנק געטאָן צום װײַבל, — אַרב־ב־בעט אַרום די װײַבער װעסטו האָבן אױך דאָ.

אָן אַ קאָל האָט ער אַ לאַך געטאָן צו זיך אין בוזעם אַרײַן:

— אַדעראַבע, נ־נ־נעם זיך טאַקע ב־ב־באַלד דאָ צו מײַן ייִדענע, מאַך פֿון איר עפּ־פּעס אַ שטיקל לײַט!

דאָ האָט ער שטאַרק צוגעמאַכט די אױגן און זיך אַ קװיק געטאָן מיט דער אײגענער כאָכמע:

— ג־ג־גוט!..

פֿון שאַרן זיך ערגעץ אין דרױסן אַרום דער אַרבעט האָט, װי מיט אַ זײַט, זיך אומגעקערט יודל ליפּשיץ, אַפֿילע קײן קוק ניט געטאָן צו שימקעס װײַבל, צו יענע, װאָס שטײען אַרום איר, זיך גלײַך צוגעזעצט אין אַ װײַטלעך װינקל מיטן פּאָנעם צו דער װאַנט — זאָל מען מײנען, אַז ער דרעמלט. אינדערע־

מעסן איז ער גרייט אָפּצושיקן דאָ אַלע צו אַלדי שוואַרצע יאָר. ער הערט, ווי מע דערציילט דעם ווײַבל די מײַסע מיטן ברונעם. דאָס קאָן ליפּשיצן, פאַרשטייט זיך, נאָר פאַרדריסן — עלטערע מענטשן מיט גראָ־ווערנדיקע בערד שפּרינגען אונטער, ווי יונגע צאַפּעס... אַ גליק האָט זיי געטראָפן!.. ס׳עט אָנקומען פּריסקער און וועט דערפאַר אָנליובן די סאָוועטסקע וולאַסט אין טאָג אַרײַן... מע האָט שוין דען אַמאָל אין לעבן געזען, ווי מע גראָבט אויס אַ ברונעם?.. ליפּשיצן ווילט זיך אויש אַ געשריי טאָן: „אַלע האָט איר דאָ פּײַנט די אַרבעט און זאָגט עס קיינעם ניט אויס, און נאָר איך איינער אַליין — איך לײַד דאָ פאַרן עמעס“...

אָט מאַכן דאָ איצט אַלע אַ פריילעכע ווארע שימקעס ווײַבל — זע נאָר, ווי מע איז אַפּן זיבעטן הימל! ליפּשיץ פּלאַצט שיר ניט פון ניט קאָנען אַרויסזאָגן דאָ דעם „עמעס“...

— „צו וואָס שלעפּט מען אַהער די ווײַבער?“

דער „עמעס“ וועט דאָ צערײַסן ליפּשיצן אַף שטיקלעך...

2

יודל ליפּשיץ האָט שוין בײַ זיך געפּויעלט:

— מיילע, וועט מען אויסבויען עפּעס אַ פּיצל דערפל דאָ אין דער טײַגע, וועט מען אויסבויען טיכאָנקע, בירעפעלד, „קאָמונעס“ איבער גאַנץ בירעבידזשאַן... איז וואָס איז דאָ די געדולע? — „דער פאָרפּאָסטן פון אונדזער גרויסן לאַנד“ פון פּריסקערס רעדעס?..

מיט אַ בייזן בליק באַטראַכט ער פון דער זײַט בעני פּרינצן:

— קוק אים אָן, דעם געוועזענעם בעדער... נאָר „פאָרפּאָסטנס“ פעלן אים... פרעג אים באַכיירעם, וואָס איז עס אַווינס — אַ רויער מענטש!

דאָך, פֿאַראַן אײניקע באַווײַזן, אַז בעני פּרינץ איז ניט גאָר אײנגאַנצן רױ — אַלץ נעמט זיך פֿון דער גרױסער גװורע, װאָס ער טראָגט אין זיך, און פֿון דעם, װאָס ביז בירעבידזשאַן איז ער געװען אַ גרױסער קאַפּצן — צו װאָס אַנדערע דערגײען מיטן סײכל, דערגײט ער זיך פּאַמעלעך מיטן געפֿיל. דערפֿאַר טרעפֿט ער דענסטמאָל גלײַך אַהין, װוּהין מע דאַרף — פּונקט אין פּיק אַרײַן.

אָט, צום בײַשפּיל, האָט דער פּאַרטײער פּריסקער אַרױס־געפּאָדערט אַהער אַ פּאָר געװײנלעכע רױטאַרמײיִשע ביקסן און לערנט דאָ פֿון צײַט צו צײַט דעם אױלעם שיסן אין ציל. בעני איז געװען פֿון די ערשטע, װאָס האָט בײַ פּריס־קערן די מעלאָכע גענומען לערנען. ליפּשיץ האָט צוגעקוקט.

— װאָס דרײסטו מיט דער ביקס — האָט ער געפֿרעגט בײַ בענין, — װוּהין צילסטו?

דערױף האָט בעני קאַלט געענטפֿערט:

— איך װײס ניט, װוּהין איך ציל?.. אָט אין יענעם־אָ... װאָס מיט די פּאָגאָנעס...

פֿון בענין האָט מען געלאַכט:

— װוּ זעסטו פּאָגאָנעס, ביק אײנער!

נאָר בעני האָט נאָך ניט געהאַט געענדיקט:

— אָן דאָרט — אויף יענער זײַט גרענעץ... איך מאָל מיר אױס... װי ער קריכט אַהער, װאָס־זשע? איך בין משוגע? — גלאַט אין דער װעלט אַרײַן װעל איך שיסן?..

צולײגנדיק די באַק צו דער ביקס, האָט ער באַנײַס גענו־מען זיך צילן. נו, פֿאַרשטײט זיך, בעני האָט אױסגעשאָסן און ניט געטראָפֿן. בײַ יודלען האָט זיך אױסגעטאָן דאָס האַרץ, װי פֿאַרזאָרגט ער איז ניט געװען — פּאָשעט, װײַל עס טרעפֿט: מיט קלײניקײַטן פֿרײען זיך עלטערע מענטשן, װי פּיצלעך קינדער.

— װאָס דען? — האָט ער װעגן בענין געזאָגט, — אַ בער...

דענסטמאָל האָט פון דער זײַט זיך אָנגערופן שימקעס װײַבל:

— אַזױנע דאַרפן מיר טאַקע דאָ — בערן, װאָס שיסן מיט ביקסן.

טאַקע דאָס האָט ליפשיצן פאַרדראָסן: שטענדיק זאָגט זי „מיר“... און אַלץ — אַף אַ פאַרדרייטן אופן: „זיך אויסלערנען שיסן“ הייסט באַ איר „ליקווידירן אונדזער אַמעראַצעס“.

דעם „מיר“ מיט איר פאַרדרייטן אַרט ריידן האָט זי געבראַכט גרייט פונעם קאָלווירט אונטער מינסק, פונוואַנען זי איז אַהער געקומען.

ליפשיץ האָט זיך שוין דערוווּסט, ווער זי איז פון דער היים: אין די מילכאָמע־יאָרן האָט זי געאַרבעט אין אַ „טאַבאַטשנע פאַבריקע“. זי איז נאָך דענסטמאָל געווען זייער אַ יונגע — פון זיצן טעגלעך פערצן שאָ אָנגעבויגן באַ דער אַרבעט איז איר פאַרבליבן אַ קײַלעכדיקייט אין די פּלייצעס; פון אויסמאַכן זייער גיך פּאַפּיראָסן האָט זי נאָך אויך איצט זייער רירעוודיקע הענט און זייער אומרויִקע פינגער. אַף ליפשיצעס שפּראַך הייסט עס: „אַ מענטש מיט אַ ייִכעס־בריוו“. ער טראַכט וועגן איר אַד לעכעזשבן:

— ט'האָסטו אַ נײַע אונטערטרײַבערן אַף מײַן קאָפּ.

מער ווי אַלץ שטעכט אים דאָ אין די אויגן איר גיכע סקאָמאַנעניש מיטן פּאַרטייער, דעם אָדעסער בוי־אַרבעטער פּריסקערן — ס'קומט אויס ווי דאָס ווײַבל מיט פּריסקערן וואָלטן אַלע יאָרן געוועזן האָבן געזוכט איינס דאָס אַנדערע און וואָלטן איצט, צו מאַזל, זיך צונויפגעפּאָרט דאָ אינמיטן וואַלד אין דער טײַגע, און נאָך — אַזוי גרינג, גאָט צו דאַנקען... אָן אַ שאַדכן אַפילע...

אין די קײַלעכיקע פּלייצעס זעט דאָס ווײַבל אויס אַ בלײַען־פּאַמעלעכע, און אין די הענט און אין פּאָנעם האָט זי אַלע סימאָנים פון אַ גיכער טוערן. מע באַווײַזט זיך ניט אַרומצוקוקן,

ווי זי האָט שוינ אָפגעטאָנ אלע היימ-ארבעטנ אינ איר שטוב-ווינקל, שוינ אָפגעקאָכט, צי אָפגעבאקנ עפעס אינ אויוונ, שוינ געהאָלפנ באמ בויענ — מיט די הענט אונטערנ פארטעכל דרייט זי זיכ ארומ אינ דרויסנ צווישנ די ארבעטנדיקע מאנצבלענ אונ רופט שוינ דאָרט ווידער אָפ פריסקערנ אפ א סאָד — שוינ דאָס וויפלטע מאָל?

— פריסקער — זאָגט זי, — אנו, קומט נאָר אהער.

אונ זי שפאנט מיט אימ אוועק אָנ א זײַט — זי האָט אָנ א שיר פלענער וועגנ פארגרעסערנ דאָ דעמ ייִשעוו, וועגנ שטעלנ פאָדערונגענ דער אָפעראטיווער קאָנטאָר אינ טיכאָנקע, וועגנ ענגערער פארבינדונג מיט די פארטיי-אָרגאנענ אינ כא-באראָווסק אונ מיט עלטערע ניט-ייִדישע ייִשוּווימ. איר פעלט דאָ טועכצ. זי איז אָנגעפיקעוועט מיט אָנ א צאָל אומרויִקע גלוסטעניִשנ, וואָס הייסנ בא איר „שעפטומ” אאוו. ליפשיצנ איז שווער צוקוקנ, ווי זי האָט זיכ דאָ גלײַכ געפונענ איר פאָר — פריסקערנ. פונ טאָג צו טאָג ווערט אימ דאָ ענגער. ביסלעכווײַז הערט ער דאָ אופ צו ריידנ מיט ארומיקע, ביס-לעכווײַז הערנ אימ דאָ אופ די ארומיקע צו באמערקנ. דערצו נאָכ האָט דאָ די לעצטע טעג פאסירט מיט אימ אנ אומאָנגעג-נעמער צופאל. שולדיק זײַנענ אינ דעמ געווענ א פאָר קאליע, בלוטיק-רויטע אונ קראנק-פארפריִעטע אויגנ — דעמ געוועזענעמ אָרעמענ קרעמערס, מאָרדכע פייסעכאָוויטשעס, קאליע אויגנ. מאָרדכע פייסעכאָוויטש האָט געוואָלט ארויסנעמענ אפ אויסצו-וואשנ א פאָר קויטיקע העמדער. איבער זײַנ שלעכטער ריִע האָט ער געטראָפנ צו א פרעמד פעקל אונ דאָרט געפונענ זײַ-נע א פאָר הויזנ, נאָכ גאָר גוטע, קימאט נײַע הויזנ — מע האָט זיי בא אימ אוועקגענומענ נאָכ אינ טיכאָנקער איבערוואנ-דערער-פונקט אינעמ טאָג, ווענ שימקעס גרופע איז קיינ בי-רעבידזשאנ אָנגעקומענ. ער האָט געשטעלט פאר אנ איידעס שימקענ, וואָס האָט אימ דענסטמאָל געזאָגט, אז הויזנ דארפ

מען היטן און אז צווישן איבערוואנדערער זײַנען פאראַנען פאר־שיידענע: „פאראַן רעכטס און פאראַן דער רועכ ווייסט וואָס" — ער געדענקט נאָך אפילע פּינקטלעכ די ווערטער, וואָס שימקע האָט אים דענסטמאָל געזאָגט. הײַנט פרעגט זיכ א קאשע:

— ווי קומען איצט זײַנע הויזן צו יודל ליפשיצן אינ פּעקל?

ליפשיצ האָט, פארשטייט זיכ, מיט גרויס קאס געענטפערט, אז דאָס זײַנען זײַנע אייגענע הויזן — ער האָט זיי געבראַכט מיט זיכ פון דער היים. אײַ פארוואָס האָט ער זיי דאָ קיינ־מאָל ניט אָנגעטאָן? — ער האָט זיי געזשאַלעוועט. פארוואָס האָט זיי פּייסעכאָוויטש לויט אלע סימאָנים דערקענט? — איז דער טערעצ: ערשטנס, איז פּייסעכאָוויטש קימאַט א בלינדער, צווייטנס:

— איינ רוּיטע קו איז דאָ אפ דער וועלט?

און גיי דערגיי אַן עק. בײַזערהייט האָט ליפשיצ ארויסגע־ריסן בא פּייסעכאָוויטשן די הויזן און זיי באהאַלטן צוריק צו זיכ אינ פּעקל. אים זײַנען דערבײַ וויניק אָנגעגאנגען די בליקן פון די ארומיקע. דאָך איז ער דאָ פון דענסטמאָל אָן געבליבן א מענטש מיט א בילבל אפ זיכ. טאָקע אזוי האָט ער געענט־פערט, ווען בעני פרינצ, שימקעס ווײַבל און פּריסקער האָבן אים דאָ אָפּגערופן אָן א זײַט און געוואָלט, ער זאָל גענוי דערציילן, ווי קומען צו אים די הויזן:

— וואָס־זשע — האָט ער דערויף געענטפערט, — איר ווילט דאָ אפ מיר מאכן א ביילעס־פּראָצעס?..

און ער האָט באנײַס פײַנט געקריגן אי בעני אי שימקעס ווײַבל אי פּריסקערן.

3

אָט האָבן שימקעס ווײַבל מיט פּריסקערן דאָ אינ וואלד אָן דער הילף פון א קאלענדאר דערשמעקט, אז די אָקטיאַבער־טעג זײַנען נאָענט, און זײַנען באנײַס געוואָרן אומרויִק, באנײַס

געשלאָסן פֿרײַנטשאַפֿט, באַנײַס געהאַט װעגן װאָס צו סוידען זיך אײנער מיטן אַנדערן. זײ װילן אַהער פֿאַרשלעפּן די אָקטיאַבער-„כאַסענע“ פֿון טיכאָנקע, פֿון בירעפֿעלד, פֿון אַרום בירעפֿעלד, פֿון כאַבאַראָװסק און פֿונװאַנען ניט? זײ צעשיקן אומעטום בריװ און לאַדן אײַן, װי שימקעס װײַבל זאָגט אַף דער שפּראַך, װאָס זי האָט מיט זיך געבראַכט פֿונעם קאָלװירט װאָס אונטער מינסק:

— „ניט קײן פּערזאָנען, נאָר אינסטיטוציעס“.

זײ װילן צוגרײטן אַן אָקטיאַבער־װעטשערע, זײ װילן אװעקשיקן עטלעכע באַגריסונג-טעלעגראַמעס. מיט אײן װאָרט: דער קלײנער ישעװ דאָ אינמיטן װאַלד אין דער טײַגע װעט אין אָקטיאַבער-יאָנטעװ מאַרעש־אױלעם זײַן — מיט קױלע-קױלעס װעט ער געבן צו װיסן קײן מאָסקװע, קײן מינסק:

— איך לעב אַף דער װעלט! כ'האָב עפּעס אױפֿגעטאָן!

דאָס אַלץ דאַרף, פֿאַרשטײט זיך, עפּעס קאָסטן, און שימקעס װײַבל מיט פּריסקערן רופֿן דעריבער קוידעמקאָל צונויף אַ פֿאַרזאַמלונג. אַף דער פֿאַרזאַמלונג מאַכט מען זיך צו לײַטן גלײַך און מע קלײַבט אױס פֿאַר אַ פּאָרזיצער זאַקסן, דאַפֿקע װײַל ער איז אַן אומפּאַרטײיִשער.

יודל ליפּשיץ, כאָטש ער רעדט שױן דאָ מיט קײנעם ניט, פֿונדעסטװעגן נעמט ער אַ װאָרט: ער װיל װיסן נאָר אײן זאַך:

— פֿונװאַנען װעט מען נעמען געלט? פֿון די „קרעדיטן“?.. „קרעדיטן“ װערן געגעבן אַף בילכערס...

דאָ דערהערט ער, װי פּרויעם טשערנאָבילער פֿאַרהיקעט זיך אַף צו זאָגן אַ כאָכמע:

— נו, יאָ... ק־ק־קרעדיטן זײַנען דיר ניט קײן פּאָר הױזן...

ליפּשיץ מאַכט זיך ניט װיסנדיק און זאָגט װײַטער:

— אַלײן רעדט מען פֿון רעזשים-עקאָנאָמיע... אױב מע

ווײַל, טאָ זאָל מען מאכן א סקלאדטשינע, און ניט מע זאָל אויסגעבן אָפּשטשעסטווענע געלט...

שימקע קוקט זיך בײַז אום:

— אזוי גאָר? — אָט ווער עס היט דאָ דעם „רעזשים-עקאָנאָמיע“!..

כאָטש ער איז, זינט זײַן ווײַבל איז געקומען, געוואָרן א ביסל רויִקער און זיך פארלאָזט א באָרד, פונדעסטוועגן צינדט ער זיך אָן אפּ ליפשיצן און כאזערט איבער די ווערטער, וואָס זאקס האָט געזאָגט נאָך איידער מע האָט זיך דערגראָבן צו וואסער אין ברונעם:

— ווען עס געפעלט ניט, יענער קאָן זיך אוועקגיין פונדאנען — מע וועט נעמען געלט פון די קרעדיטן און אים פאר זײַן ארבעט אויסצאָלן.

דערוף ענטפערט ליפשיץ אופגעקאָכט:

— וואָס־זשע? — מע האָט מיך פארסטראשעט?

ער טוט א שפּײַ און גייט אוועק פון דער פארזאמלונג. ער איז ביז גאָר אופגעבראכט. בלײַבן דאָ לאנג האָט ער קיינמאָל ניט גערעכנט — ער דארף אָקאָרשט א טראכט טאָן: עפּשער לוינט טאקע אפּ אן עמעס צו האלטן שימקען און זאקסן באם וואָרט און פאָדערן, מע זאָל אים ארויסצאָלן — פאָדערן דארף מען עס, פארשטייט זיך, אין טיכאָנקער קאָנטאָר:

איצט האָט ער דאָ באנײַס ארבעט אין די נעכט, ווען ער קאָן ניט אנשלאָפן ווערן, — ער רעכנט צונויפּ אפן קאָפּ, פאר וויפל טעג קאָן ער ארויסמאָנען, און וויפל קאָן אים דערפון בלײַבן — די הויזן, וואָס געפינען זיך בא אים אין פעקל, וועלן אים, פארשטייט זיך, אויך בלײַבן — נאָך גוטע, קימאט נײַע הויזן — זײַ זײַנען זײַנע, כאָטש ניט אלע זײַנען אין דעם זיכער און כאָטש פרויעם טשערנאָבילער האָט אָקאָרשט דאָ ניט לאנג באטראכט אפּ פּייסעכאָוויטשן די ביז־גאָר געלאטע־

טע פלודערן און זיך דערבײַ פּאַרהיקעט מיט אַ נײַער כאַכמע:

— ט־ט־טיפּעש דו איינער... ב־ב־בעט אים, ער זאָל דיר כאַטש ל־ל־לײַען די הויזן אָפּ יאַנטעוו...

4

אין עק הימל, דאָרט, וווּ די טײַגע ווערט נידעריק און שיטער, האָט אַ גרויסער שטערן זיך נאָך אַלץ ניט געוואָלט אויסלעשן.

ס'האָט גרוי געשאַריעט. אַ יונגער פראָסט איז פון באַנאַכט געלעגן מיט געפרוירענעם טוי אויף די פײַכטע פעלד־גרעזער, זיי געמאַכט ענלעך צו גראָבע שנייִיקע לאָקשן. באַכעריש־יונג האָט זיך געפלעקט יעדער נאָענטער און ווײַטער באַראָס־טעטער קוסט.

האַלב־פאַרשלאָפן, נאָר פול מיט געפילן, וואָס קערן צום נײַעם אופוואַכנדיקן טאָג, זײַנען פּריסקער און שימקעס ווײַבל געגאַנגען צופוס קיין טיכאָנקע — אַלץ דערפאַר, וואָס דער אָק־טיאַבער־יאָנטעוו איז שוין אָט־אָט פאַר דער נאָז, און ווער ווייס? — עס קאָן זייער שיין טרעפן, אַז אהער אין וואַלד זאָל ער אפילע ניט אַרײַנשמעקן — זיי זײַנען געגאַנגען דערמאָנען דעם יאָנטעוו, אַז זייער יישעוו לעבט אָפּ דער וועלט און וועט זיך ניט לאָזן אַרומגיין. פּריסקער האָט כוץ דעם געדאַרפט אין דער טיכאָנקער אָפּעראַטיווער קאָנטאָר צוליב פאַרשיידענע ווירט־שאַפט־זאַכן. ער האָט מוירע געהאַט, באַ אים זאָל דאָרט ניט צעריבן ווערן דער טאָג און האָט אונטערגעיײַלט. ער איז פון נעכטן אײַנאָוונט געווען פריש אַרומגעגאָלט און האָט די באַ־כערישע פרישקײַט פון די אַרומיקע קוסטעס געפילט ערגעץ טיף אין זיך.

צוריקגערעדט: זינט דאָס ווײַבל איז אַראָפּגעקומען צו

שימקענ זײַנענ אינ קלײנעמ װאַלד־ייִשעװ װי מיטאמאָל ייִנגער געװאָרנ אַלע איבערװאַנדערער, זיכ דערמאָנט יעדערער אָנ זײַנ ייִדענע, װי אַלט זי זאָל ניט זײַנ, זיכ אָנגעהױבנ קלאָגנ, לעמײַ־צוימט מענ ניט איבער מיט װענטלעכ דאָס פאַרענדיקטע הױז אונ מע שלאָפט נאָכ דאָרט אַלע אינײנעמ.

— לאָמיכ אַזױ לעבנ — האָט אָנגעהױבנ שפּײַענ דער גיכ־ריידנדיקער סימכע קאָראָליװוקער, — װי די כאַזײרימ!..

אַפילע דער באַיאָרנטער פּרויעמ טשערנאָבילער האָט אױכ װעגנ דעמ זיכ קלוג פאַרהיקעט אונ אָנגעװױזנ אַפ שימקעס װײַבל:

— ט־ט־טאַקע װי זזזי אַלײנ זאָגט: „סע נ־נ־ניט גגגיִע־ניש"...

װאָס שײַעכ צו פּריסקערנ, האָט ער זײַנ װײַבל — ביילע פּעקערס — צוריק מיט אַ װאָכנ זעקס געלאָזט אינ בירעפעלד אַפ די טראַקטער־קורסנ. ניט לאַנג האָט זי אימ אַהער אָנגעשריבנ, אַז מיט איר האָט געטראָפנ נײַס, נאָר זי װעט עס אימ ניט שרײַבנ — ער װעט קומענ, װעט ער אַלײנ זענ. פּריסקער קלערט װעגנ דעמ: „מינאַסטאַמ האָט זי שױנ אַנ אַנדערנ — זי איז אַלט צװאַנציק יאָר, אונ די יונגע יאַטנ אַרומ איר זײַנענ דאָרט אַלע אײנס אינ אײנס"... דאָס גיט אימ פרײַע הענט איצט, בײס ער גײט איבער געדיכטער טײַגע אײנער אַלײנ מיט שימקעס װײַבל. אַפנ גיכנ גאַנג טוט ער צו איר אַ זאָג:

— כ׳האָב גאָר אינ אָנהײב געמײנט: מע רופט אײַכ כאַנע... אַ?

יענע כאַפט זיכ ניט ענטפערנ. זי גײט לעבנ אימ שמײַ־דיק מיט צופיל טאָפּטענדיקע טריט, װי זי װאָלט דערמיט װעלנ האָבנ מער כײלעק אינעמ װעג, װאָס מע האָט דאָ אָנ איר אױסגעטראָטנ. זי איז גאָרניט אַזױ שײנ, זי „נעמט" מיטנ קאָ־בעװודיקנ אימפּעט. װאָס זי האָט מיט זיכ מיטגעבראַכט פונעמ קאָלװירט אונטער מינסק — װיפל אַרבעט זי זאָל דאָ אינ װאַלד־ייִשעװ ניט האָבנ, איז איר אַלצ עפּעס װי װײניקלעכ. גיב איר

וואָס גיכער א סאַכ קי אַפּ צו מעלקן, גיב איר א פּרויען־גרופּע מיט א „ליקבעז“ און מיט „יאסליעס“ און מיט „נאַגרוז־קעס“, גיב איר יאָנטויווים צו פּראַוועון — אַפּ אלצ וועט קלעקן איר פּרויען־גוורע.

— רופט מיך כאַנע — זאָגט זי, — איך וועל זיך ניט שטאַרק זאָרגן.

אירע היפּשע גרויע אויגן טוען זיך דערביי כיטרע א זייטל צו פּריסקערן און באקומען א וואָכעדיקן גלאַנצ.

— וואָס איז? — פרעגט פּריסקער.

— ניין, — ענטפערט זי, — גאָרנישט.

אוי, זי איז ניט קיין נאַר — זי האַלט, אפּאָנעם, אז קאָל־זמאַן קיין פּולער סאָציאַליזם איז נאָך נישטאָ, האַנדלט ווער נאָך אמאָל אונטער מיט ווערטער באַם ריידן. זי איז אָנגעטאָן ניט גאָר ווינטערדיק. איר קאָפּ איז ביז די האַלבע אויערן פאַר־בונדן מיט א לייכט שוואַרצ שאַלכל. אָט־אָט וועלן די עקן באַם שאַלכל זיך צענעמען און פאַנאַנדערפאַלן. פון אקעגן שפּרינגט איר אין פּאָנעם אריין דער פּראָסטיקער ווינט, קנייפּט איר די באַקן, מאַכט זיי אי ברענענדיק־רויט אי אייז־קאַלט, שוין אפילע ווי צוגעפרוירן.

— לאָזט — שטעלט זי אָפּ פּריסקער, — אָט צעפאַלט זיך אייער שאַלכל. איך וועל עס צובינדן.

ער שטעלט זיך אוועק מיט איר פּאָנעם אקעגן פּאָנעם און לייגט ארופּ די הענט אַפּ אירע אקסלען.

— גיכער — איילט אונטער דאָס ווייבל.

נאָר וואָס איז מיט פּריסקערן געשען? ער קוקט זי אָן. זיינע הענט בלייבן ליגן פאַרגליווערט אַפּ אירע אקסלען און הערן גאָר אינגאַנצן אויף צו בינדן. פון אירס אַן אויג האָט דער ווינט ארויסגעקריגן א שמייכלדיקע טרער. פּריסקער רוקט ארויס זיין צונג, ווי מיט גרייטקייט די הענגענדיקע טרער אָפּצולעקן, דערביי מאַכט ער מיטן פּאָנעם אזא צעקרימטע שי־

קערע האוויַע, אַז בעסער וואָלט ער זי שוין גאָר אינגאַנצן ניט געמאַכט. זײַנע הענט ווערן האַרט און האַרטער, שליסן זיך אונטערן ווײַבלס קאָפּ, ווי צוואַנגען, און טוען זי אַ צי נעענטער צו זיך. דאָס ווײַבל זעט ווי זײַנע ציין פאַרקריצן זיך.

— נו, אָט, — טוט זי אַ זאָג, ווי זי וואָלט זיך דערויף פריִער געריכט.

מיט אַ גיכן טרייסל, ווי מע דרייט אַרויס דעם קאָפּ פון אונטער אַ יאָך, דרייט זי זיך אַרויס פון אונטער זײַנע הענט, אירע ברעמען זײַנען באַרויִגעז, נאָר ניט שטאַרק — דאָס זעט פריסקער. זי שפּאַנט אָפּ עטלעכע טריט און קוקט זיך אום צו אים — אַ פּאָר מאָל אַזוי. איצט זעט ער זי שוין נאָר אין די פּלייצעס. זי איז אַוועק גיך-גיך, זי גייט איינע אַליין קיין טיר־כאַנקע. הײַנט וואָס וועט זײַן? — אײַנײַנעם מיטן ווײַבל האָט ער אָפּצוטאָן אין דער אָפּעראַטיווער קאָנטאָר אַ נייטיק שליכעס אין פאַרבינדונג מיטן נאָענטן יאָנטעוו. ער האָט נאָך דאָרט כוץ דעם אָפּצוטאָן פיל אַנדערע נייטיקע זאַכן, און דער טאָג שטייט ניט — ער וועט דאָ אין דער טײַגע ניט בלײַבן. ער טוט אַ לויף און שפּאַנט שוין ווידער זייער גיך אין איין שורע מיטן ווײַבל. יענע, זעט אויס, רעכנט פאַר איבעריק אים צו זאָגן מוסער אָדער אויסצונעמען מיט אים טנאָים — עס פילט זיך מאַמעש, אַז אויב אים וועט אײַנפאַלן זיך איבערצוכאַזערן, וועט זי, גלייבט זי, מירצעשעם זײַן בעקויעך אים אָפּצוזאָגע־ווינען פון אַזעלכע זאַכן, ניט אַוועקלייגנדיק דערבײַ קיין סאַך לאָשן. אַ ווײַלע גייען זיי גאַנץ גיך און שווײַגן. דאָס ווײַבל זאָגט:

— צו אַלעם ערשטן וועלן מיר אין קאָנטאָר קלאָר מאַכן אַלץ וועגן יאָנטעוו, נאָכדעם וועט איר זיך דאָרט נעמען צו אײַערע אַנדערע זאַכן.

נו יאָ — די אָקטיאַבער־טעג ווערן מיט גרויס פּאַראַד גע־פּראַוועט איבערן גאַנצן לאַנד, דער יאָנטעוו איז אַזוי

גרויס-גרויס, און דאָס, וואָס צווישן זיי דאָ האָט פּאַסירט, איז אַזוי קליין. ס'איז אַ געלעכטער — איבער אַזאַ קלייניקייט זאָל אין וואַלד-יישעוו ניט געפּראַוועט ווערן דער יאָנטעוו?..

לאָזט זיך אויס:

אַלע נײַע יישוווים ווילן פּראַוון בא זיך דעם אָקטיאַבער־יאָנטעוו. פון אומעטום זײַנען איצט צוליב דעם קיין טי־כאָנקע געקומען מענטשן און זשובן אַרום דער אָפּעראַטיווער קאָנטאָר, ווי אַרום אַ ראַשיק וואָקזאַלכל. פּעסל—פרויעם טשער־נאָבילערס — זאָגט דערויף:

— וואָ-דען? — אַז אַליין איז יעדער נײַער יישעוו גרויס, ווי אַ הון זיצנדיק, און אײַניינעם מיטן אָקטיאַבער־יאָנטעוו איז מען דאָך „גרויס” אַזש ביז קיין מאָסקווע!

זי איז דאָ אַ האָרעלע אויסגעוואָקסן. אירע אַקסלען — שטאַרק ווי געווען, איר פּאָנעם — פאַרברענט ווי געווען. בלויז איר קורץ פאַרשפּיצט נעזל האָט אַ וואַקס געגעבן אין דער קרום — דאָס נעזל וויל זען, וואָס מאַכט דער רעכטער אויער. פריסקער דערפרייט זיך מיט איר:

— ביסט נאָך אַלץ דאָ? נאָך אַלץ באַם איבערוואַנדערער־פּונקט?

פּעסלס אויגן זײַנען אַזוי שוואַרץ, אַז זיי מאַכן אַזש אַרום זיך טונקל די ווײַסלעכער. די „פּאָרציע שייגעץ” איז אין זיי ניט געמינערט געוואָרן אַפ קיין האָר. אין איר ענטפער פילט זיך אַ בייזער אָדערויף:

— ווו דען זאָל איך זײַן? אַפן הימל? איך וויל אין דער יוגנט-קאָמונע, לאָזט מיך די קאָנטאָר ניט אָפּ... „דיסציפּלינע...” איר זײַט אַ קאָמיוגיסטן” — דאָ מאַכט זי נאָך דעם אינזשעניערס קאָל, — טאַקע נאָר איך בין דאָ די גאַנצע „דיסציפּלינע”, ווי וועלוול זאָגט: האָבע די ערע... ער איז איצט דאָ, וועלוול — געקומען פון דער יוגנט-קאָמונע. אָרקע באַסקער איז אויך דאָ. ער פּראַוועט זיך איצט באַם אינזשעניער אין צימער.

א שלאָף מיט נייס:

ארקענ האָט מענ אראָפּגענומענ פונ דער קאָמונע און אימ אוועקגעשטעלט אינ בירעפעלדער טראַקטער־פּאַרק אפ לייבלס אָרט. לייבל איז גאָר אפ זייִנ לעבנ קיינ מעכאַניקער ניט גע־ווענ — פאַר דער רעוואָליוציע האָט ער גאָר געהאַט עטלעבע אייגענע גרויסע דרעש־מאַשינעס און פלעגט זיי פאַרדינגענ פּריצימ אפ „מאָלאָטבא". ארקע און וועלוול זייִנענ אהער גע־קומענ נאָכ נעכטנ. באַנאַכט איז אפ דער בירע זייער שטאַרק אוועק די „שוגא", ביז דער טייַכ וועט פאַרפרוירנ ווערנ וועלנ זיי צוריק זיכ אריבערשיפנ ניט קאָנענ ניט מיטנ פּאַראָמ און ניט מיט קיינ שיפל. זיי ווייסנ דערווייַל נאָכ ניט וואָס זיי וועלנ טאָנ.

— אָ! — זאָגט פּריסקער צו שימקעס ווייַבל, — גוט. מיר נע־מענ זיי צו אונדז אפ יאַנטעוו.

בא דער קאָנטאָר־טיר פּאַקט ער וועלוולענ — א צעוואָקסע־נעמ, א פרייַלעכ־אופגעלייגטנ. פונ אימ דערוויסט ער זיכ, אז אינ דער יוגנט־קאָמונע איז אי גוט אי ניט גאָר גוט — אפ וועלוולס גיכ־קנאַקנדיקנ לאָשנ הייסט עס:

— סע וואָלט געקאָנט זייִנ נאָכ בעסער, דערווייַל לעקט מענ פונ שפּיצ מעסער, מע וואָלט געקאָנט פּליאַסקענ האָניק מיטנ פולנ פּאָלאָניק.

וועלוול דאַרפ קיינ סאַכ ניט האָבנ — פונ באַגעגענענ זיכ דאָ מיט באַקאַנטע קוועלט ער אָנ, ווי פונ ארייַנכאַפּנ דאָס גרויסע געווינס אינ אנ אומגעריכט גליקלעכער לאָטעריי. גאָר אַנדערש איז ארקע באַסקער — פונ פראַוועג זיכ באַמ אינזשע־ניער טאָדינ אינ צימער קומט ער ארויס מיט ערנסט בוילעטע שטרויס־אויגנ.

— א? — פרעגט ער בא פּריסקערנ, מיר האָבנ, דאַכט זיכ, איצט בא אונדז דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט...

ער ציט אייַנ ס'פּאַסיקל בא די הויזנ און ענטפערט זיכ אליינ:

— כ'האָב זיך שוין פּאָשעט פֿארבענקט... דאָ פֿילט מען די דיקטאטור נאָך אַלץ א ביסל קנאפּ.

פֿון דער זײַט דערהערט זיך א באקאנט מיידלש קאָל — פּעסל טשערנאָבילערס בייז קאָל. אַלע קוקן זיך אום, גייען צו נעענטער:

— וואָס איז?

— ניין, — ענטפֿערט מען — גאָרנישט...

דאָס רעדט זיך פּעסל אָפּנהערציק דורך מיט א יונגנמאַן אין אַן אַלטער רויטארמייִשער שינעל און אַן אָפּגעפֿליקט מיצל. ארקע, וועלוול און פֿריסקער גייען אויך אהין צו. דער יונגער־מאַן, לאָזט זיך אויס, איז פֿון יענע, וואָס כאַפּן זיך אריבער אהער אומלעגאַל פֿון שכייניש לענדער, — ער האָט אין פֿאר־באַנד קרויוּים און האָט שוין געדינט אין דער רויטער ארמיי. אין איינער א געזוערד־אָפּטיילונג האָט ער זיך אָנגעגעבן פֿאַר א בויער, געקומען אהער מיט א „נאריאד" און מיט א „ליטער". ערשט דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן: באַ קיין שום בוי־פֿאַך האָט ער אָפּ זײַן לעבן ניט געארבעט, איי פֿארוואָס האָט ער אין געזוערד־אָפּטיילונג זיך אָנגעגעבן פֿאַר א בויער, גיט ער דערויף א קלאָרן ענטפֿער:

— אַן אומגליק א גרויסער! — א בויער פֿון סאָציאַליזם און שוין!

פֿון פּעסלס ברענענדיקע אויגן פֿליִען צום יונגנמאַן פֿונ־קען. יענער איז א בלאָנדער, א קאַלטלעכער. ער מורמלט עפּעס מיט אומפֿארשטענדיקע ווערטער:

— ווּעסהאלב קענטע איך וויסן?

טאקע דאָס פֿארדריסט נאָך מער פּעסלען — דאָס, וואָס צו אַלע מײַלעס זאָגט נאָך אָפּ זיך דער יונגערמאַן, אַז ער איז פֿון דײַטשלאַנד:

— אָ! — זאָגט זי — טאָמער איז ער געווען א יאָר אין גערמאַניע... ער איז אזוי א דײַטש, ווי איך בין א גובערנאַטער.

— יאָ! — גיט זיך אליין אָפּ דעם באריכט ארקע באַסקער.

ער פארוקט אין זײַנע געקרײַזלטע האָר א גאַנצע האַנט פינגער און פארגעסט זיי פון דאָרט ארויסצונעמען. צי הערט ער ווי פּריסקער בעט אים אפ יאָנטעוו אין וואַלד־יישעוו? — יאָ, ער האָט אַן אַנדער פּלאַן: שוין עפּשער בעסער, מיינט ער, זיך אראָפּצוכאַפּן אפ יאָנטעוו מיט דער באַן צו דער סאָפּקע אפ סטאַנציע וואָלאָטשײַעווקע, ווו מע האָט זיך געשלאָגן מיט קאָלטשאַקן. ער זאָגט עס, ווי עמעצן, און עפּשער זיך אַליין, אפ צעפּיקעניש:

— דאָרט, נאָר איינער, האָסטו פּארטיזאַנער מיט א פּאַרטיי־קעמערל באַם דאָרפראַט, מיט א קאָמיוג־קעמערל.

— וואָס איז — רופט זיך אָן פּריסקער, — וואָס קוועטשט דיך?

— וואָס קוועטשט מיך?..

ווען ארקע זאָל זײַן ניט קיין טראַקטעריסט, נאָר א פּראָפעסיאָנעלער רעדנער, וואָלט אים איצט נאָך אַלץ געווען שווערלעך קורץ און גלאַטיק צו ענטפערן. די פּאַראָנדקעס אין בירעפעלד און ארום בירעפעלד זײַנען ניט אַזוינע, וואָס זאָלן באַזונדערס געפעלן. דאָ אין טיכאָנקע זײַנען זיי ניט בעסער. מיט דער אָפּעראַטיווער קאָנטאָר פירט אָן אַן אויסגעשלאָסענער פון פּאַרטיי — א געוועזענער טראָצקיסט מיט גרויסע פּלענער — אפן קלייניקײַטן קוקט ער דורך די פינגער, צום בײַשפּיל, אפן טאַבלעס, וואָס מע האָט געמאַכט פון בירער טראַקטער־פּאַרק. צו מאָסקווער „קאָמערד" און „געזערד" איז ווײַט. איבערוואַנדערער קומען נאָך אַלץ מערסטנטייל ניט אַזוינע, וואָס מע דאַרף דאָ. קיין פּאַרטאָרגאַניזאַציע אפן אָרט איז נישטאָ. צו וועמען ריידן? סע גייט דערווײַל אַלץ פון זיך—סאַמאָטיאָקאָם. דאָס אַלץ איז ארקען ניט גרינג מיטאַמאָל אויסצוזאָגן. ער דערפרעגט זיך, צי פון כאַבאַראָווסק, פון קאַנטקאָם וועט עמעצער אהער אפ יאָנטעוו אראָפּקומען.

— אויב ניין, — שמייכלט ער צו, — וועט אפילע ניט זײַן

ווער זאָל דאָ געבן א גאַלאָוואָמויקע אָדער פון ווענמען צו באקומען א גאַלאָוואָמויקע.

— וואָס ווילסטו?—פרעגט פריסקער,—דער צק זאָל וועגן דיר קלאפן אין די פויקן?

פריסקער קומט אָן פון אן אָנגעהויבענער, שוין א ביסל געמאכטער ארבעט אין וואלד. ער אליין האָט דאָרט די אר־בעט א רוק געטאָן. ער האלט, אז אין אייניקע זאכן איז ארקע אינגאנצן גערעכט, אין אייניקע—א ביסל גערעכט, און אין אייניקע—גאָר אינגאנצן ניט גערעכט. גראָד קומען איצט די אָקטיאבער־טעג, און דעם ־אָנטעוו מוז מען אפן ברייטסטן אויפן אויסנוצן אויך פארן ייִשעוו אין וואלד. מע האָט זיך פונדעסטוועגן דאָרט פיַין אָנגעמאָרדעוועט באַם ברונעם, בא בויען די ערשטע היַיזער, בא קאָרטשעווען. פאראן דאָרט צווישן די אי־בערוואנדערער הארטע בעוורע, און זיי דארפן פון עמעצן הערן, אז זיי זיַינען פיאָנערן פון אן אָנגעהויבענער גרויסער ארבעט און וויסן, צו וואָס דארף מען דאָ די ארבעט.

— לאָמיך וויסן—שטייט צו פריסקער צו ארקען,—ווילסט, עס זאָל זיַין בא אונדז יאָנטעוו, צי ניין.

פריסקערן קומט צו הילף שימקעס וויַיבל. שוין דאָס אליין, וואָס וועגן אזוינע זאכן קאָן זיך עמעצער גאָר קווענקלען, איז אפ איר לאָשן—אָט הערט:

— „סאבאָטאזש פון דער העכסטער מאדרייגע".

— יאָ, יאָ—זאָגט זי צו ארקען,—וואָס קוקט איר מיך אזוי אָן?.. ווארעם דאָס אלץ, אז איר וועט זאָגן אפ א פאר־זאמלונג, וועט עס זיַין זעלבסטקריטיק, און אז איר זאָגט עס דאָ אין דער שטיל, איז דאָס, האָט קיין פאריבל ניט אָדער האָט יאָ פאריבל, די געוויסע שעפטשעריַי... מיר קענען זי... אדעראבע, קומט טאקע מיט דעם צו אונדז אפ דער אָקטיאבער־פיַיערונג, און זאָלן מיר דאָרט אלע וועגן דעם וויסן...

שימקעס וויַיבל, זעט זיך, וויל דאָ אפ קיין איין רעגע

ניט פארגעסן, אז אינעם קאָלווירט אונטער מינסק איז זי געווען איינע פון די ערשטע אקטיוויסטנס. זי האָט שוין דאָ א רייד געטאָן מיטן יונגנמאן אין דער רויטארמייִשער שינעל און זיך איבערצייַגט, אז קיין באזונדער גרויסער אומגליק איז דאָ ניט געשען—פון פארשיידענע דאָקומענטן, וואָס ער באווייַזט, איז קלאָר, אז אין דייַטשלאנד האָט ער א יאָר דרייַ געארבעט בא א פויער אפן לאנד. אין „געזוערד" האָט ער געזאָגט וועגן זיך, אז ער איז א בויער און געמיינט—א „פויער" (אלץ דערפאר, וואָס אין ריידן ווארפט זיך בא אים דורכ א דייַטשיש וואָרט), יענע אָבער האָבן געהערט „בויער" און געמיינט „בויער".

— האקיצער—זאָגט דער יונגערמאן,—בויער-פויער, פויער־בויער, און ט'האָט איר אייַך די גאנצע געשיכטע און שוין... און לאָזט מיך לעבן אפ דער וועלט.

ער איז בעטעווע א ביסל א קאלטלעכער, און מע מוז אים פריִער גוט צעוויגן, קעדיי ער זאָל באווייַזן כאָטש א טייל פון די פארשיידענע פאפירלעך, וואָס ער האלט בא זיך אין זייַער אן אָפגעריבן צעראטן בייַטעלע. פון איינעם אזא פאפירל ווערט קלאָר, אז ער איז, ביכלאל, ניט קיין מענטש פון לוסט־רייַזעס—א קאָמפעטענטער אנשטאלט שטעלט פעסט, אז פון איינעם א קליינעם לאנד האָט ער אין זייַן צייַט געמוזט אנט־לויפן קיין דייַטשלאנד, ווי א פאָליטישער עמיגראנט. הייַנט וואָס וויל מען פון אים? אין דייַטשלאנד האָט ער ווירקלעך דרייַ יאָר שווער געארבעט בא ערד? אין דער רויטער ארמיי האָט ער ווירקלעך געדינט? אז מע צעוויגט אים גאָר שטארק, באווייַזט ער נאָך א פאפירל—ער איז א שטיקל ספעציאליסט בא פיצוכט. טאקע ווייַל ער איז בעטעווע א קאלטלעכער, איז אים שווער צו פארשטיין:

— וואָס איז דאָ דער ראש?—מע האָט שוין דאָ אזוי פיל מענטשן, אז עס פעלן שוין נאָר בויער און ניט קיין פויער?

איצט בעט זיך שוין מאמעש, מע זאָל דעם יונגנמאַן געבן א נייעם נאָמען. דאָס טוט פריילעך וועלוול — ער רופט צו דעם יונגנמאַן נעענטער צו פריסקערן און צו ארקען:

— קומט נאָר אהער, כאַווער בויער־פויער.

פריסקער מיט שימקעס ווייבל זיינען זיך מעיאַשעוו, צי איז ניט קעדיי א רייד צו געבן מיטן אינזשעניער, אז דעם יונגנמאַן זאָל מען שיקן צו די איבערוואַנדערער אין וואַלד־דערוויילו אף א פּרוּוו.

— א? — פרעגט ער בא ארקען, — ווי מיינסטו?.. ס'קאָן צוקומען א מענטש...

ווי אָנגעבלאָזן אף דער פירונג ארקע זאָל איצט ניט זיין, ווערט ער דאָך א ביסל לעבעדיקער פון דעם, וואָס אָט — עס קומט צו א מענטש. עס בלייבט, פונדעסטוועגן, אז אין וואַלד־יישעוו וועלן אף די אָקטיאַבער־טעג זיך אראָפּכאַפּן אי ארקע אי וועלוול, און ווי פריסקער זאָגט:

— מע וועט זען, אז עפּעס האָט מען דאָך אָפּגעטאָן, און מע וועט כאַפּן דעם עמעסן הוליע, און יאָנטעוו וועט זיין יאָנטעוו.

קאַפּיטל דרײַצן

1

דער טאַטע פֿונעם נײַעם וואָלד־יישעוו איז אין א געוויסער מאָס דער איבערוואַנדערער מענדל זאַקס. ער האָט אַהער דורכגעלייגט די ערשטע טריט פֿון טיכאָנקע. ער האָט דאָ ניט געלאָזט דעם אויליעם זיך צעלויפֿן, ווען עס האָבן זיך ארויסגעוויזן גרויסע שוועריקײַטן באַם גראָבן דעם ברונעם. דער טאַטע פֿונעם יישעוו האָט דענסטמאָל פּאָשעט מעכאַבעד געווען די פּאַניק־מאַכער מיט א רוסישן „אין דער מאַמען ארײַן”. נאָר וואָס פֿאַר א ווערט קאָן האָבן בא קינדער א טאַטע, וואָס פֿאַלט ארײַן אַלע רעגע אין כּאַאָס? דערפֿון קומט פֿאַרשטײַנערטקײַט—א טאַטע בלײַבט רויִק־קאַלט, ווען קינדער היצן זיך. אַזוינער איז מענדל זאַקס; פֿאַרשטיינערט זײַנען אָפּט אַפֿילע די איינציקע גראָע האָר אין זײַן ביז גאָר שוואַרצער, האַרטער און קורצער באָרד—ער האַלט זיך פֿעסט אין די הענט, מענדל. ער רעדט נאָר דענסטמאָל, ווען אַנדערש קאָן מען שוין ניט אויסקומען.

— וואָס־זשע וועט ער עפּעס זאָגן איצט?

דאָ האַנדלט זיך וועגן דער טײַגעס א שפּאָגל־נײַ מעשוגאַס—א ווײַס מעשוגאַס.

2

שניי־שיטעניש.

פֿײַפֿעניש, בלאָזעניש, דרייעניש האָבן צונויפֿגעטריבן אַלע איבערוואַנדערער אין איין שטוב ארום שטאַרק־אָנגעהייצטן אויוון.

קיינער ׳טוט ניט גאָרנישט שוין דעם צווייטן טאָג. מע קוקט אין די צוגעפרוירענע פאַרבלאָזענע פענצטער און מע וואַרט, סע זאָל אופהערן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך פאַרנאַכט, אין יענעם טאָג, ווען פּריסקער מיט שימקעס ווײַבל זײַנען אוועק צופוס קיין טיכאָנקע. ערגעץ אין נאָענטן אַרום האָט דער שטורעם געבראָכן ביימער. אַרום אָנגעהייצטן אויוון זײַנען אַלע געשטאַנען אין וואַרטעניש, אַקוראַט ווי מע ווייסט שוין זיכער: אָט-אָט וועט אײַנפאַלן די שטוב. בעני פּרינץ האָט דערפילט: ער איז יענער, אַף וועמעס גוואַרע מע האָפט דאָ טיילווײַז, ווען מע איז אין קלעם. ער האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס איז? — ס'איז אַ זאַווערוכע און שוין.

דאָס האָט צערייצט דעם בייזן איבערוואַנדערער יודל ליפּשיץ. כאָטש ער רעדט שוין דאָ מיט קיינעם ניט, האָט ער פונדעסטוועגן אַ בורטשע געטאָן:

— ניט מער ווי אַ זאַווערוכע?.. אויב אַזוי, איז אַ העלפאַנד ניט מער ווי אַ מײַזל...

בעני פּרינץ האָט אַף אים אָנגעשטעלט אַ שטאַר אויג און דערבײַ בלויז אַ קרעכץ געגעבן — אַזוי טוט ער שטענדיק, ווען ער וויל געבן קלעפּ און האַלט זיך אײַן:

— יאָ... אַ זאַווערוכע און שוין...

נאָר אָט דאַרף שוין הײַנט אַפּדערנאַכט צופאַלן דער אָקטיאַבער-יאָנטעוו, און דער טײַגעס ווײַס מעשוגאַס האַלט נאָך אַלץ אָקאָרשט אינמיטן רעכטן צעוויגן זיך. דאָס גיט ליפּשיצן שאַנסן, ער זאָל אַלע ווײַלע מיט נײַער נעקאָמע קאָנען אַ טראַכט טאָן:

— אויס... דעם וואָזשנעם יאָנטעוו וועט מען מירצעשעם הײַנטיקס יאָר דאָ ניט פּראַווען.

אַלע זײַנען צאָרעס ווערן דערפון אַ ווײַלע געשטילט. אויב ער מוז דאָ שליסן זײַן מויל, רעדט פאַר אים דער טײַגעס ווײַס מעשוגאַס. פוף מיט נעקאָמע-געפּילן פּאַרוקט ער זיך אין

א ווינקל און ליגט דאָרט מיט צוגעמאַכטע אויגן — א קליינער שימשן-אגיבער, בא וועמען מע האָט אָפּגעשניטן די האָר. אינדערעמעסן איז ער דאָ, ווי שימשן אין זיין צייט, זייער אופגערודערט, פול מיט קריגערישן אימפּעט און מיט קאָכעווו-דיק געבעט: „לאָמיך אומקומען, נאָר אינאיינעם מיט זיי". — ליפשיצעס גאָט איז איצט דער טייגעס ווילד ווייס מעשוגאַס.

די פראגע איז ניט נאָר, צי פּריסקער מיט שימקעס וועלן ווייבל וועלן אין אזא אומקומעניש היינט אהער אומקערן — ס'איז פיל ערגער:

אין וואלד־ישעוו האָט אָנגעהויבן אויסצוגיין עסן. פּריסקער האָט עס געוווּסט איידער ער איז געגאנגען קיין טיכאָנקע און דערפאר אזוי אייליק אהין געלאָפן. מאָרגן-איבערמאָרגן קאָן דאָ אויספעלן ברויט, און וועדליק אין דער טייגע שיט און שטורמעוועט און ווילדעוועט, איז נאָך גאָר ניט געזאָגט, אז אזא זאך קאָן ניט פּאסירן — א נאָווענע בא דער טייגע אומ־צוברענגען מענטשן? ליפשיצן איז א ביסל א שאָד, וואָס די ברידער פּעקער שטעלן איצט אויוונס אין טיכאָנקע און האָבן נאָך צוריק מיט א טאָג אכט ארויסגערופן אהין צוהילף זייערע ווייבער. ליגנדיק איינגענורעט אין ווינקל, עפנט ער פון צייט צו צייט א האלב אויג. דאָס ציילט ער: „וויפל מענטשן וואָלט דאָ, נאָפשיקלאָד, געקאָנט אומקומען?" נו יאָ, — ליפשיצעס מאזל איז נאָך עפּשער ניט גאָר אינגאנצן אונטערגעגאנגען: ליפשיץ אליין האָט נאָך עפּשער ניט גאָר אינגאנצן פארגעסן אין גאָט — יודל ליפשיצעס גאָט איז אמאָל געווען א „גאָט פון נעקאָמע"...

אין שטוב איז שטיל.

די פרויען האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אלע אין איין ווינקל, באזונדער פון די מאנען, ווי זיי וואָלטן זוכן שוץ איינע בא די אנדערע. שטענדיק אזוי — ווי נאָר שימקעס ווייבל ראשט זיך ניט צווישן זיי מיט איר „ליקווידאציע פון אמעראצעס" און מיט „אָרגאניזירן די ארבעט", ווערן זיי צוריק אַלטמאָ־

דישע צעקנייטשטע און פארזאָרגטע ייִדענעס, קראַצן זיך אונטער די קאָפּ-טיכלעך, ווייסן ניט, וואָס מע הייבט אָן צו טאָן. אין סאמע מיטן זיצט צווישן זיי מיט א רויט-געשוואָלענער נאָז סימכע קאָראָליוועקערס ווײַב און האָט שוין מער קיין קויעך ניט אין דער שטיל צו וויינען — דאָס האָט זי זיך ארומגעקוקט, אז זי האָט די טעג דורכגעלאָזט איר מאמעס יאָרצײַט, פארגעסן, ווי סע וואָלט מיטאמאָל אָפּגענומען בא איר דער גאנצער זיקאָרן.

— שוין — שאָקלט זי צו זיך פארטראכטערהייט, — שוין פארטאכלעוועט דאָ דער מאַמעס יאָרצײַט אויך...

און זי טוט דערבײַ באַנײַס א גאָס מיט א סאך הייסע טרערן.

פארוואָס האָט זי זיך עפּעס גראָד איצט אָן דעם דערמאָנט? — ווײַל דעמלט, ווען איר מאמע איז צוריק מיט יאָרן געשטאָרבן, איז אויך געווען א זאווערוכע... ניט אזא ווילדע זאווערוכע, ווי דאָ אין דער טײַגע, נאָר דאָך — א זאווערוכע...

3

פארן איבערוואנדערער פרויעם טשערנאָבילער — דעם שטארקן רייכערער — איז ערגער פון אלץ, וואָס אין זײַן בוזעם, אין קליינעם טאָרבעלע, הייבן אָן אויסצוגיין קאָרינצעס. ער פארהיקעט זיך דעריבער צו אָפּט אפּ צו זאָגן א קלוג וואָרט — אין זײַנער א כאָכמע, בייס ער זאָגט זי, פילט ער קימאט דעם זעלבן טאַם, וואָס אין ערשטן צי באַם פאררייכערן. פריסקער און שימקעס ווײַבל האָבן צוגעזאָגט ברענגען מאכאָרקע... נו, איז האָסטו דיר...

— ד־די טײַגע — לאָזט ער שווער פון זיך ארויס — ד־ד־דערלאנגט דיר אלצדינג אין צו ג-ג-גרויסע פּאָרציעס... קע-קע-קעגן דער זאווערוכע, הייסט עס.

וואָס־זשע קומט ארויס? ווי נאָר ער דערפילט, אז ער האָט גוט „ארײַנגעזאָגט“, צענעמענ אים אָקאָרשט ווי סע קער־צו־זײַנ די גלוסטענישנ באנײַס צו פארייכערנ — פּאָשעט, ווײַל פארנ קלוגנ וואָרט מוז ער וואָס גיכער זיך אליינ מיט עפּעס באלוינענ. דערצו נאָכ געפינט זיך דאָ בא דער זײַט סימכע קאָראָליוקער. פונ גרויס גלוסטעניש א שיט צו געבנ מיט אָנ א שיר רייד ווערנ בא סימכענ די אויגנ אזש בוימלדיק אונ פארגלאָצנ זיך. מיט אזוינע אויגנ קוקט א הונגעריק זויג־קינד בייס עס כאפּט ארײַנ א פולע ברוסט אינ מויל ארײַנ. פרויעמ באוויײַזט נאָכ ניט אויסצולאָזנ, ווי סימכעס גרינג מויל איז שוינ פול אונ פול מיט זאָגעכצ:

— צי, לעמאָשל, די רעגנס, א גאנצנ זומער געכליופּעט... אוואדע גוט פאר ערד. מיר דארפנ דערציילנ? איכ בינ אויס־געוואָקסנ בא ערד. ס׳איז סמעטענע. וואָס־זשע קומט ארויס? סע גוט צו דערטרונקענ ווערנ אינ סמעטענע?..

— מע ווייסט שוינ! — שלאָגט איבער מענדל זאקס, — מע האָט שוינ גערעדט מיטנ אגראָנאָמ — מע וועט דאָ אײַנפירנ גערטנערײַ אונ סקאָטאָוואָדסטווע. די רעגנס וועט מענ אויסנוצנ.

דערבײַ טוט ער קיינ קוק ניט צו סימכענ, ניט צו די ארומיקע. ער הייבט זיך פּאמעלעכ אופּ אונ נעמט אינ ווינקל א הילצערנע לאָפּעטע — דאָס לאָזט ער זיך ארויס רייניקנ די בערג שניי ארומ דער טיר אונ ארומ די פענצטער. אינ פלוג איז זײַנ ארבעט אינגאנצנ אנ ארויסגעוואָרפענע — דאָרט, וווּ ער שארט אָפּ איינ בארג שניי, שיט אָנ די זאווערוכע נײַע צוויי. דאָס כאזערט זיך איבער שוינ וויפל מאָל. בעערעכ אלע שאָ קערט ער זיך אומ אינ שטוב, אונ דענסטמאָל זעט מענ, אז די זאווערוכע האָט אימ גאָרנישט ניט געטאָנ — די גראָע האָר אינ זײַנ הארטער באָרד זײַנענ איצט אָזוי פארשטיינערט, אז זיי צעשויבערנ וועט שוינ קיינער ניט. בא אימ ברענט בלויז זייער שטארק דאָס פּאָנעמ. ער זיצט א פּאָר מינוט אינ שטוב

און לאָזט זיך ווידער ארויס מיט דער לאָפּעטע. ער טוט עס, דאכט זיך, גלאט אזוי, אבי ניט זיצן ליידיק. דאָך, שימקע און בעני פּרינצ גייען אים נאָך אינ דרויסנ און דערזעען, אז אינ זיינ ארבעט איז פאראנ א שטיקל זינ — ער געפינט זיך שוינ גאנצ וויַיטלעך פונ דער שטוב. מיט דער לאָפּעטע טאפּט ער בלויז אָנ דעם וועג, וואָס פירט פונעם יִשעוו קיינ טיכאָנקע, און שטעקט אריַינ אינ ביידע זיַינע זיַיטנ הויכע דראָנגענ פאר א סימענ. אינ שטוב הערט מענ אופ צו זיצנ גלאט אזוי אוןווארטנ — אלע נעמענ לאָפּעטעס און לאָזנ זיך ארויס, קעדיי צו טאָנ דאָס אייגענע וואָס זאקס. יענער רעדט נאָך אלצ ניט אויס קיינ איינציק וואָרט. ס'איז שוינ איינמאָל א זאקס. ער לערנט דאָ אלע אָנ לאָשנ, ווי א פויגל לערנט אָנ דאָשנ קליינע פייגעלעך פליִענ. מע איז שוינ איניינעם אזוי אוועק א פאָר קילאָמעטער פונעם יִשעוו. דער טיַיגעס וויַיס מעשוגאס פארשטארקט זיך מיט נײַ ברומעניש און דרייע־ניש. עס הייבט אָנ נאכט ווערנ, נאָר דאָס שטעלט קיינעם ניט אָפּ — די נאכט וועט זיַינ א ליכטיקע. שימקע הערט פּלוצלינג אופ צו ארבעטנ באַם וועג. ער שעפּטשעט זיך דורכ מיט זאקסנ און גייט צו צו בעניִנ.

— בעני — זאָגט ער, — קער זיך אום אהיים.

— אהיים? — פרעגט טאמעוואטע בעני, — וואָס אי-דענ?

— גאָרנישט. די קינדער זיַינענ געבליבנ אליינ.

— דאָך געבליבנ דאָרט יודל ליפשיצ.

שימקע הייבט אָנ ווערנ בייז:

— טאקע דערפאר גיי אהיים — מע דארפ דיר צע־קיַיענ?

— אהא!..

ערשט איצט האָט עס בעני טויפעס געווענ. ער גייט צוריק אהיים. מאכט ניט אויס, וואָס ער האָט ניט אזוי גיך געכאפּט אינ וואָס דאָ גייט, דערפאר האָט ער פארשטאנענ גרינטלעך.

איצט זאָל זיך מער קיינער פאר די קינדער ניט זאָרגן — זיי זיינען אפ זיכערע הענט.

4

פּריסקער זאָגט וועגן טיכאָנקע:

— ווי אין א מייז־כאפּער אונ שוין: גרינג — אריין, שווער — ארויס.

אין דער אָפּעראַטיוויער קאָנטאָר, ווהין ער קומט טאָמער מיט א היפּש ביסל שליכעסן, דרייט זיך אפ אים דאָס היטל. איינע ארבעט קאָן ער אָפּטאָן אז מע דארף ניט בעסער, ווי נאָר אָבער אים שטייט פאָר אָפּצוטאָן מערערע זאכן, אזוי באלד ווערט ער צעטראָגן אונ ווייסט ניט צו וואָס זיך נעמען פריער.

שימקעס ווייבל האָט אים פירגעהאלטן נאָך אינעם טאָג, ווען זי איז מיט אים געקומען קיין טיכאָנקע:

— כ'האָב אייך אָבער באלד דערקענט...

— טאקע?..

דער צעטראָגענער פּריסקער ווייסט אליין זיין כיסאָרן, דעריבער ארט אים, ווען א צווייטער זאָגט עס אים — דערפון ווערט ער בלויז נאָך מער צעטראָגן.

— וואָס־זשע, איר האָט אין מיר א סימען?

— יאָ, — האָט געזאָגט דאָס ווייבל — מע האָט אייך באדארפט שיקן מיט א קאשקע צו צוויי הונגעריקע קינדער... די קינדער וואָלטן צעריסן געוואָרן פון געוויין, אונ איר וואָלט ארומגעלאָפן מיט דער קאשקע פון איינעם צום צווייטן — קיין עסן וואָלט איר זיי ניט געגעבן.

— טאקע? — האָט פּריסקער ניט געוואָלט ליידן, — איך בין דען אין א יאסליע?

די שימקעכע:

— דאָס איז די מײַסע: צוערשט וואָלט מען אײַך באַדארפט אָפּגעבן אין א יאסליע... צוערשט האָט מען געדארפט פונדאנענ ארויסשיקן אינ וואלד די צוויי פורנ מיט פראָוויאנט, אָט וואָס עס איז געווענ נייטיק... ניט זיך אנידערשטעלן אפּ פיר שאָ ריידנ מיט ארקענ, וועלוולענ אונ מיט אלע אנדערע, ווי זיי הייסנ דאָרטנ... אינ וואלד איז מענ געבליבנ אָנ ברויט.

ווי-ניט-ווי, די צוויי פורנ האָבנ צו שפּעט זיך באוויזנ באַם באַזע-שפּײַכלער, צו שפּעט זיך דאָרט געגומענ אָנלאָדנ. ווענ זיי זײַנענ פארטיק געוואָרנ אפּ אוועקצולאָזנ זיך אינ וואלד-ייִשעוו, איז שוינ געווענ נאָענט צו פארנאכט. ערגעץ פונ ווײַט, פונ אײַבער די קאלט־געוואָרענע צעקרומטע בערג, האָט די טײַגע שוינ געהאט א שלײַדער געגעבנ קיינ טיכאָנקע דעמ אָנהייב פונ איר ווײַס מעשוגאס. פונ פארפינצטערטער הייך, האָט זיך געדאכט, וועלנ אָט-אָט אָנהייבנ טריפנ געפרוירענע בלוט־טראָפּנס.

אינ כאפּעניש האָבנ די פורנ גערירט אינ וועג ארײַנ. צעשויבערטע דעכער האָבנ געסקריפּעט מיט וואָרעניש:

— בעסער קערט זיך אומ.

דערצו נאָכ פריסקער מיט זײַנ צעדרייטנ קאָפּ — ווי נאָר מע איז דערפאָרנ צו טיכאָנקער עקכטע הײַזער, האָט ער גלײַך באקומענ אנ אָפּנ מויל, א פּאָר מאָל א פינטל געטאָנ מיט די אויגנ אונ געבליבנ שטיינ, כאָטש מעלק אימ אויס.

— וואָס-זשע — האָט די שימקעכע ניט גאָר פריײַנטלעך אפּ אימ א קוק געגעבנ — מינעסטאמע מיט מאול זיך שוינ „דערמאָנט, אז מע האָט פארגעסנ“...

— יאָ... פארגעסנ...

פריסקער האָט צוגעלייגט א האנט צו דער באק, ווי באַציינווייטעק:

— פארגעסנ נעמענ פאר פרויעמ טשערנאָבילער די מאכאָרקע... פונ פרויעמענ אונ פונ אלע אנדערע רייכערער אינ וואלד-ייִשעוו

וועט מען האָבן אָפּגעשניטענע יאָר... נאָר דאָס איז א קלייני־קייט.

פאראַן ערגערס:

— פארגעסן צו נעמען דאָס וואָרט באַם הויפּט-רעגיסטראַטער פעסטמאַנען, אַז אויב פון כאַבאַראָווסקער פּאַרטאָרגאַניזאַציע וועט אַפּ יאָנטעוו עמעצער קומען, זאָל מען אים ברענגען אין וואַלד־יִשׁעוו...

אויב אַזוי, וועט פריסקער א לויף טאָן אַפּגיכ צוריק צו דער אַפּעראַטיווער קאָנטאָר. זאָלן די פורן מיט שימקעס ווײַבלפּאָרן — ער וועט זיי אָניאָגן... זאָל מען זיך דערווײַל רוקן פּאַמעלעך...

— פּאַמעלעך?..

די שימקעכע זאָגט דערויף:

— אַדאַנק פאַר אַן אײַיצע!

פּאַמעלעך פאָרט מען שוין סײַוויסײַ — קוים וואָס מע רירט זיך. דער טײַגעס ווײַס מעשוגאַס טראָגט זיך פון אַנטקעגן גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן, בלאָזט, בלאָזט און שטאַרקט זיך כוואַליעסווײַז. די פערד באַביידע פורן בייגן די קעפּ צו דער ערד, זשמורען די אויגן, ווי אַפּ אַנדרעמלט צו ווערן — אָט־אָט וועלן זיי, דאַכט זיך, אומפאַלן, ווי אין גרויס מלויעניש בעשאַס א יאַם־קרענק. ביידע אָנטרײַבערס — א יונגער אָרטיקער אָנטרײַבער מיטן נאָמען יאָסיפּ און דער ייִנגערער פעקער — הויקערן זיך און גייען נאָך באַלד אונטער די וואָגנס. דאָרט איז מען וויפל־ניט־איז געשיצט פון דער טײַגעס בלאָזנדיקן פּיסק. די יונגע שימקעכע גייט שוין אויך נאָך פון אונטן — פון דער צווייטער פור; ווי זי איז אין אָנהייב געזעסן, האָט עס זי שיר ניט אַראָפּגעטראָגן. דער דריבנע-שיטנדיקער שניי דרייט אַפּ אומצוקומען. עס קומט איר פאָר, ווי זי שפּאַנט טיפּ־טיפּ אין א רויך. דער מוליער פעקער טוט א לויף אונטער צו דער ערשטער פור און שרײַט זיך דאָרט דורך מיט יאָסיפן. די מײַ־

סע איז, וואָס דער ווינט האָט שוין ערטערוויַיז אָנגעבלאָזן זייער פיל שניי, און עס וואָלט עפּשער בעסער געווען, ווען אין וועג אַריַין זאָל מען זיך געווען לאָזן מיט שליטנס. מיט ניַיע קרעפטן טוט דער שטורעם א פּאַטש איבער דער ערד, הייבט אויף דעם שניי און פאַרוואַרפט מיט אים די גאָרע וויַיט. דענסטמאָל שטעלן זיך אָפּ ביידע פורן — מיטאַמאָל, ווי פון זיך. ביידע אָנטרייַבער שטייען שוין אויך. דאָס וויַיבל דערנענטערט זיך צו זיי. דער ווינט דערטראָגט שוין אויך צו איר א טייל ווערטער, מיט וועלכע יענע שריַיען זיך דורך:

— דער שניי — וואָס אַמאָל טיפער...

— א מין שיטן!

— מיט וואָגנס וועט מען ניט דערפאָרן.

— וואָס־זשע טוט מען?

אַלע האָפענונגען זיַינען איצט אויפן אָנטריַיבער, וואָס הייסט יאָסיף. דער יינגערער פּעקער איז א לעמעשקע און איז, זינט ער שטייט אויף די פיס, קיינמאָל אויף קיין מינדסט שטיקל אייצע ניט געפּאַלן. דאָס איז געבליבן דערפון, וואָס אויוונס שטעלט ער טאָמער נאָר איינינעם מיט זיַין עלטערן ברודער, און ווען עס מאַכט זיך, אַז די אַרבעט פאָדערט עפּעס אויסצומעסטן אָדער אויסצורעכענען, לייגט ער גליַיך אוועק דעם געציַיג און טוט א גענעץ — ער ווייסט: דער עלטערער ברודער וועט שוין מעסטן און רעכענען אָן אים. וואָס שיַיך צום אָנטריַיבער יאָסיפן, איז כאָטש ער איז מיטן אויסזען נאָך זייער א יונגער — סאַכאַקל א יאָר צוויי־דריַי און צוואַנציק — באַרויִקט ערשטנס, וואָס ער איז א רוס, — דאָס מוז הייסן, אַז ער איז הי געבוירן און קען די טײַגע. ווי נאָר אָבער מע צערעדט זיך מיט אים, ווערט גליַיך קלאָר, אַז ער, וואָס הייסט יאָסיף, און זיַין פאָטער, וואָס הייסט קיריל אַנדרייעוויטש, און זיַין שוועסטערל, וואָס הייסט פּעקליא, זיַינען ערשט צוריק מיט א יאָר אַנדערהאַלבן געקומען אַהער פון אונטער זלאַטאָוסט. פאַרוואָס

זײַנען זיי אװעק פֿון זייער דאָרף? מע האָט זיך דאָרט צו זיי געטשעפּעט — אַזוי ענטפֿערט יאָסיפּ. פֿאַרװאָס האָט מען זיך געטשעפּעט?.. נו, הייבט זיך אָן אַ מײַסע... נו און די טײַגע קען ער? — פֿונװאַנען זאָל ער זי קענען?...

קלאָר, יאָסיפּ איז אַ זינדעלע פֿון אַן אַרויסגעשיקטער באַלעגופֿישער פֿאַמיליע, װאָס האָט זיך גאַנץ שטיל צוגעשאַרט צו ביראָבידזשאַן. דעם װײַבל און פּעקערן װערט דערפֿון נאָך מער אומהיימלעך, עס קומט אויס: מע לאָזט זיך „איינע אַליין" מיט קולאַקעס אין דער טײַגע. דערצו זײַנען שוין אַרום און אַרום פֿאַרשאָטן אַלע װעג־שפּורן — נישטאָ קיין װעג. װי באַ־צילן פֿון אומקום פֿאַטשן דער זאַװערוכעס װײַסע טיילעכלעך אין פּאָנעם אַרײַן.

— איז װאָס װעט זײַן — פֿרעגט דאָס װײַבל — זיך אומקערן?

אין פּעקערן איז צו זען: ער װאָלט געגעבן אַ געגעץ, נאָר אים איז קאַלט. יאָסיפּ ענטפֿערט ניט — ער דרייט פּאָשעט אויס זײַן פֿור קיין טיכאָנקע. איצט פֿאָרט מען צוריק.

ס'איז שוין טונקל. באַם אַרײַנפֿאָר אין דאָרף לויפֿט פֿון אַנטקעגן אַ מענטש. ער דערזעט די פֿורן און בלײַבט שטיין זייער אַ פֿאַרסאָפּעטער — ס'איז פּריסקער.

טאַקע דאָס װעט פּריסקער קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן — װי אַזוי ער האָט דענסטמאָל פֿאַרסאָפּעט געזאָגט:

— דאָס בין איך געלאָפֿן... איר זאָלט זיך אומקערן...

און װי אַזוי די יונגע שימקעכע האָט אויף אים דענסטמאָל אַ קוק געגעבן:

— אַזוי? — האָט זי זיך געכידעשט, — װי קומט עס, װאָס איר האָט עס ניט פֿאַרגעסן צו זאָגן?..

מער װעט ער קיינמאָל ניט זײַן צעטראָגן, װיפֿל שליכעסן ער זאָל ניט האָבן... ער נעמט זיך אין די הענט אַרײַן, ער גיט זיך דאָס װאָרט! — ער װעט פֿאַרפֿירן באַ זיך אַ ביכעלע און װעט טאָמער אַהין פֿאַרשרײַבן לויט דער אָרדענונג, װאָס ער

האָט צו טאָן. אַזוי וועט ער זיך פירן: ער וועט קומען קיין טיכאָנקע, וועט ער צו אַלעם ערשטן אַ קוק געבן אין ביכעלע, וואָס דאַרף ער טאָן צום ערשטן. וועגן אַלעם איבעריקן זאָל געדענקען דאָס ביכעלע און... און זאָל דאָס ביכעלע זײַן צע־טראָגן...

5

איז וואָס קומט אַרויס, וואָס פּריסקער האָט זיך באַלד גע־כאַפּט פירן אַ ביכעלע און באַלד אָפּן ערשטן זײַטל פאַרשריבן „דער יִשעיו איז געבליבן אָן ברויט״? — שוין אַ טאָג און צוויי, אַז דער שניי־שטורעם ווילדעוועט אָפּ אומצוקומען, מיט פורן צושטעלן דעם יִשעיו פּראָוויאַנט קאָן מען ניט. פּריסקער האַלט זיך שוין דאַפּקע איינמאָל אין די הענט — צעטראַגן וועט ער מער קיינמאָל ניט זײַן, אָבער עקן זיך מעג ער? ער רוט ניט און שלאָפט ניט. ער וועט ניט ווערט זײַן, וואָס די ערד טראָגט אים, אויב ער וועט דאָ ניט פּאַלן עפּעס אָפּ אַ סייכל, אויב ער וועט ניט אויסקלערן אַ מיטל, און זאָל אַפילע דונערן און בליצן — דעם יִשעיו אין וואַלד מוז אָפּ יאָנטעוו צוגעשטעלט ווערן פּראָוויאַנט — ער מוז דאָ צוטראַכטן עפּעס אַ פּלאַן. פּריס־קער זעט אויס איינגאַנצן רויִק. בלויז זײַן פּאָנעם איז בלאַס, ווי בײַ אַ טויטן, און זײַנע ברענענדיקע אויגן טוען פון מאָל צו מאָל אַ פינטל — דאָס האַלט ער אין איין טראַכטן:

— עפּעס אַ טערעץ?.. דער יִשעיו אין וואַלד טאָר ניט אומ־קומען...

און אָט איז שוין הײַנט ערעוו אָקטיאַבער־יאָנטעוו. דער פּלאַן איז פאַרטיק!

6

פון טיכאָנקע צום וואַלד־יִשעיו האָט זיך גערוקט אַ טשי־קאַווער קאַראַוואַן — נײַן זעק פּראָוויאַנט זײַנע איינער נאָכן

אנדערן געקראָכן אין טיפֿן שניי, געזונקען, געכאָרכלט, געפֿאַלן, זיך אופֿגעהויבן, געפּויזעט אַלץ טיפֿער און טיפֿער אין דער זאַווערוכע אַרײַן.

די טײַגע האָט זיי פֿאַרהאַנגען מיט אַ קאַלטן שנייִקן רויך, ווי מע פֿאַרהענגט אַ וווּנדער.

די נײַן זעק האָבן קאַיאָר פֿאַרלאָזט טיכאָנקע מיט דער אויסרעכענונג, אַז פֿאַרנאַכט, ווען דער אָקטיאַבער־יאָנטעוו וועט צופֿאַלן, זאָלן זיי האָבן דערגרייכט דעם וואַלד־יישעוו. נאָכן האַלבן טאָג האָט זיך אַרויסגעוויזן:

— אַ טאָעס אין כעזשבן.

דער שניי־שטורעם איז שטאַרקער געוואָרן. מע איז נאָך ניט דורכגעקראָכן אַפֿילו קיין האַלבן וועג. פֿון אַנטקעגן בלאָזן און פּאַטשן מילי־מיליאַסן שטויבעלעך קוועקזילבער.

די זעק האָבן באַשלאָסן פּויזען ביז עס וועט זיך לאָזן, ביז די נאַכט וועט צופֿאַלן, דערנאָך וועט מען זען — ניט קיין פֿילע זעק. אין אונטערשייד פֿון מענטשן, וואָס האָבן קעפּ אָפּ זיך, האָבן זיי געהאַט אונטער זיך יעדערער אַ גאַנצן מענטשן, אַזאַ, וואָס כאָרכלט, באַגיסט זיך מיט שוויס, נאָר ניט טאָמעד פֿאַלט ער אַרײַן אין מאָרעשכוירע. איין זאַק האָט פֿון צײַט צו צײַט אונטערגעזונגען, אַ צווייטער האָט זיך געוואָרצלט, אַ דריטער האָט געלאַכט, ווי אין אַן אָנגעלייגטן ספּאָרט. צווישן דריטן און פֿערטן זאַק האָט זיך אָפּט געפֿירט אַ פֿרײַלעך געשפּעטערײַ.

דריטער זאַק:

— רײַסט מיר אָפּ דיר מײַן האַרץ, פּעסעלע... אַז איך קאָן עס דיר ניט אויסמאָלן...

פֿערטער זאַק:

— טאַקע? איז פֿאַרוואָס ווערט עס דיר ניט צעריסן, ווערלוול?

דריטער זאַק:

— ביז איך טאקע פון אײַזן... וואָרעם וויבאַלד דו טראָגסט שוין, נעבעך, יאָ אזוי שווער, איז געכײַ-בי וואָלסטו שוין כאָטש עפּעס אויסגעטראָגן געזונטערהייט...

פינפטער זאק:

— פע!.. ניט דערלאָזבאר... פּאָשעטע פּאָרנאָגראַפיע... אזוינע זאכן פאַרדינענ דעם שאַרפסטן פּראָטעסט!

דאָס איז, פארשטייט זיך, שימקעס ווײַבל — זי הערט ניט אוף צו באַארבעטן די צײַטונג־ווערטער אפילע אין דער שטארקסטער טײַגע־זאווערוכע, אפילע ווען זי איז אָנגעבויגן אונטער א שווערן זאק. אנדערש פירן זיך אוף אונטער איר די לעצטע פיר זעק — זייער געזעצטע, ערנסט־פויזנדיקע. אונטער זיי געפינען זיך די צוויי ברידער פעקער מיט זייערע ווײַבער. זיי ליגט איצט ניט קיין שפּעטערײַ אין קאָפּ, וואָרעם מע זעט דאָך:

— מע מוז איבערטערפּען און שוין... מע וועט דאָ גיין טײַנען?

וואָס שײַעך צום סאמע ערשטן זאק, איז מאמעש קלאָר, אז ער פירט אָן מיטן גאנצן קאַראוואן. דאָס איז צו זען אין איטלעכן וואַזשנעם ריר, וואָס ער טוט זיך, — ניט ער בייגט זיך, נאָר ער גריסט זיך. ער האָט אונטער זיך א קאָפּ פון א מיניסטער — פּריסקערס קאָפּ, און ווען פּריסקערן איז אָפּגערעדט: אויב ער האָט אפ זיך גענומען איין ארבעט און ניט קיין צען, וועט ער זי אָפּטאָן, מע זאָל אפילע ווארפן מיט שטיינער.

אפ פּריסקערן אונטערן ערשטן זאק איז דאָס ווארעמע מיצל שוין לאנג היפּש פאַרפאָרן אין א זײַט. זײַן רעכטער אקסל, דאכט זיך אים, ווערט אלץ קירצער און קירצער — אָט-אָט וועט שוין ניט זײַן אפ וואָס דער שווערער זאק זאָל זיך האלטן. זײַנע באקן זײַנען צײַטנווײַז אײַז־געפרוירן, צײַטנווײַז ברענענדיק-הייס, ווי אָנגעפּײַערטע לאָמפּן־גלעזלעך. זײַן מויל איז אָפן. זײַנע אויגן — אויגן פון א פיש, וואָס מע צעשנײַדט אים בייס ער לעבט נאָך — קוקן איינצײַטיק אין פארשיידענע זײַטן. אין

דער לינקער האנט האלט ער א לאנגנ פארשפּיצטנ דראָנג אונ טאפּט מיט אימ דעמ וועג אינ טיפֿנ שנײ, ווי א פּאטריארכ. דעמ צווייטנ זאק אונטער זיכ רופּט ער „ארקע“:

— ארקע, ט'אהער!

— ט'אהינ מוז גײנ דער וועג, ווי מײנסטו? ארקע...

בא ארקענ אינ פּאָנעמ איז אײַנגעפרוירנ א שמייכל. אפּ פּאָטער צו ווערנ פונעמ שמייכל האָט ער שוינ אוועקגעלייגט א היפּש ביסל מי, נאָר עס העלפּט ניט. ער איז געפאלנ אפּ א סייכל, וויאזוי צו האלטנ דאָס פּאָנעמ, קעדיי די זאווערוכע זאָל אינ דעמ אזוי שטארק ניט פּאטשנ — אָט אזוי, ניט גאָר אינגאנצנ אפּ א זײַט. אונ טאקע דערפֿונ, קומט אויס, שמייכלט ער: די וועלט, אינ טאָכ גענומענ, איז שוינ ניט קיינ יונגער־מאנ. מע האָט געהאט צײַט צוצוטראכטנ אלערליי קונצנ, אונ אָט וויאזוי מע קאָנ אינ דער טײַגע אינ דער גרעסטער זא־ווערוכע צושטעלנ פּראָוויאנט אונ וויאזוי מע דארפּ דערבײַ האלטנ דאָס פּאָנעמ ניט גאָר אינגאנצנ אָנ א זײַט — וועגנ דעמ האָט מענ עפּעס ניט געהערט, די קאפּאָרע זאָל עס ווערנ... סע הייסט, אפּאָנעמ, אז ער, ארקע, אונ אזוינע, ווי ער, מוזנ איצט ארומטראכטנ יעדע קלייניקײַט, ארויסצוזאָגנ, פונ סאמע אָנהייב אָנ... ס'א געדאנק! — מיינט ארקע — אונ ניט נאָר א געדאנק... ס'איז א צווייטער אופטו: טראכטנ וועגנ עפּעס, ווײַזט זיכ ארויס, איז א מיטל ניט צו לײַדנ אזוי שטארק סײַ פונ דער זאווערוכע סײַ פונ די צעווייטעקטע פּלייצעס אונטערנ שווערנ זאק — דער איקער איז — אינ קאָפּ זאָל זיכ די גאנצע צײַט דרייענ א וואָסער־ניט־איז געדאנק... זאָל זײַנ א פּלוי־דער, אבי אָנ אופהער, אָנ יעדנ מינדסטנ איבעררײַס, אָט אזוי... אלע גלידער ווערנ דערווײַל פארטערפּעט, ווי בא שלאָפּ־נעטראנק, ווי בא גרויס היצ... אהא! ס'איז ווידער א געדאנק! — דערפאר, אפּאָנעמ, פּלוידערט מענ א סאכ אינ א היציק שלאפּ־קײַט: ווייטעקנ ווערנ פארוואנדלט אינ פּלוידערײַ... ס'איז א מינ

כימיע... ווי אין היץ — מע הערט שוין קימאט גאָרנישט, קוים וואָס מע זעט, אָט אזוי: ווי א שיקער טוט מען זיך א שאָקל און א שטעל א פוס, נאָכאמאָל א שאָקל, נאָכאמאָל א שאָקל...

מער האָט ארקע קיין סייכל־זאכן .ווי ניט אופגעטאָן. ס'איז געווען א־ן שוץ פון שיטערע טײַגע-ביימער, ווו מע האָט אָנ־געלייגט די זעק; אין געמיש מיט זאווערוכע איז צוגעפאלן די נאכט — דענסטמאָל האָט ארקע פלוצלינג דערהערט א געשריי:

— מע רעדט צו דיר!.. איז וואָס־זשע שמייכלסטו?!

ווי א געפרווירענער שיקער איז ער געשטאנען אנטקעגן פריסקערן, זיך געוואקלט, זיך באמיט צו עפענען די פארשמאָל־טע אויגן:

— ווער שמייכלט?

— פערד איינער! שטייט און שמייכלט... פארוואָס וואַרפסטו ניט אראָפּ פון זיך דעם זאק?

ווײַזט זיך ארויס: בא ארקען איז די ארונטערגעוואָרפענע רעכטע האנט פארטערפעט געוואָרן ארום זאק — מע מוז אים קומען צו הילף. זײַן רעכטע האנט איז פארשטאָרבן אָדער אָנ־געפרוירן — ווען מע הייבט זי א קאפל אונטער, פאלט דער שווערער זאק אין איין זײַט, און ארקע בייגט זיך אפּ אומצו־פאלן אין דער צווייטער זײַט. פריסקער כאפּט אים אונטער און מאכט א גוואלד:

— פאראקשנטער טאי־שטשאָ!.. ער האָט זיך אויסגעקליבן דעם שווערסטן זאק — וויפל מע האָט מיט אים ניט געטײַנעט: „שיט אָפּ, וועסט ניט דערטראָגן“.

דאָס אלץ איז אופגעמישט געוואָרן אפּ מאָרגן באם פרא־ווען דעם אָקטיאבער־יאָנטעוו אין וואלד־יישעוו — סאכאקל מיט איין אפדערנאכט שפעטער איז, ווי אן אלטע געשיכטע, באריר געוואָרן אין די רעדעס די מײַסע מיט ארקען — וו:אזוי מע האָט אים לאנג געריבן די אָפּגענומענע הענט און לאנג געריבן

דאָס פּאָנעם, ער זאָל שוין אמאָל אופהערן שמייכלען. די מײַסע מיט די באַנאַכטיקע עטלעכע שאָ אינמיטן דער טײַגע — וויִאזוי דאָס צעלייגטע פײַער האָט בלויז געררויכערט, און אַלע וואָלטן דאָרט געוועזן אויסגעפרוירן.

און אויך די מײַסע מיט זאַקס און מיט זײַנע כעוורע איז אין די רעדעס באַרירט געוואָרן — וויִאזוי זיי האָבן ביז שפּעט אינאָוונט פאַנאַנדערגעשטעלט סימאָנים באַם וועג, וויִאזוי זיי האָבן דערזען פּונווײַטנס דעם רויך און געפּאַלן אַפּן סייכל, אַז מע דאַרף אַהין צוגיין א קוק געבן. און וואָס נאָך? — זאַקס, אַז מע גיט אים לעקאָוועד יאָנטעוו א וואָרט, מוז ער, פאַרשטייט זיך, אין פריידן דערמאָנען די צאָרעס באַם גראָבן דעם ברונעם. בעני פּרינצ האָט אויך וועגן וואָס זיך צו דער־מאָנען — עפּעס האָט אים דאָ די גאַנצע צײַט איינער א מענטש געשושקעט אין אויער. פון סימכע קאָראָליווקער איז אָפּגערעדט — ער וועט האָבן צו דערצײלן פאַר קינדס־קינדער. אַלע איבערוואַנדערער איינעם מיט דער יאָנטעוו־נאַכט אין וואַלד־יִישעוו קערן צו דער ראַטנמאַכט, ווי זאַקס זאָגט:

— לאָמיר זאָגן דעם עמעס: ניט ווייניקער, ווי קינדער קערן צו א טאַטן.

און אַלע פילן זיך יאָנטעוודיק־דערהייבן, ווען זיי לייגן דאָס אויס זייערע זיכרוינעס — דאָס באַשטײַערט מען זיך צו דער געשיכטע פון ראַטנבויונג אין דער טײַגע.

7

— שווערע צײַטן זײַנען מיר, האָרעפּאַשנע אָרעמעלײַט, קיינמאָל ניט זשעדנע געווען, — אַזוי האָט זאַקס אָנגעהויבן זײַן רעדע, — נאָר וואָס־זשע? פון שווערע צײַטן האָבן מיר קיינמאָל גאָרנישט ניט געהאַט, אָבער טאַקע גאָר גאָרנישט, און פון

שווערע עטלעכע כאדאָשים בא דער ראטנמאכט האָבן מיר דאָ אינ וואלד א יישעוו... אָט וואָס מיר האָבן...

אינ מיטלסטנ, מער פארענדיקטנ הויז האָט מענ צונויפגעטראָגנ אלע לעמפלעכ אונ קאנעצלעכ, וואָס דער וואלד־יישעוו האָט פארמאָגט, צעטיילט אינ זיי דעם קעראָסינ, וואָס ווערלול האָט אינ א בוטל בא זיכ אינ זאק געהאט.

— נו, וואָס ווילט איר? — האָט בייזלעכ ערנסט א פרעג געגעבנ שימקע, ווענ מע האָט דאָ די אָנגעצונדענע לעמפלעכ צעשטעלט אפ די פענצטער אונ אפ די פאָר הויכע פאָליצעס, — ליכטיקער ווי פונ דער גרעסטער עלעקטרע!

מיט שימקענ איז שטענדיק אזוי: זאקס זאָגט דאָס, וואָס בא אים, שימקענ, ליגט אפ דער צונג. ווי נאָר יענער האָט אינ אָנהייב פונ זיינ וואָרט א רייד געגעבנ וועגנ שווערע צייטנ פונ אמאָל אונ פונ איצט, האָט שימקע גלייכ צו זיכ א מאכ געגעבנ: „נא... אנ עק! איכ וועל שוינ קיינ וואָרט ניט נעמענ, כ'האָב שוינ ניט וואָס צו זאָגנ". אונ וויבאלד שימקע האָט ניט וואָס צו זאָגנ, פארנעמט ער זיכ מיט באלעבאטישקייט, האָט האנאָע פונ דעמ, וואָס ער האָט פריער א ביסל גוט צעשטעלט די בענק — אלע ארומ פרעזידיומ־טישל האָבנ ווו צו זיצנ — זעסטו? — ס'איז נאָכ גוט, וואָס מע האָט זיכ ניט געכאפט פאַנאנדערצוטיילנ די שטוב מיט ווענטלעכ פונ ברעטער — ווו וואָלט מענ דענסטמאָל געווענ געפראוועט דעמ יאָנטעוו? פאָשעט א פארגעניגנ צוצוקוקנ, ווי שיינ דער יאָנטעוו זעט אויס. אָט שטעלט זיכ אופ באמ פרעזידיומ-טישל צומ וואָרט פריסקער. מאָדנע, אויכ ער זאָגט טיילוויַיז פונקט דאָס, וואָס שימקע האָט געוואָלט זאָגנ.

— זאקס האָט דאָ נאָרוואָס געזאָגט: „ווענ ניט די ראטנמאכט, וואָלט קיינ יישעוו דאָ אינ וואלד ניט געווענ" — אזוי הייבט אָנ פריסקער זיינ רעדע, — דאָס איז עמעס. סע וואָלטנ דענסטמאָל ניט געווענ א סאכ זאכנ. ניט נאָר קיינ ברונעמ,

ווי זאקס זאָגט, וואָלט דאָ ניט געווען, נאָר קיין ליכטיקער מאָרגן וואָלט אויך ניט געווען. א וויסטער און פינצטערער מאָרגן וואָלט געווען. פון וווּנדער איז אָפּגעשמועסט. קיין נייַע זעק פּראָוויאנט וואָלטן צו אײַך ניט געקראָכן אין אזא-אָ זא-ווערוכע, איר זאָלט אפילע געווען אומקומען. עפּעס האָט מען ביז דער ראטנמאכט ניט געהערט, אז נייַע זעק פּראָוויאנט זאָלן צו א פארוואָרפענעם יִישעוו קריכן איבער דער פארווייעטער טײַגע. איך בין איינער, וואָס האָט צו אײַך אזא זאק דער־טראָגן, און פונוואנען, מיינט איר, האָט זיך דערוף דערנומען צו מיר קויעך — פון דער ראטנמאכט. איך בין א פארטייער, בין איך. איך דארף ענטפערן דער פארטיי און דאָס הייסט ענטפערן דער גאנצער וועלט. סע איז ניט קיין קלײניקייט. אנטקעגן וואָס-זשע זאָג איך עס? — אנטקעגן דעם, וואָס דאָ אין וואלד-יִישעוו זײַנען פאראן אזוינע, וואָס וואָלטן א באלן געווען, אז די ארבעט זאָל דאָ אוועקגיין ניט פאר א קאָל־ווירט, נאָר פאר אינדיווידועלע ווירטשאפטן, און לאָמיר זיך ניט שעמען און אָנרופן נעמען: קאָפּל גרײַעווער וואָלט דערוף א באלן זײַן, און מאָרדכע פייסעכאָוויטש, און סימכע קאָראָ־ליוּקער, ווי מיר ווייסן, איז דערוויַיל האלב — אהין, האלב — אהער...

— ווער?... איך? — סימכע קאָראָליוקער טוט אזש א שפּרונג פון אָרט, — לאָמיך אזוי ריין זײַן... איך האָב נאָר גע־זאָגט...

סימכען שטילט מען אײַן. פּריסקער ווײַזט אָן אף ארקע באסקער, וואָס שטייט דאָ מיט א פארבאנדאזשירטער האנט צווישן די געסט:

— און אויך ער... לאָמיך אזוי ריין זײַן, ווי ניט צוליב אינדיווידועלע ווירטשאפטן וואָלט ארקע געגאנגען זיך אָפּפרירן א האנט.

דאָס ברענגט דערצו, אז אלע זאָלן אָנהייבן פּאטשן לע־

קאָוועד ארקען און אז ארקע זאָל רויט ווערן און זאָל מיט דער פּאַרבאַנדאַזשירטער האַנט זיך דערפילן אזוי שלעכט, אַז אין זיין וואָרט זאָל ער דאָ מוזן אופדעקן פארן אוילעם דעם סאַ־מע עמעסן עמעס, וואָרעם אַזוינער איז ער, ארקע, ווען אים ווערט גאָר־גאָר שלעכט, קנאַקט ער דעם עמעס אַפּ וואָס די וועלט שטייט. ער הייבט אָן זיין וואָרט דערפון, וואָס אַפּ יאָנטעוו האָט ער גערעכנט זיין בא דער סטאַנציִע וואָלאָטשײַעווקע. ער איז זיך מוידע:

— כ'האָב עס געזאָגט פּריסקערן אין טיכאָנקע: פאַרוואָס? — די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אַרום דער וואָלאָטשײַעווקער סאָפּ־קע געשלאָגן קאָלטשאַקן, האָבן דאָרט אַ פּאַרטקעמערל און אַ קאָמיוג־קעמערל. זיי האָבן אין זייער צײַט ניט דערלאָזט, די אינטערווענטן זאָלן זיך אַרײַנרײַסן אין אונדזער באָלשעוויס־טיש לאַנד, און זיי געגעבן איבער דער טרייפענער מאָרדע. אַנט־קעגן וואָס זאָג איך עס? — אַנטקעגן דעם, וואָס אין די אָק־טיאַבער־טעג נעמט מען זיך אָן אַלע יאָר מיט באָלשעוויסטישן קויעך אַפּ דער ווײַטערדיקער אַרבעט, און גיין נאָך באָלשע־וויסטישן קויעך צו אײַך, איך זאָג אײַך דעם עמעס, איז בא מיר געווען, ווי גיין צו דער גאַנדז נאָך האָבער. וואָס שמייכלט איר? — איך דערצייל אײַך, וואָס איך האָב געטראַכט...

צווישן אוילעם אין עק צימער ציִען זיך אַלץ מער און מער צוגויפּ אַ פּאָר אויגן און קוקן אַפן ריידנדיקן ארקען — ס'איז יודל ליפשיצעס אויגן. אַלץ, וואָס ליפשיץ זעט דאָ איצט, קומט אים פאָר זייער ווײַט, ווי ער וואָלט אַפּ דעם קוקן פון יענער וועלט. יאָנטעוו דאָ אין יישעוו אינמיטן דער ווינטערדי־קער טײַגע, ברענענדיקע לעמפּעלעך, רעדעס, מײַסעס... ס'איז ניט כאַניקע, ניט פּייסעך, ניט פּורים, און זע נאָר די גדולע, זע נאָר ווי אַלע זײַנען פאַרקאָכט. טאַקע דעריבער ציִען זיך איצט אַלץ מער צוגויפּ ליפשיצעס אויגן — אויגן פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַן אייגענעם ווײַן־שענק. דער ווײַנ־

שענק האָט געהאַט אַרום זיך וואָכעדיקע מעג און שאַבאָסים און יאָנטויווים, נאָר איצט איז ער מער נישטאָ און די טעג באַשטייען בלויז פון וואָך און וואָך און וואָך. ליפשיצן איז מאָדנע: ער קען דאָ איטלעכן באַזונדער. באַ דעם און באַ יענעם, אַז מע פּאַקט אים אַליין אין אַ ווינקעלע, קאָן מען נאָך פּויעלן, אַז דערווײַל איז מען דאָ נאָך, אין דער טײַגע, נישט אין גאַניידן. ווי נאָר אָבער זיי נעמען זיך צונויף אַלע אײַ-ניינעם, איז זיי ניט צו דערקענען — זע נאָר, ווי אַלע זײַנען איצט אַפן זיבעטן הימל, אַפילע די ווײַבער... מע הערט, מע שלינגט די „טוירע"...

אַרקע דערציילט, וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע בירעביד-זשאַנער פּונקטן, געפינט כעסרוינעס, געפינט מײַלעס, פּאַלט אָן אַי אַפ „הוראַ-שרײַערס" אַי אַפ יענע, אַז זיי אַנטוישן זיך אין דער אַפּעראַטיווער קאָנטאָר, אַנטוישן זיי זיך אין אַלץ. באַ אַ זײַט פון טיש זיצט זייער וואַזשנע שימקעס ווײַבל און פירט דעם פּראָטאָקאָל. זי איז פאַרפּלאָמט. אַלע רעגע כאַפּט זי אַ קוק אַפ אַרקען און אַפּגיך — אַ שרײַב-אַרײַן:

„דער רעדנער האַלט, אַז בירעבידזשאַן בויט און וועט בויען די פּאַרטיי. ער שטעלט זיך אָפּ אַפ דער לענינישער נאַצפּאָליטיק".

פּלוצלינג פאַרגעסט זי גאָר אײַנגאַנצן, אַז זי פירט דעם פּראָטאָקאָל. פון אַלע זײַטן קוקט מען צו אַרקען, און אויך זי קוקט צו אים. דאָס פאַרבינדט אַרקע בירעבידזשאַן מיט דער גאַנצער בויונג אַפן זעקסטל פון דער ערד, וואָס הייסט פּססר. די ווערט פון דער אַרבעט דאָ אין וואַלד-יישעוו הייבט אָן אַלץ גרעסער און גרעסער ווערן, זי האַלט אין איין וואַקסן, פּילט אָן די וועלט, ווערט אַ פּאָרפּאָסטן פון סאָציאַליזם — אַ ריזיקער אײַזערנער פויסט קעגן אַלערליי אינטערווענטן.

יודל ליפשיץ קוקט צום ווײַבל. כאָטש ער האַלט זי פּאַר זײַן דאַמסוינע און כאָטש אַליין איז ער ניט גאָר קיין יונגערמאַן,

פונדעסטוועגן האָט ער דאָ איינמאָל וועגן איר א רייד געטאָן אזוי גראָב, אז אפילו דער געוועזענער אָרעמער קרעמער מאָר־דכע פייסעכאָוויטש האָט אים דענסטמאָל שוין אויך גאנץ אָפּן געזאָגט:

— פע, איר זייט א מיעסער ייִד אין אזוינע זאכן.

יודל ליפשיץ האָט זיך איינגעזויגן מיט די אויגן אינעם ווייבלס פלאמענדיקע באקן. דער קאָפּ איז אים פול מיט גע־דאנקען, וואָס באומרייִנען זי אפּן לעצטן אויפן. דאָס ווייבל טוט זיך פלוצלינג א כאפּ צום פּראָטאָקאָל און שרייבט ארײַן אפגיך, אפּגיך:

„דער רעדנער דערמאָנט לענינס ווערטער וועגן דער פאר־בינדונג צווישן פּראָלעטאריאט און פּויערטום. ער מאכט אופ־מערקזאם, אז די ארבעט אין בירעבידזשאן האָט זיך אָנגעהויבן ערשט צוריק מיט זעקס־זיבן כאדאָשים. ער רעדט וועגן די ענטוזי־אסטן, וואָס ער האָט דאָ אין וואלד־יישעוו געטראָפן. ער רופט זיי אָן „פּיאָנערן“, ער ווינטשט זיי צו פארוויקלעכן אין דער טייגע די לאָזונגען פון אָקטיאבער, ער רופט די פּויערן זיך איינשליסן. גרויסע אפּלאָדיסמענטן, מע שיקט א טעלעגראמע“...

איצט באקומט דאָס וואָרט בעני פרינץ. ער הייבט אָן מיט די ווערטער:

— ס'איז געווען, ווען איך בין נאָך געווען א בעדער...

ער קוקט זיך ארום און פרעגט בא די ארומיקע:

— וואָס איז? איר האָט אויך קיין צייט ניט?

בעני איז לויט זיין גאנצער קאָמפּלעקציע א מענטש א פאמעלעכער — ער דאַרף זיך צו יעדער ארבעט א קאפּעלע צע־קאטשען, און אויב זיך צעקאטשען, איז, פארשטייט זיך, בע־סער צו פארגיין וואָס פריער. ער בעט זיך:

— לאָזט מיך אויסריידן א וואָרט, צו מיר האָט מען דאָ אויך גערעדט. צו מיר האָט מען דאָ, לעמאָשל, איינמאָל גע־זאָגט, אז איך בין א קו און מע מעלקט מיך...

אויב אזוי, איז פאר ליפשיצן בעסער, ער זאָל דאָ איצט ניט זײַן. ער שארט זיך ארויס אין דרויסן. די נאכט איז א שטילע, א ליכטיקע. קיין שניי שיט מער ניט. נישטאָ קיין ווינט. אזוי, זאָגט מען, איז דאָ שטענדיק: עס שיט סאכאקל איין־מאָל אויס א טיפער שניי און פארטיק — סע שטעלט זיך איין א שליטוועג אפן גאנצן ווינטער. דאָס איז אזוי זיך —. אזא טעווע בא ליפשיצן: איידער ער הייבט אָן טראכטן וועגן דעם, וואָס אים קווען, טוט ער פריִער א קלער וועגן א זײַט־זאך, וועגן א שמאָכטע. דערנאָך לאָזט ער פאמעלעך פון זיך ארויס זײַן געציקלטן זיפצעלע און נעמט זיך צום איקער. ליפשיץ מיינט: ער איז זיך דאָ צו לאנג פארזעסן... עפשער א פרווו טאָן דעם מאזל אפ אן אנדער אָרט?..

ליפשיצעס אָרט האָט אין וואלד־יִישעוו באלד פארנומען דער בלאָנדער יונגערמאן אין דער אָפגעטראָגענער רויטארמייִ־שער שינעל — יענער, וואָס האָט אין דער אָפעראטיווער קאָנ־טאָר קאלטלעך געענטפערט:

— „אן אומגליק א גרויסער! — בויער צי פויער... א בויער פון סאָציאַליזם און שוין!".

ס'איז געווען באלד נאָך די אָקטיאבער־טעג.

פון וואלד־יִישעוו איז א בריגאדע ארויס צו א נײַער האָלץ־פארגרייטונג. העלע זוניקע ווינטערשײַן האָט אין לינקן טאָל א ווארעם געגעבן די פארגאפטע געפרוירענע ווארטעניש. אן אָפגעקליבענער וואלד־כיילעך האָט זיך דאָרט צעשריגן מיט קראכן, מיט קוילע־קוילעס פון פרישן בוים־געוואלגער.

נײַ־ווײַס האָט זיך געשפרייט די טײַגע, געשטוינט פון ניט וויסן, וואָס וועט מען איר ווײַטער טאָן. טיפער שניי האָט אלציינס באדעקט אלע אירע בלאָטעס און אלע אירע אויצרעס.

אינהאלט

זייט

קאפיטל איינס	3
קאפיטל צוויי	45
קאפיטל דריי	73
קאפיטל פיר	90
קאפיטל פינף	105
קאפיטל זעקס	121
קאפיטל זיבן	130
קאפיטל אכט	158
קאפיטל ניין	177
קאפיטל צען	196
קאפיטל עלף	221
קאפיטל צוועלף	233
קאפיטל דרייצן	251

Редактор—А. Хашин. Техред. И. Тененбаум. Корректор М. Иткин. Сдано в производство 25|III 34. Подписано к печати 11|IV-34, Бумага 82×110 1/8, 17 1/4 л. 60.000 п. зн. в п. л. Уп. Главлита В—83627. Тираж 10000.

Тип. изд-ва „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. № 292